STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11667

DER YUDISHER FAR-PESAH

Moses Aaron Shatzkes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-11667-X

9780657116675T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

דער יודישער פאר־פסח

אדער

מנהג ישראל

א שילדערונג פון דעם ארט לעבען פון אונזערע אידען, איבערהויפט אין דער ליטע, אין דער צייט פון פורים ביז פסח. אינטערעסאנטע סצענעס און וואונדערליכע מעשיות. א קריטישע בעטראכטונג פון אלע אידישע מנהגים און פאראדקעס. געשריעבען אביסעל סאטיריש אפט מיט שפאסיגע ווערטלעך און וויצלעך, מהיכא תיתי, זאלען טאקע דיא לעזער נחת האבען פיר זייערע עטליכע גראשען און א ביסעל לאכען אויך.

ממני

המרמ"ז דמזין ומגלה טמירין אזרח ותושב מארץ הנגב.

והמנהג כמנהג יהוא בן נמשי
כי בשגעון ינהג (מ"ב ט' כ')

ניויארק.

אויסגאבע פון „מארגעז זשורנאל".

1901

פאָררעדע.

אין כח בעט, עס איז נישט דאָ קיין קראַפט אין דער פעדער, צו פאָרשטעלען ריכטיג דיא גרויסע שמחה און פערגניגען, וואָס דער שטאַרקער ליעבהאָבער, פון געשיכטע, האָט בשעת ער געפינט דיא גרויסע מציאה, וואָס זיא איז ביי איהם טייערער פון כל סגלת מלכים, וואָס איז דאָס? נאָר איין אַלטער מאַנוסקריפּט (כתב יד), אין וועלכען עס זיינען בעשריבען דיא מדות, און דאָס לעבענסאַרט,חקים ומשפטים, מנהגים וסדרים, פון פאָריגע דורות, דאָס איז גוט בעקאַנט דער געלערטער וועלט, מען דאַרף אין דעם ניט פיעל מאַריך זיין.

דעריבער ליעבע לעזער! וויא מען זעהט אַרויס גאָר דייטליך און קלאָהר, אַז אונזערע אידען אין רוסלאַנד ווערען נשתנה פון טאָג צו טאָג, טרעטען אָפּ מיט ריעזען שריט, פון דעם אַלטען וועג, רעפאָרמירען זיך אין פיעל הינזיכטען, קען מען זיך לייכט פאָרשטעלען וויא דיא שפּעטיגע דורות וועלען זיך געווים קיין בעגריף ניט קענען מאַכען פון דיא יעצטיגע פאָרמעס און פאַראַדקעס פון דיא אידען, זיי וועלען גאָר ניט וויסען דאָס לעבען וואָס זייערע עלטערען האָבען נעביך פאַרבראַכט גאָר זייערע יאָהרען אין צרות, און אין דחקות.

פרעגט איך בעט אייך, איבער וואָס? נאָר איבער דומהייט און שטותים, פון נאַרישע און שעדליכע מנהגים, וואָס קיין איד ווייסט ניט, ווער עס איז געווען דער ערשטער משוגע, וואָס האָט געווים געהאַט א בלבול המוח, און האָט אַזעלכע שטותים אַריינגעבראַכט אין דער אידישער געמיינדע,— כמעט ניט אפילו איינעם פון טויזענד, איז גאָר פאָרגעקומען אופ'ן מוח א קלעהר צו טהאָן „הא? געוואַלד געשריען!“ אפשר זיינען מיר גאָר נאַראַנים? נאָך וואָס זאָלען מיר האַלטען אַזעלכע פוסטע צערעמאָניעס פאַר דינים הלכה למשה מסיני? אפשר איז גאָר אַ סברא, אַז מיר ווערען פאַרשוואַרצט און פאַרפינסטערט אומזיסט? חלעבען עס וואָלט אפשר גאָר ניט קרום געווען אַביסע מבטל זיין אַזעלכע קינדערשע שפּיעלעכלעך, גענוג זיך שוין נאָך שלעפּען וויא דיא שעפּעלעך נאָך דעם בלינדען פאַסטוך.

נאָר חס ושלום אַזעלכע חקירות ודרישות, האָט קיינער קיין העזה געהאט זיך פאַרנעהמען, דער ניט בעקלערטער זאַץ „מנהג ישראל תורה“ האָט פאַר זיגעלט מיט אַ הייליגער חתימה, אַלע שטותים, הבלים און פוסטע זאַכען, און האָט זיי געשטעלט אויף איין מדרגה מיט דיא דינים וואָס „יהרג ואל יעבור“ — נאָ לאָמיר באמת פאַרשטעהן דיא ווערטער „אַ אידישער מנהג איז אַ תורה?“ וואָס איז דאָס אַ מנהג? דער עלטער זיידע אָדער יענער אַלטער מאַן האָט אַזוי געטהאָן, נאַ דאָס איז דער פשט פון דעם וואָרט „מנהג“ נאָ לאָמיר קלערען וואָס איז געוועזן דער אַלטער מאַן? אפשר אַ נביא, אָדער אַ חכם, וואָס איז חשוב'ער פון אַ נביא? דאַכט זיך ניין, נאָ, קען דאָך זיין אַז ער איז אפשר אַ שוטה ופתי און אַ מאמין לכל דבר? אַי וואָס? ער האָט דאָך דאָס אויך בקבלה געהאַט פון זיינע עלטערן, אָט דאָס איז טאַקי אַ קלאָץ קשיא, איך האָב פיינד צו זאָגען, איהר מיינט אודאי אַז אַ זיידע איז שוין גאָר אַ גרויסער תקיף, אָבער גאָר לאַ, דער גאַנץ עלטערער מאַן האָט אויך געקענט זיין אַ גרויסער נאַרר, און איין עם הארץ אויך דערצו, עס איז נאָר שווער געוועזן, און אפשר גאָר גרינג דעם ערשטען נאַרר צו פאַלען אויף אַ רעכטען נאַרישקייט, דער נאָך איז דאָס שוין איבערגעגאַנגען וויא אַ מזמור, פון איין נאַרר צום אַנדערן, פון שוטה לשוטה, ביז עס איז געוואָרען אַ מנהג ישראל, און אגב אורחא גאָר אַ תורה.

איך וויים אַז אַ פרומער איד וועט זיך ניט קענען אויפהאַלטען, און וועט געוויס אַ פרעג טהאָן, נאָך דער שיטה, זיינען מיר דאָך ניט זיכער מיט אַלע דינים, וואָס מיר האָבען זיי אויך נאָר בקבלה איינער פון דעם אַנדערן? אָבער אויף דער שטאַרקער קשיא; וועל איך איהם ענטפערן קורץ און שאַרף, אַ מנהג איז ניט קיין דין, אַ דין האָט דאָך אַ מקור און אַ שורש אין דער תורה, אָבער צום ווענינגסטען אין דער גמרא, אָבער אַ מנהג, איז דאָך דער פשט: דער עולם פיהרט זיך אַזוי, האָטש אַפילו מען ווייסט ניט קיין שום מקור דערצו, קען דאָך זיין אַז דאָס איז אפשר גאָר אַ שטות, וואָס האָט זיין גלייכען נישט.

אַ מופת דערצו, איז דער „מנהג פון כפרות שלאָגען“, וואָס עקזיסטירט ביי אַלע אידען גאַנץ שטאַרק פון אַ לאַנגער צייט, און האָט שוין גאָר אַ פנים ביי אונז וויא אַ דין תורה ממש, מען פרעגט שוין דאָך גאָר שאלות, וואָס זאָל טהאָן אַ אשה מעוברת? וויא אַזוי זאָל זיא שלאָגען כפרות? פיעלייכט טראָגט זיא אַ צווילינג, אָדער אפשר גאָר דריי נפשות? אַ קשיא אויף אַ מעשה!

נאָ דיא פוסקים אחרונים האָבען זיך אפשר קיין צייט ניט גענומען, אַפילו אין אַזעלכע פאַרשימעלטע געשעפטען אויך געבען געזעצע? און טאָלקעווען אַזוי שטאַרק, אַ שטייגער וויא דיא כפרות שלאָגען וואָלט באמת געווען אַ פסוק מפורש אין דער תורה הקדושה, — פון דעסטוועגען האָט דער בית יוסף בפירוש געזאָגט אין שלחן ערוך: (אין דיא יעצטיגע דרוקען, האָט מען שוין דאָס גרייס געוואָרפען, עס לוינט ניט פאַר דער טאַקסע) „אַז דאָס

איז אַ מנהג שטות" דערפון קען מען שוין גוט אַרויסזעהן אַז אַ מנהג וואָס ער איז אַפילו גאַנץ אַלט, קען דאָס אויך זיין פון דעסטוועגען אַ מנהג שטות והבל, וואָס האָט גאָר קיין שום ממשות ניט.

איך ווייס אַז אונזערע לייט קענען זיך איין עצה געבען (דאָס קעפּיל איז חריף) און זאָגען אַז היטען דיא מנהגים, איז איין אַרט „כבוד אב" מילא נאָך דעם גאַנג, מוז מען נאָך טהאָן אונזערע עלטערען. טאָטש או'ו טאָטש. האַ? אַ סברא? וויא זאָגט איהר? חלעבען אַ גוטער פּלאַן, זיין אַ טיפּש, אַ חסר דעת, און גלויבען אַז יעדער מענש מוז נאָך טהאָן אַלע צערעמאָניעס וואָס זיינע עלטערען האָבען געטהאָן. האָטש ער זעהט און פאַרשטעהט, אַז דאָס איז תוהו ובוהו, און גאָלע שטותים, „כבוד אב" איז נאָר אין וועלט געשעפטען, אָבער ניט אין רעליגיאָנס זאַכען.

קומט נאָר אַהער, איהר נאַרדישע פרומע לייט! איך וועל אייך יאָ פרעגען אַ קלאָטץ קשיא, זאָגט מיר, איהר זיינט אפשר פרומער פון אברהם אבינו? אַ קשיא אויף אייך, נאָר מיר דאַכט אַז איהר אַליין וועט אויך מודה זיין, אַז מיר זיינען אַקעגען איהם, אי אין שכל, אי אין מוסר, וויא אַ פליג געגען אַ העלפאַנד,— נאַ וואָס איז געוועזן דיא מעשה מיט איהם? פאַר וואָס האָט אברהם אָבגעטרעטען פון זיין דור'ס וועג? פאַר וואָס האָט ער אַוועקגעוואָרפען אַלע מנהגים, אַלע צערעמאָניעס פון זיינע עלטערען?

איהר מיינט אפשר אַז תרח האָט גאָר קיין צער געהאַט פון זיין זוהן אברהם, וואָס אין זיינע אויגען איז ער נחשב געוועזן געוויס פאַר אַ בן סורר ומורה? גאַנץ געוויס האָט דער תרח טאָג טעגליך געשטראָפט זיין טייערען זוהן מיט אַזעלכע ווערטער: „זעה אברמיל קוק זיך אַרום, וואַרף אַוועק דיינע שטותים, דוא געהסט ניט בדרך הישר, דוא ווילסט זיין קליגער וויא דיין טאַטע און דיין זיידע און דיא גאַנצע וועלט, דוא מיינסט אין אמת אַז דוא ביסט שוין גאָר אַ גרויסער פילוסוף, דוא מאַכסט חוזק פון דער גאַנצער אמונה, פרעגסט אַלעם קשיות, דוא ווילסט אַלעם פאַרשטעהן מיט דיין קינדערשען שכל, פרעגסט וויא קען דאָס זיין? דוא האָסט אַ שטאָלץ צו פרעגען פון וואַנען ווייסט מען דאָס אַלעס? אי געוואַלד אברמ'על! זעה וואָס פאַר אַ שלעכטען שם דוא האָסט געקראָגען אין שטעטיל, אַלע דייטען דאָך אויף דיר מיט דיא פינגער „אָט געהט אברמ.יל תרח'ס, אָט געהט דער אפּיקורס" ווער וועט וועלען זיך מיט דיר משדך זיין? עס איז מיר פּשוט אַ חרפּה אויפ'ן גאַס אַרויסצוגעהן, גאָט ווייסט צו וואָס דוא קענסט קומען" *).

---

*) אַזוי וויא עס האָט זיך טאַקי אויסגעלאָזט דער סוף, אַז נמרוד האָט איהם טאַקי געוואָלט ממש אומברענגען פון דער וועלט, און פאַר וואָס? ניט חס ושלום פאַר קיין שום פאַרברעכען, נאָר איבער רעליגיעזע ענינים, נאָר איבער דיא אַלע זייערע נאַרישע מנהגים.

נאָ אדרבה פרעג איך אייך! וואָס איז באמת געווען דיא געשיכטע מיט אברהם אבינו? וויא איז מען דאָס אזוי מורד געגען אזוי פיעל עלטערע מענשען, געגען אַלטע מנהגים, און געגען דער גאַנצער אמונה? פאַר וואָס האָט ער ניט געלעגט כבוד אויף זיינע עלטערען? נאָר דיא מעשה איז גאָר פשוט, מען דאַרף דערצו גאָר קיין גרויסע פילוסופיא האָבען, דאָס שטיקעל שכל הישר איז פיעל וויכטיגער וויא דער אַלטער מאַן.

איינער אַ קלוגער תלמודיסט ר' אביהו, האָט זיך אין איין אָרט זעהר גוט אויסגעדריקט, בשעת אז ר' ירמיה האָט איהם געזאָגט: „פשיטאָ דהלכתאָ כוותין" עס איז זיכער דער דין וויא מיר זאָגען, „דקשישנא מינייכו" ווארום מיר זיינען עלטער פאַר אייך, „ולאו הלכתא כוותייכו" און דער דין וועט ניט זיין וו"א איהר, „דדרדקי אַתין" ווארום איהר זייט דאָך יונגע מענשען, נאָר אויף דעם האָט איהם ר' אביהו געגעבען אַ קלוגע תשובה בזה הלשון: „מידי בקשישותאָ תליא מלתא? בטעמא תליא מלתא! (ב"ב קמ"ב עס הייסט: יעדער זאַך איז נאָר דאמאָלס וויכטיג, ווען דיא סברא איז דערצו מסכים, אָבער ניט אז יענער אַלטער מאַן איז דערצו מסכים.

על כן איז אונזער פאָטער אברהם דער ערשטער וואָס האָט דערקענט דעם אמתין איינציגען גאָט, וואס אַ חוץ דעם אלעמען איז ער געווען דער שטאַרקער בעל שכל, און דער גלייכער בעל סברא, דער גרויסער קריטיקער מיט אַ געזונ־דען מענשען פערשטאַנד, האָט בעטראַכט דיא גאַנצע געצינדינעריי פון זיין דור, וויא זיא איז דורך הבל הבלים, איין שטות גרעסער פון דעם אַנדערען, גאָללע שקרים וכזבים, פון חלומות, מתים, להשים און קמיעות, פון שדים, רוחות, לצים און מזיקים, מכשפים און מכשפות,— האָט ער אַ קלעהר געטהאָן, ביי אזוינע וויכטיגע ענינים גיבט מען ניט קיין כבוד דיא אלטע לייט מיט זייערע נאַרישע איינבילדונגען, איך מוז געבען כבוד מיין אייגענעם שכל וואס דאָס איז אַ מתנה פון גאָט.

אי וואָס וועט איהר זאָגען, דיא גאַנצע וועלט איז דאָך ניט משוגע, דער גאַנצער כלל קען דאָך קיין נאַרר ניט זיין? ניין דאס איז אַ נאַרישע חקירה, לאָמיר גוט פערשטעהן, פון וואָס בעשטעהט אַ כלל? וועֿר איז דיא גאַנצע וועלט? נאָר פון אַ סך איינציגע מענשען ווערט אַ כלל, פערשטעהט מען דאָך אז אויב יעדערער איינציגער מענש קען זיין אַ נאַרר קען דאָך שוין אַ כלל אפילו פון טויזענדער מענשען אויך זיין דורך נארנים, ווארום באמת איז דאָך „אין בכלל אלא מה שבפרט" דער כלל בעשטעהט דאָך נאָר פון דיא פרטים, נאָ איז פון פיעל איינצעלנע טפשים געוואָרען אַ כלל דורכאויס פון שוטים ופתאים, דער פסוק זאָגט אויך דאָס זעלבע „לא רבים יחכמו" מיינט ניט אַ סך מענשען אין איינעם מוזען זיין קלוג, איין קלוגער מענש איז פיעל וויכטיגער וויא דיא גרעסטע געמיינדע נאַראָנים— מען זעהט דאָך אז אלע סיסטעמען אין דער וועלט, זיינען דאָך נאָר ארויס פון איינצעלע מענשען, דער כלל ווייסט גאָר

ניט, ער טראכט גאָר ניט— אָט מיט אזא קלוגען גאנג האָט אברהם אבינו אָפּגעטראָטען פון דעם נארישען רעליגיאָן פון זיין דור, חאָטש זיינע עלטערן זיינען אויך געווען פון דער סעקטע.

באמת, האָבען בעדארפט אונזערע אידען נאָך געהן נאָך אונזער טהייערען פאָטער אברהם, יעדע זאך בעקלעהרען מיט׳ן שכל הישר, זעהן בעטראכטען יעדער מנהג, יעדער פאראדאָק, צו האָט ער עפּעס אַ ממש, אָדער ניין ? צו איז ער באמת א דין תורה, אָדער גלאַט א שטיקעל חומרא פון א פוסק א פאנאטיקער, וואָס האָט קיין חס ניט אויף יודעש געלד זייערע מיהע און מאַטערניש, ער מיינט אז דיא גאנצע קונסט פון א פוסק איז נאָר אלעס מחמיר צו זיין, ער פארגעסט אז „כחא דהיתרא עדיף“ (קידושין דף ס׳״ דער קונסט און קראפט פון מתיר זיין, איז פיעל בעסער און פיעל נייטגער, מען דארף אַ מאָהל גאָר א קלעהר טהאָן, אפשר איז דאס גאָר אַ מנהג פון אלטע נארישע וויבער ? נאָ ! נאָ ! פון אזעלכע שגעונות איז אויך כדאי אפשר פארשוואַרצט צו ווערען ? דערפאר וועט מען אויך האָבען עולם הבא ? וויא קלעהרט איהר אידען ? א מענש וואָס האָט נאָר אַ שטיקעל קלעפּקע אין מוח, וואס ער איז נאָך ניט גוט משוגע געוואָרען, קען גלויבען אז פאר כפרות שלאָגען, געהן צו תשליך, שמייסען דיא סטענדערס מיט דיא הושענות, שלאָגען זיך מלקות כלומערשט פון שמש ערב יום כפור, (וואָס דאס איז שוין גאָר אַ כבוד געוואָרען, און דער געשמיסענער האָט גאָר דערפון נחת ניט קיין צער חלילה), פאר קויפען חמץ דעם באָד גוי ערב פסח אויף געלעכטער, פון אזעלכע מצות זאָל מען אויך האָבען עולם הבא ?— נאָר אויף אזעלכע שטותים און הבלים וואָס מאַכען דעם אידען קיין ענגשאַפט אין לעבען, קען נאָך דער עקשן דער שוטה זאָגען : וואָס מאַך איך דאָ קאליע ? לאָז זיך מיר דאכטען אז דאס איז גלאט א שפּילכען, אין וויניג נאַרישקייטען פארברענגט מען דען אַ מאָהל דיא טהייערע צייט ?

נאָר זאָל שוין זיין אזוי, דוא ביסט גערעכט, אָבער וואס זאָגסט דוא צו דיא שטותים וואס מאַכען נעבאָך אונגליקליך דעם אידען ? דאכט זיך אַז עס וואָלט שוין צייט געווען זיך ארומקוקען, און מבטל זיין אזוינע געפעהרליכע פאראדקעס כעפּרא דארעא,— וויא פיעל איז דער שיעור זיין אַ נארר ? וואס פאר גליקען האָבען מיר דערלעבט פון אונזערע נארישע געגג ? זעהט איהר, דאָס האָבען מיר יא דערלעבט : צרות, דחקות, ניט עסען, ניט טרינקען, קריעג שלעק, חרפות און בושות.

נאָר וואס שוויגען מיר ? דער איד וויל זיך ניט ריהרען פון דעם אָרט, ער איז אונטער געדריקט אונטער דער משא פון דיא אַלע פּאָרמעס, און ער קען זיי פון זיך ניט אראָפּ ווארפען, פאר וואָס ? ווער האָט דאס אויף אונז ארויפגעלעגט ? ווער לאָזט אנז ניט זיך לויז מאַכען פון דיא דאָזיגע הבלים ?

ווייסט איהר ליעבע לעזער, וואס פאר אַ פּנים דאָס האָט ? דאס איז אקוראט וויא מען לייגט ארויף איין הינדיק (וואס אין דער נאטור געשיכטע האלט

מען איהם נעבאך פאר א גרויסען שוטה) א שטרוי אויפ'ן קעפיל, זיצט ער און ריהרט זיך ניט פון דעם ארט, איהם דאכט זיך אז אויף איהם ליגט א משא פון כמה פוד, אי דוא פתי טהו זיך נאר א ריהר וועסט דוא זעהען? ניין ער האט מורא, אי וואס וועסט דוא אנווערען, דוא מעגסט דאך מאכען א פראבע, אפשר וועט דאס דיר אפגילטען, און דיא משא וועט ארונטערפאלען דורך דיין בעוועגונג? ניין! ער איז אבער במחילה אזוי א נארר אז ער טראכט גאר אז אפילו פריווען זיך איז אויך איין עברה.

אט אזוי ריכטיג זיינען אונזערע אידען להבדיל, מיר רעכענען דיא אלע שטותים וועלכע זינען גרינג וויא שטרוי פאר וויכטיגע ענינים, און דאריבער ליגען זיי אויף אונזער קאפ וויא גרויסע משאות, אבער אין גרונד ווען מיר וואלטען זיך נאר איין טרעססע געגעבען, וואלטען זיי אלע פון אונז אוועקגעפליגען כמוץ לפני רוח. וויא א פאלאווע פאר'ן ווינד.

אבל לכל עת, אויף אלעם קומט א צייט, דער הינדיק מיט'ן שטרוי אויפ'ן קעפיל זיצט אויך ניט שטענדיג אויף זיין ארט, ווען ער אליין האט טאקי קיין שכל ניט זיך צו העלפען, קומט א פרעמדער און טרייבט איהם אוועק פון זיין ארט, דערווייל פליהט אראפ דער שטרוי פון דעם קעפיל, — און אזוי קלעהר איך וועט זיין מיט אונז: ווען מיר אליין האבען זיך מורא א ריהר צו טהאן, וועלען אנדערע סבות אויפהייבען אונז, ביז מיר וועלען פון זיך אפטרייסלען דיא שטרויענע מנהגים, און מיר וועלען אויפהערען זיין בבחינת „הינדיק".

עס ווייזט אויס (אפשר האב איך א טעות הא?) אז מיר ריהרען זיך שוין עטוואס, מיר פיהלען שוין אז אויף אונזערע קעפ ליגט ניט אזעלכע שווערע משאות, וואס איז ניט בכח לויז צו ווערען פון זיי, מען דארף זיך נאר שטארק ריהרען, און מאכען בעוועגונג, וועלען דיא אלע שטרויענע דינים ומנהגים, אוועק פליהען פון אנז וויא דיא רוחות.

אשר על כן קוראים יקרים! זעה איך דאס פאר א חוב, צו לאזען למזכרת עולם, דעם גאנצען פאראדאק פון פורים ביז פסח, וויא עס האט זיך געפאסירט ביי אונזערע אידען, וביותר אין דער ליטא. איך בין זיכער אז דיא שפעטיגע דורות וועלען מויל און אויערען אויפשטעלען, צו הערען דיא צרות און דעם שווערען שעבוד, וואס זייערע עלטערן האבען געליטען אין דער דאזיגער צייט, א סך פיעל ערגער אן שווערער וויא דיא אידען אין מצרים, ווארום דאמאלס איז דאך לכל הפחות געווען וואס צו עסען, וויא מען זעהט ארויס פון דעם וואס דיא אידען האבען געזאגט אין דער מדבר: „זכרנו את הדגה, בשבתנו על סיר הבשר (במדבר י"א ה') באכלנו לחם לשבע (שמות י"ו ג')" נאר זעהט מען דאך אז לכל הפחות עסען איז געווען פלייש און פיש, אפילו ציבאלים, קנאבעל, און קאוואנעס אויך, אבער יעצט איז דאך ב"ה פון פלייש קיין רעדע ניט, אפילו דער פארפלוכטער קרופניק איז אויך נישט דא אין דער צייט, אזוי וויא איהר וועט דא הערען.

שרעקליך און שוידערהאפט וועט זיין צו הערען, וויא מענשען פלעגען זיך מאָרדעווען א גאנצען חודש אין קאטאָרזשנע ארבייט, און זייט אדרבה א בעלן צו פרעגען פאר וואס ? צוליעב וואס ? ווער האָט אזוי אויפגעהאנגען אזא גוריסען לונג און לעבער אויף דער נאָז ? נאָר ווער וועט אייך ענטפערן ? ווער ווייסט ? און ווער וויל נאָר וויסען ? אָט אזוי האָבען דיא פערפלוכטע נארישע מנהגים אונז נידערגעשלאָגען, און פאר שטאָפט דיא מוחות, דיא אויגען גוט פארקלעבט, ביז עס האָט זיך אויסגעדאכט אז אזא ליעבער סדר, און אזא פאראדאָק עקזיסטירט ביי אידען נאָך פון מתן תורה אָן עד היום הזה.—

אפילו אין יעצטיגער צייט, איז נאָך אפשר דער ספור ניט אזוי נייטיג, ווארום אין דיא קליינע שטעדטלעך זיצט נאָך דער עולם, גאנץ רוהיג וויא דיא הינדעקעס מיט דיא שטרויענע מנהגים אויף דיא קעפלעך, און ריהרען זיך ניט פון דאנען אהין, זיי רעכענען גאנץ שטארק אז זיי זיינען בעשווערט מיט גרויסע משאות, וואס מען קען פון זיי בשום אופן ניט פטור ווערען, און אפילו אין דיא גרעסערע שטעדט, וויא פיעל מענשען ריהרען זיך שוין יא א ביסעל, און פיהלען שוין אז מען קען טאקי א שאָקעל טהאָן מיט דעם קאָפ, און דיא שטרויעט אוועק פליהען אין אלדע רוחות, אָבער אין דיא אונטער גאסען, זיינען נאָך אלע אמתע הינדיקעס, (מיינע רייד זאָל זיי ניט צו שווער זיין), נאָ וואָלט דאָך אפשר א פלאַן געווען גאָר ניט דרוקען יעצט, בעסער לאָזען דעם ספור אין א מאנוסקריפט, און דיא שפעטערע חוקרי קדמוניות, זאָלען דאס געפינען, און מאכען דערפון א גאנצען וועזען.

נאָר איך קלעהר אָבער, אפשר וועט דאס יעצט אויך העלפען אחד מן אלף, און ער וועט אביסעל דורך דעם ספור קליגער ווערען, און ווערען אויס הינדיק, אָפשאָפען אביסעל ארבייט אין זיין שטוב, און וועט מיט עטליכע טויזענד קללות וויינינגער הערען פון זיין ליטוואטשקע איבער דעם חודש, נאָר דאכט מיר אז עס איז פאָרט כדאי דאָס אָפצודרוקען, הא ? וואס זאָגט איהר, חלעבען איך וויל זיך טאקע מיט אייך מישב זיין, היינטיגע צייטען איז דאס קערביל זעהר שווער, א קונץ זיך ארייין רוקען מיט עטליכע גילדין אין דרוי. און דער נאָך שריי חי וקים.

איך קלעהר אפילו, אז דאָס בעדארף א סך מעהר נוטצען ברייגנען, וויא למשל ספרי פלפול, וואס דרייהען א מוח אויף אזעלכע פרעדמעטען, וואס איז גאָר באמת קיין מענשען ניט נוגע, צום ביישפיעל: איינער א גרויסער געוויסער גאון, פיהרט א גאנצען פלפול, נאָר אויסווייזען, אז דער (מעיל) ראָק פון כהן גדול איז געוועזען נאָר דווקא מיט איין ארביל, א קוק איז דאָס, איך האָב פיינד צו זאָגען, קיינער האָט נאָך ניט בעמערקט, נאָר זאָל שוין זיין אז ער איז גערעכט, בלייבט דאָך גלאָט דיא קשיא פון דער גמרא, „מאי דהוה הוה“ וואס עס איז געוועזען איז געוועזען, וויא איינער רעדט: ווֹעמעס באָבעס דאגה איז דאָס ? און וויעדער וואס איז דער תכלית פון אזא פלפול ? דערפון וועט אפשר

ווערען פלייש ביליגער ? דיא ערציהונג אפשר וועט זיך דערפון פארבעסערען ? אפשר מבטל זיין איינינגע חומרות, וואס דיא פוסקים אחרונים האָבען גוזר געווען מיט זייערע פאנאטיזמוס ? דאכט זיך געווים ניין, והאָ ראיה, דער ספר איז שוין ארויס פון דרוק כמה יאהרען, און וויא עס ווייזט אויס, האָבען אַלע גדולים באין ברירה מסכים געווען אז דער כהן גדול האָט טאַקע געטראָגען א ראָק מיט איין ארביל (חלעבען ניט מיאוס ? !) און פון דעסטוועגען האָט זיך נאָך אין דער ליטא קיין שום פערבעסערונג נישט געמאכט פון דאנען א הין.

שווייגט נאָר ! פון וואס דען קען מען פאָרט געהאָלפען ווערען, אפשר פון ספרי שאלות ותשובות ? אַ קשיא אויף אַ מעשה עס קען זיין אין אמת, וואָס טהוט מען פאָרט אז עס פעהלט אַ מאָהל איינער צו מנין, הא ? דארף מען דאָך וויסען דעם דין, צו מצרף זיין א גולם— אָדער אַ שטייגער: ערב תשעה באב צו דער סעודה המפסקת, צו מעג מען עסען לאָקשען מיט מילך ? אפשר הייסט דאס חם ושלום שני תבשילין ?— צו מעג מען ליינען קריאת שמע, פאר דיא (צואה) אונציכט פון אַ גר ? אפשר ווייל א גר האָט דאָך אַ דין וויא א קטן וואס איז ערשט געבאָרען געוואָרען, איז זיין אונציכט על פי דין ניט מסריח, האָטש דער גר איז שוין ב"ה א בן ששים ? מהיכא תיתי, דאס איז שוין אביסעל נוטצליכער וויא דיא הקירה מכה דעם ראק פון כהן גדול— נאָר פון דעסטוועגען איז דאס אויך ניט שטאַרק נייטיג, ווארום ווען טרעפט זיך דאס אז מען זאָל דארפען ליינען קריאת שמע דווקא געגען דעם גר'ס צואה, דאס קען אפשר טרע־פען איין מאָל אין טויזענד יאָהר, אָדער א שטייגער וויא קריגט מען א גולם מצרף זיין איהם צום מנין ? לאָמיר זעהן אז פון דעם אמורא רבא וואס דיא גמרא דערצעהלט אויף איהם, אז ער האָט בעשאפען אַ מענשען, האָט זיך שוין ניט געטראָפען קיין גולם, ביז דעם מהר"ל מפראג, און דער נאָך ביז דעם וויל־נער גאון, און אויף דיא דריי גולמ'ס איז אויך דאָ אַ סך חקירות ודרישות, אנ־דערע ווילען זיי גאָר אָן פייפען, זיי זאָגען אז דאָס איז גאָר אַ משל, נאָר א משל קען מען אויך מצרף זיין צו מנין ?

נאָר אדרבה, וואס דען פאָרט פאר א ספרים קענען ברייננען נוטצען דעם עולם ? אפשר דרוש ספרים ? מוסר ספרים ? אַ שפאס, מען זעהט ניט דאס פרומקייט אין אלע זאַכען וואס דיא מוסר ספרים האָבען געמאַטכ? נאָ, נאָ, וואלט נאָר געווען וויא עפעס צו קריגען דיא רעכטע אפותיקא, חאָטש דורך גניבה, גזלה, השגת, מרמה ושקר, הערט מען אזוי דיא אלע דרושים מיט דיא מוסר ספרים, וויא דעם שווארצען קאָטער.

דאריבער ווייזט עס אויס אז דער ספר „ערב פסח מארץ ישראל“ קען דאָך אפשר פערשאפען אביסעל נוטצען, נאָ בלייבט מעהר ניט נאָר דיא פראגע, צו וועל איך קענען ארויסנעהמען דיא הוצאות הדפוס ? צו וועט דאָס דער עולם שטאַרק קויפען, מילא אז איך זאָל איהם קענען דרוקען אין דעם פאָרמאט פון א האַלבען בויגען, אָדער לכל הפחות אויף 2 פערטיל, וואָלט איך געווים געלייזט

שטיקער געלד, מחמת דער עולם נעהמט ניט אָן פאר וויכטיג נאָר אויף אזעלכע פאָרמאַטען, וואס בעדארפט איהר מעהר, אפילו א גמרא אז זיא איז נאָר א פערטילדיגע האָט זיא שוין ניט אזא חן, עס איז דאָך גמרא ? אָבער פאָרט ניט דאָס, נאָר עס איז אָבער זייער שלעכט צו דרוקען אויף אזא גרויסען פאָרמאַט, עס וועט זיין דער ספר טשאָחאָטעטשנע, דין, און דאר וויא גרוגרת דר' צדוק, איך האָב גאָר ניט אזוי פיעל שרייבעריי אז עס זאָל קענען ארויס קומען א דיק ספר אַ לאַנגס, עס זאָל זיין אויף וואס צו קוקען, און ווידער איז עפּעס נאָך כמעט ניט דאָ אין זשארגאָן אזעלכע פאָרמאַטען, חוץ דער נחלת צבי האָט געהאַט א זכיה, און איז געדרוקט געוואָרען גאָר מעשה גמרא, און דער שבחי בעש"ט, מעשה משניות, און ווייטער זיינען אלע פערטילדיגע, אָדער נאָך קלענערע.

נאָר וואס טהוט מען פאָרט? דרוקען ? קען זיין דערפון א שטאַרקער חסרון כיס, דרוק ניט ? שפּאַרט דער נאַרר, איך זאָג אייך מען קען משוגע ווע־רען טראַכטענדיג, באמת ! רייס איך אויף מיר דיא האָר, צו וואס האָב איך גאָר דאָס אויפגעשריבען ? עס איז עפּעס א כשוף אויף דיא מחברים, וויא זיי שרייבען עטוואס אויף, אהא, זיי קענען שוין ניט שווייגען אין דעם, זיי מוזען שוין אָפּדרוקען, חאָטש זיי ווייסען דאָך דיא צרות וואָס זיי וועלען האָבען איי־דער זיי וועלען ארויס קריגען דאָס ביסעל מינץ, און ווער בעט זיי אין אמת צו דרוקען זייערע נאַרישע גענג, און האָבען דער נאָך א טענה צו דער וועלט, פאר וואס געהט מען ניט ארויס אַנקעגען מקבל פנים זיין דעם מחבר ? פאר וואס זאָל יעדערער ניט נעהמען א ספר ?

אַיי ווערזשע נייט אייך ? צו וואָס האָט איהר אין אמת פערבראַטכ דיא צייט מאַכען אַ ספר ?— נאָר דער אמת איז, דער נאַרר שפּאַרט צו שרייבען, דער נאָך גיט ער קיין רוה און ישרייעט : נאָר דרוקען.

און מהמת מיין גרויסע תשוקה צו זעהן מיין שרייבעריי אין געדרוקטע בוכשטאַבען, האָב איך זיך בעטראַכט, איך וועל דרוקען מיין ספר מיט דעם „ממה נפשך" וואס איינער א געוויסער נאַשער פון מילך, האָט געקויפט א בהמה, ער האָט אויך פריהער גוט געטראַכט, צו זאָל ער קויפען, צו ניין ? דער־נאָך האָט ער זיך מישב געווען ער מעג זיא קויפען גאָר מיט אַ „ממה נפשך" נאָר מיט קאָפּ צוגעהערט, עס איז זייער טיעף און שפּיציג, ער האָט גוט פאר־בויגען דעם גראָבען פינגער, און האָט אַזוי אָנגעהויבען פיהרען דעם „ממה נפשך" : וועט זיא געבען מילך איז בוודאי גוט, אלא וואס ? (הערט אַ שכל) אפשר וועט זא חס ושלם ניט געבען ? ניין, עס קען ניט זיין, זיא וועט געוויס געבען".

אָט מיט דעם אייגענעם „ממה נפשך" וועל איך דרוקען מיין ספר, איך פערשטעה אפילו אז א גרויסער מפלפול קען מיט זיין גרויסען פלפול, צושלאָ־גען אזא „ממה נפשך" נאָר אויך דיא אייגענע מעשה, אז עס וויל זיך זיין א

נאָרר און דרוקען, איז אזא „ממה נפשך“ אויך גוט, הלוואי איך זאָל קיין חרטה ניט האָבען— בקיצור דער פאַלשער „ממה נפשך“ האָט מיך געשטאַרקט איך זאָל דאָס אָפּדרוקען אונטער דעם נאָמען „דער אידישער פאר פסח“, הערט נאָר גוט מיט קאָפּ, עס איז דאָ חלעבען וואס צו הערען.

1

אַ ליטווישע הויז פאַרצייטען.

אַ נידעריגע שטוב, דיא פּאָדוואָלעס איינגעגראָבען אין דער ערד, אלע פענסטער פאַרשמירט מיט לעהם, גאנצע לאָדענס וועדליג דיא גרויס פון דעם פענסטער, אַ פריזבע פון ערד ארום דער שטוב, בעוואַקסען מיט גראָז, איין אלטער דאך אַ צובראָכענער פערוואקסען מיט מאָך, דיא פענסטער אביסעל מיט גלאָז, אנדערע מיט ברייטלעך, איינעגע מיט שמאַטעס פאַרשטעקט — דאס איז דאס געזיכט פון דעם הויז אויסווייניג, ניט מיאוס חלעבען, קוקט דאָס גוט ארום, און לאָמיר זיך ניט פוילען און אריין געהן אינווענינג אויך— אַ גרויסע שטוב מיט עטליכע חדרים, אין יעדען חדר וואָהנט אַ שכן: א מאַן מיט אַ ווייב, מיט עטליכע קינדערליך, איין אלטע מוטער, אָדער אַ שוויגער, אַ צוגאָב, מיט היהנער און העהנער.

אין דער גרויסער שטוב זיצט דער בעל הבית אליין, אויך ניט קיין בעזדיעטניק חלילה, ניט צו פאר זינדיגען, מיט היבשע עטליכע קינדערלעך, און מיט פארשיידענע עופות, אַ בהמה מיט א קעלביל אויך ב"ה, אין איין ווינקעל פון דעם שטוב שטעהט דעם בעל הבית'ס צוויי בעטען מיט אַ וויג־בעטעל, אַ קאַסטען אויף ריידלעך, אַ שלאָף באנק,— אין צווייטען ווינקעל געגען איבער שטעהט אַ גאנץ לאנגער טיש ניט קיין געפּארבטער, ארום מיט לאנגע און שמאָלע בענקלעך, ביי דעם טיש קנעלט אַ דרדקיר מלמד, א חומשניק, מיט אַ היבש ביסעל תלמידים, אין דעם אייגענעם ווינקעל, הענגט אויפ'ן וואנט אַ ראַניץ פון אַ סאָלדאַט, וועלכער שטעהט דאָרטען קוואַטיער. — אין ווינקעל נעבען דער טהיר שטעהט דווקא נאָר איין בעט, דאָס איז פאַר א מיטעלע אידענע, וואס מען רופט זיא „שרות“ דאָס הייסט : זיא צאָהלט ניט קיין דירה געלד, נאָר דערפאר וואס זיא טהוט אַ מאָל אַ שטיקעל מלאכה אין שטוב— איהר טהייערע לעזער קענט גאָר לייכט אַ טעות האָבען און רעכענען אז דיא שרות איז גאָר אַ פנויה, אָהן אַ מאַן און אָהן קינדער, און דארום איז מעהר ניט דא וויא איין בעט, ניין דאָס געהט ניט, זיא האָט דווקא אַ מאַן און קינדער אפילו נאָך מעהר וויא אַ האַלבען מנין, נאָר דער מאַן פארשטעהט איהר מיך איז, איז במחילה אַ (שומר) סטאָרזש, קומט ער נאָר אָפּ עסען, שלאָפען קומט ער נאָר משבת לשבת, עופות פארמאָגט זיא אויך אויף איהר אייגענעם חשבון, א ציג זאָל ניט אויסגערעדט זיין, מוז זיא זיך האָבען — אין דעם אנדערען ווינקעל שטעהט א גרויסער אויוועז מיט אַ שווארצען לאָך צום קאָכען, דער ביי שטעהט א היפּשע פּאָמיניצע וויא דער ים של שלמה, וואָס אלע שכנים גיסען

אין איהר א גאנצע וואך, און דיא קינדערלעך במחילה קען מען דאך ניט ארויס לזאען אויף'ן גאס ביי דער נאכט אויך.... — דער ביי שטעהט פארשידענע וועשטשעס: ווילקעס, קאטשערעס, לאפעטעס, העק, זאסטופעס, בעזימער, א לאנגע באנק א ברייטע שטעהט ארום דעם אויוועץ, פאר שטעלט מיט כל הסארטען טעפלעך, אויך מיט טעפ פעדערין, וואס אלע שכנים פליקען ביי נאכט, ווארום קיין שכן ברענט ניט קיין ליכט אין זיין חדר, אלע זיטצען אין שטיעב, דאס איז איין אלטער מנהג,—אונטער דיא באלקענס פון דער סטעליע, וואס ליגען אין דער לענג פון שטיעב, ליגט א גראבער באלקען איבער דער ברייט פון דער סטעליע, צווישען דעם באלקען און דער סטעליע, געפינט זיך טאקי ממש פון פויגעל מילך, א רעכטע ביבליאטעקע פון ספרים, היינו: מחזורים, סליחות, קינות, נחלת צבי, צאינה וראינה, א היפש פעקיל תחנות, אלטע לוחות, בבא מעשה, צענטורע ווענטורע, שבחי בעש"ט, א אלטער קרבן מנחה, גם האלטען זיך דארטען אויף זוממערדיגע קאפעלישען, לולבים, א זעקיל מיט קמח שמורה, טריקענע קעזליך, — אלע עופות פון אלע שכנים אפילו פון דער שרות, מאכען דארטען זייערע סיעדעלעס, — אלע טיהרען און פענסטער פון שטיעב, זיינען ארום געשלאגען מיט פרשיעדענע שיר המעלות'ן, פון זכרים און פון נקבות, מחמת קינפעטארינס געהן ב"ה ניט אויס, איין שכנה שטעהט ואיף דיא אנדערע לייגט זיך, מהיכא תיתי יעדעס קינד מיט זיין מזל, צו גאט דער לייגט מען ניט.—

א גאנצע וואך איז נאך סיאק טאק, געוויס קריגט מען זיך כמה מאל יע־דער טאג, און אפט שלאגט מען זיך אויך אביסעל, דיא שטיעב איז שטענדיק פול פון קולות, געוויינען פון דיא חדר איינגלעך, וואס שטעהען מיט דיא הוילע אחור'ס ארום דעם טיש, און דער מלמד דער פעלד גזלן פיצקעט מיט א ריט גאר אן א חשבון, דאס משוגענע קעלביל טאנצט, דיא ציג מעקיט, דיא עופות פליהען, דיא שכנות שלאגען און שעלטען דיא קינדער, דער סאלדאט זידעלט אויף רוסיש, זאגט דעם רעכטען פסוק, און שרייעט עסען.

הא? וויא מיינט איהר, א רוהיגע דירה? מען דארף גאר ניט בעסער, נאר דער גרעסטער טומעל און ליארעם איז ערב שבת, אלע באקען חלה, מען דארף ריקען טשאלענט, מען דארף אויך קאכען אויף פרייטאג צו נאכט לכבוד שבת, אט דא עקט זיך דיא וועלט — עס איז געוואלדען איבער געוואלדען, אין שטיעב איז חושך ואפילה, אנגעגאסען און אנגעפאצקעט אויף וואס דיא וועלט שטעהט, דיא פאמיניצע גיסט זיך אריבער, אלע קינדער וועלכע זיינען דאמאלס פריי פון חדר, קעהרין אום דיא שטיעב קאפויער, אלע ווייבער שעלטען און קאראניען איינס דאס אנדערע, און מען רופט זיך אויס וואס אין קארט שטעהט ניט, „א קלאג א בראך מיינע חלות זיינען גאר פערברענט" קוויטשעט א שכנה מיט דיא לעצטע קרעפטען", איך בין דא עפעס איין איינגעבעטענע? הא?" — דיא מאכט געשרייען „מיין יויך האט מען אויסגעקעהרט" — א רעש א געפילדער

„דיא קאַטץ האָט ארויסגעחאַפּט דאָס בעסטע שטיקעל פיש פון דער פאַן" — „עס איז שוין נאַכט, ריקט שוין דעם טשאָלענט, איהר ווילט נאָך מחלל שבת זיין? איך וועל האָבען דעם טויט פון דיא שכנים, אַ צייט אָהן אַ צייט וועט מיר זיין" שרייט דיא בעל הבית'טע, — „אַ גריב האָט זיך איהם געוואָלט, בעגראָבען זאָל ער ווערען, וויא ער האָט מיר בעגראָבען" — ווער האָט דאָס דיא בהמה ארייננעלאָזט אין שטוב? זיא וועט דאָך דיא פּאָמיניצע אויסקעהרען, געוואלד וויא ווערט מען שוין פּטור פון מיין לעבען.

אָט אַזוי קאָכט וויא אין אַ קעסעל אַ גאַנצע טאָג, קולות וברקים פון אלע זייטען, קללות וחרמות, געזידעלט און געוואשען איינער דעם אנדערען — נאָ עס איז שוין נאַכט, מען ווערט שוין ב"ה שלום, אלע שכנים מיט דער שרות נעמען זיך אויסגיסען דיא גרויסע פּאָמיניצע, ווייטער וויא איבער דער שוועל, איז מען ניט אונשטאַנד זיא אריבער טראנספּאָרטירען, דאָרטען קעהרט מען זיא תיכףאויס מיטען דנא ארויף, אַ גרויסע לוזשע מיט אַ ריח רע לעבען טיהר, פיעל חזרים קלויבען זיך ארום, און שטעהען אזוי לאַנג ביז זיי חאַפּען ארויס וואָס פאר זיי איז וויכטיג, — אין שטיעב שיט מען אוים דעם פּאָל, דאָס הייסט: דיא הוילע ערד מיט זאמד, און עס ווערט צו מזל שבת, אָט אין אַזאַ טומעל לעבט מען אָפּ דאָס גאַנצע יאהר, האַ? ניט שלעכט? וויא זאָגט איהר ליעבער לעזער?.

אונזערע חכמים האָבען גערעכענט דריי זאַכען: וואָס מאַכען דעם מענשען ער זאָל אויפגעלעגט זיין: אַ דירה נאה, און כלים נאים, און דיא אלע זאַכען איז מען אין דער ליטא דוקא ניט זשעדנע, וואָס ניט וואָס? דאָס איז דאָ, אָבער דער פאר אכילה אין דער ליטא איז גרויסארטיג, איהר ווילט געוויס וויסען דעם ארט עסען, דארף איך קיין סאַך ניט שרייבען, איין געריכט איז דאָ אין דער ליטאָ מען רופט איהם „קרופניק" ער קאָכט אַ גאַנצע וואָך אין אלע הייזער וויא דער סמבטיון, דריי מאָל אין טאָג ווערט ער געקאָכט גאָר אָהן איין אויפהערונג, אפשר ווייסט איהר ניט וואָלינער און גאליציאנער אידען, וואָס דער קרופניק איז פאר אַ מין מאכל? וועל איך אייך דערצעהלען, דאָס איז גאָר אָהן חרפּה, גאָלע יואסער מיט גראָפּין, אַ מאָל מיט קאַרטאָפּעל, און אַ מאָל איז אָזה דעם אויך ניט קשה, מען טאָר זיך ניט געוואָהנען נאָך געבען דעם האַלדז — דיעזער קרופניק ווערט געקאָכט אָהן פלייש, דען ווער פאַר מאָגט דאָס צו קויפען פלייש פאר 15 אָדער 16 קאָפּיקעס אַ פונט? דערפאר אָבער, טהוט מען אריין אין גאַנצען טאָפּ פאר אַ גראָשען שמאַלץ אָדער פוטער, און אָט דאָס עסט מען דיא גאַנצע וואָך. האַ? מען קען האָבען כח דיא פיס צו שלעפען פון אזעלכע אכילות?

אָבער דערפאר שבת עסט מען שוין צו זעצטערהייט, אין דעם יויך פרייטאג צו נאַכט, געפינט זיך געוויס אַ גוטער האלב פונט פלייש, אמת ניט קיין פעטע, נאָ מילא וואָס? דיא יויך איז טאַקי ניט אזוי פעט, עס פארשטעהט זיך,

דאָס ביסעלע שמאַלץ וואָס עס איז געוועזן אויף דעם פלייש האָט דיא ליט־וועטשקע אראָפּגעגנבעט אויפ'ן קיגעל, דאָס איבּריגע פעטקייט איז אויסגעלאָפען אין דעם גרויסען רעש און מהומה, נאָ וואָס איז? דאָך פליישעקס, חלעבען פאָרט ניט קיין קרופּניק — דערפאַר אין טשאָלענט זעהט איהר, איז שוין קיין פלייש גאָר ניט דאָ, נאָר גאָלע ביינער, וואָס דער פון דאַרף על פּי יושר דער טשאָלענט אָן זידען, נאָר באופן אז עס ברענט ניט אויס, אַ רעכטער טשאָלענט טרעפט ניט שטענדיג, ווארום דעם רעכטען סוד פון טשאָלענט זיינען נאָך דיא ליטוועטשקעס ניט דערגאַנגען עד היום הזה, אלע שבת איז אַנאַנדערע סבּה, נאָר וואָס מאַכט דאָס אויס? ווענענס דאגה איז דאָס אבי עס איז ב"ה נישט דאָ וואָס צו עסען.

איהר ווילט אפשר קענען דיא מוטער וואָס האָט געבוירען אונז דעם קרופּניק? דאָס איז דיא ארורה דיא טאַקסע. געוואַלד בּרידער! פאַר וואָס קומט קיינער ניט צוריק פון יענער וועלט אונז דערצעהלען וואָס מען טהוט דאָרט דעם ערשטען רוצח וואָס האָט אויסגעקלעהרט דיא ביטערע טאַקסע פון פלייש? מיט וואָס איז מען איהם דן? איך וואָלט אַ בעלן געוועזן אַפילו צו גלויבען אין גלגול, אבי דעם גזלן מגלגל זיין אין ליטוואַק און קאָרמעווען איהם חאָטש אַ יאהר פופציג מיט גאָלע קרופּניק דריי מאָל אין טאָג.

נאָ נאָ ער ימח שמו האָט דאָס אביסעל אוועקגעקוילעט אלע אידען אָהן אַ מעסער, מען פרעהט זיך אלע פּורים אויף דעם נס וואָס מען איז נצל געוואָרען פון המן הצורר, וואָס איז? ער האָט געוואָלט קוילען אידען, אָבער ער האָט דאָך ניט געקוילעט? נאָ אז דער המן דער בעל טאַקסע (דיא ערד זאָל איהם ארויסווארפען) האָט דאָך יאָ אויסגעפיהרט און האָט טאַקי אויסגעקוילעט, זיין גזירה ווערט אלע יאהר שטאַרקער און ערגער, דיא דעה אין קהל האָבען גאָר אזעלכע וואָס עסען גאָר ניט קיין כשר פלייש, וואזשע הארט זיי אז אַ אָרימער מאַן דער איד, ווערט אויסגעדאַרט און עסט נעבעך ביינער? אָט האָבען זיי זיך אַ טאַקסע, און שאפען מען זאָל נאָך אוועקגעבען עפּעס א רוח אַ שד, (אבי זייער גלייכען) עטליכע טויזענד רובּעל פון דער טאַקסע, צו אזעלכע זאכען וואקסען זיי אויס, פערשטעלען זיך און ווערען כלומערשט אידען.

נאָ וואָס שווייגט מען אין דעם? געוואַלד געשריענען! מען דאַרט און מען קוואַרט נעבאָך אין דער ליטא (און דעסטגלייכען אין אלע ערטער וויא דיא טאַקסע עקזיסטירט) גאָר אויף אַנאַנדער אויפן, מען האָט שוין גאָר קיין כח ניט עפענען דעם מוח קלערען מכח דעם, אַ שפּאַס אַז מען עסט ניט?

גוט האָט געגעבען אַ תשובה איינער פון אונזערע חכמים (אין ירושלמי) אַז מען האָט בּיי איהם געפרעגט עפּעס אַ שאלה וועגען אַ דין, האָט ער זיך אויסגעדריקט מיט דיא ווערטער: „איך בּין יעצט ניט בּייא מיין רעכטען פאַר־שטאַנד, איך האָב נאָך היינט קיין אָקסען פליש געגעסען", איהר פאַרשטעהט

דיא תשובה? נאָך איינער פון זייא האָט געזאָגט: „אוי לו לבית שהלפת עובר בתוכו“, שלעכט איז דעם בויך וואָס ער איז פול מיט קרויט.

שווייגט! וואָס בעדאַרפט איהר מעהרער, דער דור המדבר וואָס ער איז געווען א דור דעה (וועדליג דיא ד׳רשנים בעריהמען זיך און טומלען א קאָפּ) נו, האָבען זיי אויך אפשר געבעטען קרופניק מיט שמאַלץ? ניין, זייא האָבען געשריגען "געוואַלד,גיבּאונז פלייש, דער מן איז אונז שוין נמאס געוואָרען" — נאָך מעהר פערדורס, דער מן האָט דאָך א טעם געהאַט פון אַלע מאכלים (וועדליג דיא דרשנים דערצעהלען, מן הסתם ווייסען זיי דאָך דאָס קלאָהר, צו וואָס זאָלען זיי פאַרפיהרען איין עולם? עס שטעהט זייא עפּעס דערפון רייך צו ווערען?) האָבען זייא דאָך דעם טעם פון פלייש אויך געפיהלט*) פון דעסטוועגען האָבען זייא געזאָגט: וואָס טויג אונז דער טעם פון פלייש, מיר ווילען זיך בעסער זעהען מיט דעם פערטעל גאַנז אַליין, אָט דערפון נאָר אַליין זיינען דיא דרשנים גערעכט, אַז דער דור המדבר איז געווען א דור דעה, וואָס דען? זיין אַזעלכע טפשים וויא דיא ליטוואַקעס און עסען קרופניק? ווען

---

*)איך וואָלט א בעלן געווען זיך אריינלאָזען טיעף אין א שטאַרקען פּלפּול און ערקינדיגען זיך דורך פיעל חריפות, וואָס איז דאַמאָלס אין דער מדבר גע־ווען דער דין פון דעם טעם פון פלייש וואָס מען האָט געפיהלט אין דעם מן? צו האָט מען פאַר דעם טעם אויך געצאָהלט טאַקסע? נו, דאָס ווענדעט זיך שוין־אין דעם: „צו טעם איז כעיקר“ און אויב עס בלייבט בייא דיא חריפים אַז דער טעם איז אקוראַט וויא דער עיקר אַליין, נו האָט דאָך דער טעם פון פלייש געהאַט דיא אייגענע זנאַטשעניע וויא פלייש אַליין, האָט מען דאָך בעדאַרפט צאָהלען טאַקסע דערפון, היינט פאַרשטעה איך ניט פון וואַנען האָט אָבער דער בעל טאַקסע געהאַט א ידיעה אַז יענער בעל הבית האָט יעצט גע־פיהלט אין מן א טעם פון פלייש? עס קאָן אפשר זיין אַז דאָס איז געווען גע־מאַכט מיט אַ חרם, נו ווער וויל זיך דאָס זאַטשעפּען מיט אַ חרם, מן הסתם האָט יעדער געהאַט ביי זיך אין שטוב א פושקע און וויא באַלד אַז ער האָט געוואָלט פיהלען אין מן דעם טעם בשר האָט ער תיכף בעצאָהלט טאַקסע געלד.

אָבער דאָס איז מיר גאָר א פּלא, וויא פיעל למשל האָט מען געקענט שטע־לען דעם מקחפון דעם פיהלען א טעם? איינער עסט למשל א פערטיל שעה מן און פיהלט דעם טעם פון פלייש, און דער צווייטער עסט מן צווייא גאַנצע שעות און איז אויך מרגיש דעם טעם בשר, קען דען זיין דער מקח פון דיא ביידע גאָר גלייך? נאָר וואָס קאָנען מיר יעצט קלעהרען, עס איז אוודאי געווען אין הלכות טאַקסע כמה מאות הלכות, נאָר זיי זיינען דערנאָך פאַרגעסען גע־וואָרען — נאָר באמת ווייזט אויס, אַז אין דער מדבר איז נאָך דיא טאַקסע ניט געווען און דעריבער האָבען דיא יודען געשריגען „מי יאכילנו בשר?“ וואָרום

אז דיא אללע 12 שבטים וואלטען געגעסען קרופניקען דיא גאנצע פערציג יאהר אין דער מדבר, וואלטען טאקי געקאנט מיט זיי געהען זיך שלאגען אין ארץ כנען? איך וויים אז א בעל טאקסע וועט לעזען דיא ווערטער, וועט ער זאגען מיט געלעכטער (ער מעג לאכען מיט בלוט), דער שרייבער איז א פנים גוט אין כעס", עס איז איהם א פנים שוין גוט נמאס געווארען דער קרופניק? נאר ווער הערט איהם, זעהט איהר! דאס איז ער גערעכט, ער ווייסט מיט וועמען ער האט צו טהאן, ער האט איין עסק מיט הינדיקעס, דיא שטרויענע טאקסע האט מען ארויף געלייגט אויף זייערע קעפלעך און זייא האבען זיך מורא א ריהר צו טהאן פון דעם ארט, אפשר וועט חס ושלום אראפפליהען דיא שטרוי, פון דעסטוועגען הערט צו יודען, איהר וועט זיך שוין ריהרען, עס געהט שוין דערצו, דיא צייט וועט אייך מאכען אוים הינדיקעס, נאר מען מוז נאך א ביסעל גדולד האבען, עסט דערווייל מיט חשק דעם קרופניק מיט דער האפנונג אז איהר וועט א מאל אויסגעלייזט ווערען און זיך קענען נוקם זיין אן דעם בעל טאקסע, וויא אין המן דעם צורר.

וויא באלד אז עס איז דא א טאקסע עסט מען שוין ביינער ניט קיין פלייש — איי וואס האבען זייא באמת געשריגען? זייא האבען דאך געקאנט פיהלען אין מן א טעם בשר? ניין, פערשטעהט איהר, אין דער מדבר איז נאך ניט געוועזען דער מנהג פון דרשנים איינגעפיהרט, נו פון וואנען האבען נעבאך דיא מדבר בעלי בתים געקאנט וויסען דעם סוד אז מען קאן פיהלען אין מן דעם טעם פון פלייש?

און דעריבער האבען זיי געזאגט: „זכרנו את הדגה אשר נאכל במצרים חנם, את הקשאים ואת האבטחים ואת החציר ואת הבצלים ואת השומים, ועתה נפשנו יבשה אין כל, בלתי אל המן עינינו" (במדבר י"א ה' ו') זעהט מען דאך דערפון, אז זייא האבען ניט געפיהלט אין מן קיין שום טעם פון דיא אלע מינים וואס זיי האבען דא אויסגערעכענט — עס קאן זיין ווען זייא וואלטען אין דער מדבר געהערט מגידים וויא אין דער ליטא און וואלטען זיך ערקינדיגט דעם סוד פון מן, וואלטען זייא גאר ניט געשריגען און וואלטען גאר פארשפארט צו עסען דיא שלוים (פערעפיאלקעס) פון דעם ים, און שטארבען דערפון אן א צייט.

וואס דען מיינט איהר? מען נארט זיך מיט דעם מגיד? פון איהם דערגעהט מען פון אלעם וואס עס איז געוועזען און וואס עס וועט זיין, אין אמת גערשמועסט אז דער איד וואס האט געגעסען מן נאר על דרך הפשט און ער האט געפיהלט נאר דעם טעם פון גוטען בוימאייל, אדער לשד השמן, חלעבען אויך ניט שלעכט, אין דער ליטא וואלט מען דערפון דיא פינגער געלעקט, אבער דער מגיד אז ער האט געגעסען מן על דרך הדרש, נן, נו, איז שוין אין מן געוועזען טאקי פון פויגעל מילך, האט ער געוואלט פיש איז דאס געווארען דורך א רמז, פלייש דורכא סוד, ציבעלעסאון קנאבעל גאר דורך א גימטריא, קשאים און

נו, טהייערע לעזער! האָט איהר שוין אַ שטיקעל בעגריף פון אַ ליטוועשען הויז? יעצט וועט איהר שוין גוט קענען זיך פאָרשטעלען דיא שרעקליכע סצענע וואָס עס האָט זיך פּאַסירט למשל אין אַזאַ הויז פון פּורים ביז נאָך פּסח, לעגט צו גוט דעם מוח וועט איהר ערשטוינט ווערען.

.2

דער ערשטער שבת נאָך פּורים תיכּף‌נאָך שלש סעודות.

נאָך שלשסעודות, עס איז גאַנץ רוהיג און שטיל, אין שטוב איז פינסטער, דיא קינדערלעך שפּיעלען זיך אויפ'ן אויווען אין קאַשקע מאַמקע און שלעפּט באַבע, דיא עופות שלאָפען זיך אויף דער סידעליע, אַלע מאַנען זיינען אַוועק געגאַנגען דאַווענען מעריב, דאָ האָט זיך אָנגעהויבען אַ שמועס גאָר אַ שטאַרקער און אַ טיעפער צווישען דיא ווייבער, וועגען דעם פּסח וואָס רוקט זיך צו אַלע מאָל נעהענטער.

איינע אַשכנה אַ פּיסקעוואַטעאון אַ שטיקעל זאָגעריך, מיט'ן נאָמען „געלע דיא גלאַטשערקע“ האָט אָנגעפאַנגען צו האַלטען איין רעדע בזה הלשון: „הערט נאָר צו איהר ווייבערלעך, איך ווייס גאָר ניט עס זאָל מיך אזוי קיין שלעכטץ ניט וויסען און אייך אויך און אַלע אידען, וויא איך ווייס ניט וויא עס וועטדאָ אין שטיעב ווערען פּסח? אָהן עין הרע אידישע קינדער זאָלען גע-

---

אבטיחים קאָן מען גאָר אַ מאָל אַז מען וויל נאָר, דורך א"ת ב"ש אויך אַרויסבעקומען פון דעם וואָרט מן, נאָר מיט פּשט איז שלעכט, דער גראָבער פּשטן מיינט אז עס איז מעהר ניט דאָ נאָר וואס ער זעהט, אָבער פאר א דרשן איז טאַקי ניט צו ליגען און ניט צו שטעלען, ער דערגעהט אייך וואָס איז פאַרגראָבען אין אַלע שפּאַלטען, ער קריכט אייך אין אַזוינע ערטער וואָס דעם פּשטן ליגט זיך גאָרניט אויפ'ן מוח דאָרטען אפילו אַ שמעק צו טהאָן.

דער כלל איז, איך זאָל אייך וועלען דערצעהלען וואָס זייא זיינען געוואָהר געוואָרען וואָלט איהר משוגע געוואָרען, בקיצור זיי דערגעהען וואס אונטער דער ערד טהוט זיך, זייא האָבען ידיעות (איך ווייס ניט דורך וועמען) פון גיהנם און פון גן עדן, אפשר מיינט איהר גלאַט א ידיעה בדרך כלל, ניין, מיט אַלע פּאָדראָבנאָסטען, פּונקט וויא זייא וואָלטען דאָרטען געוועןהויז מענשען, פאַר זייא איז גאָר קיין פאַרבאָרגענע זאַך ניט דאָ.

מיט איין וואָרט זייא זיינען קינסטלער, נישקשה ליטא פאַרשטעהט איין עסק,און דאַרום פאַרברענגען זייא כמעט דיא יאָהרען מיט דיא טעג נאָר מיט דיא מגידים, מען ווערט פון זייא אָבער טאַקי א מענש, טאַקי שטאַרק ענטוויקעלט, חלעבען מען ווערט געניטה כמעט אין אַלע חכמות, עס קומט דאָך פאָר אָפּט און אָפּט אין זייערע דרשות פאַרשיעדענע געגענשטענדע פון וויסענשאַפט, פון געלד געשעפטען, אַ מענש איז דאָך ניט קיין בהמה, חלעבען עס קלייבט זיך צו צו ביסלעך ווייס, אַט קאָן מען שוין ניט פאַרפאַלען ווערען, האַ? וויא זאָגט איהר? דער אמת איז דאָך אַזוי. —

מעהרט ווערען, פינף געזינדעלעך, חלעבען דיא שרות איז אויך א געזינדעל וויא זאגט מען עפעס איין אויג דארף אויך שלאפען און בפרט וואס זאל מען זיך דא נארען טאקי עטליכע מענשען, זאל מיך אזוי וויסען בייז און שלעכטץ וויא איך ווייס פון וואנען אנצוהויבען, נישטא דיא כוחות, אז איך בין אביסעל איינגער געוועזען איז תיכף נאך פורים טאקי אויף מארגען האב איך שוין דיא שפייז שאפפע אויסגעוואשען און כשר געמאכט, און יעצט איז שוין דאנקען דעם וואס לעבט עוויג, וואס איך בין ניט ווערט איהם צו דערמאנען, אוועקגעגאנגען נאך פורים עטליכע טעג און עס הייבט זיך מיר גאר ניט דיא הענט. איך זאג אייך דעם אמת, איך שרעק זיך אביסעל פאר היינטיגען פסח, נא הלוואי זאל איך בעסער ליגען זאגען, איך ווייס ניט וואס מען מאכט דא מיט מארגעדיגען מארק, מען ברויכט אויסגעבען שיינע עטליכע גילדען, א שטיקעל הינדיטשקע מוז מען דאך אודאי קויפען, איך בין זיך אזוי נוהג אלע יאהר, וואס דען? פון דעם שטיקעל גאוויאדענע גאט זאל מיך ניט שטראפען פאר דיא רייד, קאן עפעס א טעם האבען דיא יוך? היינט פארגעסט ניט, דאס ביסעל שמאלץ פון איהר, מען מעג זיך לאכען, איך האב פיינד צו קויפען פרעעמדע שמאלץ אויף פסח, איהר מיינט אפשר אז איך בין אזוי פרום? ניין, אסור, זאל דאס מיר צו קומען וואס מיר פעהלט, נאר גלאט א גאנץ יאהר וויא א גאנץ יאהר, פסח האב איך ליעב צו מאכען בכשרות, נו היינט קארטאפלעס, אייער, ציבאלעס, חריין? דאס אלעס מוז מען איינקויפען דעם ערשטען מארק, איך האב א מאל שוין געצאהלט רבי געלד דערפאר, איך בין שוין פראקטיש אין דעם.—נו הויבט זיך אן איין עסק, בעטען געלד ביי מיין טהייערן מאן. זאל איהם אזוי ליעב זיין דאס לעבן וויא מיר איז ליעב בייא איהם געלד צו נעהמען, פאר געלט און פארגרינט זאל ער ווערען. מיינט איהר אפשר אז ער וויל ניט פרעסען? וואלט איהר נאר זעהען וויא ער בעטראכט אייך דאס שטיקעל פלייש, דאס פלייש זאל נאר פון איהם פאלען לעבעדיגערהייט, קיין זאך געשוועלט איהם ניט. צווישען זיך ריידענדיג איז ער ניט שטארק אונגערעכט, ווארום וואס פאר א טעם קען דא זיין פון אזא שטיקעל הינדיטשקע? נאר פאר מיר איז אלעס גוט, אט מען טהוט אריין א ציבאלע, א קארטאפעל, ניט פארזינדיגען, אבי געזינדערהייט עסען, קארפאטקעס דארף איך ניט, פון מיינעטוועגען וואלט איך מארגען אז גאט וועט שענקען דאס לעבען, גאר ניט געקאכט. חלעבען דער מארק וועט בייא מיר אוועקנעהמען עם גאנצען טאג, איך ווייס גאר ניט, אנדערע מאכען דאס עפעס טאץ מאץ, געגאנגען און געקומען, מן הסתם איז בייא זייא דא גרינגע געלד אהן עין הרע, הערט איהר, איך זאג מיינס, א כשרער גראשען געהט ניט אזוי גרינג פון דער האנד, אט דעריבער בין איך טאקי ניט קיין בריה, געשווינד קאן איך ניט קויפען, איך קום אויך פון דעם מארק לא עלכים גאר קראנק, צוגריזעט, איבערגעפרוירען, אהן געלד און טאקי במחילה אהן סחורה אויך, עס איז ב"ה געווארען א וועלט, מען טאר ניט זינדיגען, נאר מיין

צרה אז עס וועט חס ושלום איהם ניט דערגעהן זיין געשמדטער האלז וועט זיין אדום אויף, בייאיהם איז אלעס גלייך,, צו אין מיטען יאהר, צו ערב פסח, ער מוז פרעסען, צו איהם האט דאס גאר ניט, איך האב הנאה אז דער אנדערער זאגט: „ער האריוועט נעבאך", פרעגט אויף וועמען? אויף זיך אליין מיט זיינע ממזרים, אזוי איין עולם הבא זאל ער האבען וואס פאר איין עולם הזה איך האב בייא איהם. —

אט אין אזעלכע שמועסען האט מען פערבראכט ביז דיא מענער זיינען געקומען פון דעם דאוונען, „א גוטע וואך! א גוטע וואך!" פאר וואס צינדט מען שוין ניט אן א ליכט? נו עס איז נאר שטיל געוען ביז נאך הבדלה, תיכף דערנאך האט זיך אנגעהויבען א שמועס, יעדער ליטוואטשקע מיט איהר מאן וועגען געלד צום מארק. — „וואס איז אויף איך דיא בייזע היילעניש?" האבען זיך אנגערופען דיא מאנען, עס איז נאך ניט ערב פסח", מען וועט נאך קריגען דיא מציאות, נו, נו, דא איז געווארען שרעקליכע קולות, קללות פון כל הסארטען איז געפלויגען פון אלע זייטען, „איך בין גאר א נאר", האט זיך איינע אנגערופען „איך בעדארף אודאי מיט איהם טענה'ן, שדים זאלען מיט איהם ריידען, איך וועל איהם גאר אפטרעטען, זאל ער זיך שלאגען קאפ אן דער וואנט מיט זיינע ממזרים, ווייסט איהר אפשר ניט, איך וועל זיך אודאי איבערעסען פון אלעמען? אין וועמעס האלז וועט דאס אלעס אריינקריכען, אז ניט אין איהם? נו, בעדארף איך נאך דאס ביי איהם בעטען, אויסבעטען זאל מען איהם שוין אין גיכען זיין קבר, אז איך וועל איין אלמנה בלייבען וועט מיר אפשר ערגער זיין? א קאטאוועס א שארפער פארצעדינער? מען זעהט ניט זיינע פארדינסטען? מען קאן טאקי לעבען אין פריידען מיט דיא 10 גרילן וואס ער גיט מיר א וואך? גרילענזאל איהם אין מוח וויא ער פארגרילט מיר דיא טעג מיט דיא יאהרען, ער האט שטענדיג צייט, פרעסט און זויפט דאס שעהנסטע און דאס בעסטע, און געהט ארום שלינג און שלאנג איבער דיא גאסען, און וועט קומען „ניט דערלעבען זאל ער" צו א גרייטען פסח — ער פארגעסט גאר אז עס איז שוין קארגע פיער וואכען צופסח, ארבייט איז דא וויא פיעל האר אויפ'ן קאפ, מען איז דאך אויף צרות א שטיקעל בעל הבית'טע, אלעס צו וואשען, אפוואשען זאל מען איהם טויטערהייט, אלעס צו שאייערען, קאליכען, ווייץ מאהלען און באקען מצה, א נארשיקייט אויפנייהענא זעקעל אויף דיא ווייץ, נייהען זאל מען איהם שוין תכריכים אין גיכע צייטען — נו וואס זאגט איהר צו אזא טרפה ביין? איין אנדערער וואלט דאך געשטומט, נאר וואס רעדט מען? צו זיינע אלע מעלות איז ער נאך איין אפגעריסענער נאר, ער מיינט אין אמת, אז איך וועל איהם קאכען? קרענק פון אלע אידען וועסטו ביי מיר עסען, נישקשה פאר פסח קאנסטו אביסעל דארען, דוא ביסט גאנץ געזונד, איך בין געוועזן א נאר ביז אהער, שטענדיגזיך געשלאגען קאפ אין דער וואנט, מיט איטליכען געקריגט זיך, וואס איז? מיינער זאל הנאה האבען פון דעם קרופניק, ער זאל ניט אויס־

לויפען, ניט פאַררייכערט ווערען, זאָל זיין געדיכט מיט קאַרטאָפעל פאַרבראַקט, אָט איז איהם אָבגעגאַנגען דיא ביינער, אָט בושעוועט ער. —

אין אַזעלכע קולות און קללות האָט מען פערבראַכט ביז האַלבע נאַכט, דיא שרות מיט'ן וועכטער האָבען אויך ניט געשוויגען, הגם זיא צאָהלט ניט קיין דירה געלד האָט זיא ניט אַזוי אַ העזה צו מאַכען שטאַרקע געפילדערס וויא דיא שכנות, נאָר אין אַזאַ צייט וואָס עס איז נוגע אין אידישקייט, קאָן מען אויף דער שרות אויך קיין שטאַרקען פאָראיבעל האָבען, חלעבען עס נעהמט אָן ביי דעם האַרצען, האָטש אַפילו דיא שרות האָט דאָך גאָר ווענינ כלי בית (מעביל), נו איז דאָך באמת אַ קשיא, וואָס וויל זיא ? נאָר פאַרקעהרט ריידענ דיג, אליין טהוט זיך ניט, איין בעט בעדאַרף מען אויך אויסבריהען און כשר מאַכען, מצה דאַרף מען באַקען ? אַ זעקעל מוז מען צוגרייטען ? אַהין און אַהער עס געפינט זיך אַרבייט, עפעס אַ שפאַס פסח ? ווער וויל דאָס האָבען כרות יאָהרען ?

בקיצור נאָך דיא אַלע קולות וברקים ווערט אַ ביסעל שטילער, יעדער מאַן גיט זיין ווייב עטליכע גילדען אויף מאָרגען צום מאַרק, און מען לייגט זיך שלאָפען — אָט האָט מען שוין געהאַט אַ גוטען פאָטשין אויף דער פולער וואָך.

גאַנץ פריה זיינען אַלע ליטוואַטשקעס אויפגעשטאַנען און אוועק מאַרש אויפ'ן מאַרק, יעדער יודענע איז געוואָרען טרוקען אין האַלז, דינגען זיך מיט דיא גוים, גענוג קללות האָט געגעבען איינע דער אנדערער ביי יעדען איינקויף, ביז נאַכט האָט זיך ערשט געקאָנטשעט דר מאַרק, אָבער דערפאַר זיינען זייא אַהיים געקומען מיט כל טוב, מיט אַ הינדיטשקע בשותפות מיט דער אַנדערער שכנה, אַ זעקעל קאַרטאָפלעס, אַ קרענצעל ציבאַלעס ·אַ בינדעל חריין, און אַ פענזיל אויף קאַליכען דיא שטוב אויך. —

דער מאַן האָט אויך שכל אין קוטשמעלע און ווייסט דרך ארץ, ער האָט אַ ביסעל געהאַרט ביז זיין ווייב האָט זיך גוט אָפגערוהט, אַ שפּאַס אַזאַ פאַר־קופקע ? דערנאָך הט ער אַ פרעג געטהאָן מיט אַ גאַנץ שטילען טאָן, „אפשר איז דאָ עפעס וואָס צו עסען ? איך האָב אַ גאַנצען טאָג אין מיין מויל ניט געהאַט"— אָט דאָ האָט ער שוין געהאַט זיין פסק וויא המן, „מיין כוח זאָלסטו האָבען, רבונו של עולם", האָט זיך אַרויסגעהאַפט איינע אַ שמאָלע און אַ הויכע איבסעל פאָנפעוואַטע ליטוואַטשקע, „וואָס עס האָט געזאָלט זיין מיר און אַלע גוטע אידען, זאָל אויסגעהען צו דיין קאָפּ", וויא געפעלט אייך אַזאַ שפיעל ! חלעבען ניט קרום, ערב פסח וויל ער גאָר פרעסען ? געהן איהם אין מאַרק, געהן זאָל מען שוין נאָך זיין מטה, קאָכען איהם וואַרעמעס, קאָכען זאָל איהם אין האַרצען וויא מיר, וואָלט ער שוין ניט געוואָלט פרעסען, איך זאָג אייך דעם אמת, אַזוי אַ פורעניות וויא מיר האָט איינגעשלאָגען, מע טאָר ניט זינדיגען, מן הסתם בין איך אַזוי ווערטה, האָט נאָך קיין יודישע טאָכטער ניט געטראָפען, איינעם זאָל גאָר ניט אַרען פון דאַנען אַהין, נאָר דיא טרפה קישקע אָנשטאָפען וויא

עשו.אַט דאָס איז זיין גאַנצער עסק, נו, נו, האָט דאָס מיך דער טאַטע בעגראָבען מיט אַ שטייגער, אַ פינצטערער מכה למדן איז ער? איך וועל פון איהם עולם הבא האָבען? וואָס ניין? ווייבערלעך! איהר מעגט זיך לאַכען, איך האָב אין דעם ווענינ אמונה, וויא זאָגט מען עפּעס „אַז מען שמירט פאָהרט מען", אַט אַז מען וועט עפּעס אָנגרייטען אליין וועט מען האָבען, נאַט אייך אַ שאַג פאַר דיא עולם הבא וואָסמע! קאָן שוין האָבען פון דיא מאַנען, פון דעם עולם הזה קאָן מען שוין חאַפּען אַ פּרימער אויף דעם עולם הבא. —

אַט אַזעלכע לעקציאָנען האָבען דיא ווייבער אָפּגעגעבען דיא מאַנען נאָך דעם מאַרק אויפ'ן ניכטערען האַרצען, דאָס אַלעס איז ערשט אַ שטיקעל הקדמה צום גוף הספר, דאָס הייסט: צום פסח זעלבסט וואָס ער קומט אָן און וואַרפט אַרויף אַ'ן אימה ופחד אויף אַלע יודען, וואָרום מען האָט דאָך נאָך באמת גאָר ניט געטהאָן, מען האָט דאָך ערשט נאָר געפּטר'ט דעם ערשטען מאַרק. —

פון דעסטוועגען מיינט איהר אפשר אַז עס ווערט חס ושלום אַ שנאה צוויי־שען דיא ליטוואַקעס מיט דיא ליטוואַטשקעס נאָך אַזאַ שטאַרקע מחלוקת, נאָך אַזאַ חרטה אויף דעם גאַנצען שידוך, — פּע, חלילה! שרעקט אייך ניט, דער מאַן אַליין פערשטעהט דאָך אויך אַזויא איז אַביסעל גערעכט, עס איז דאָך פאָרט ערב פסח, אויף דעם איז מען דאָך אַ איד, דערום איז ער באמת ניט שטאַרק ברוגז, זיא ווידער, אַז זיא האָט זיך אַ ביסעל נאָכגעגעבען, דאָס האַרץ זיך אָבגעקיהלט, האָט זיא זיך אויך מישב געווען אַז עס איז טאַקי אַ רחמנות, עמען מו מען דאָך עפּעס, אין אַ שענק וועט ער דאָך באמת ניט געהן וויא דער אַנדערער.

נו איז געבליעבען אַ הסכם, ביי אַלע ווייבער, אַז מען זאָל קאָכען וועט־שערע, נאָר וויא עס איז שוין שפּעט דאַרף מען קאָכען אַ גרינגע זאַך. טרעפט וואָס קאָן דאָס זיין? איהר קאָנט אודאי טראַכטען אַ פּראַזשעניצע פון אַ צוויי צעהנליג אייער און דערצו טריפלאַך אין הוילע מילך? אַ קשיא אויף אייך וואַלינער אידען. ניין, אין דער ליטא געהט דאס ניט אָן. צו וואס טויג דאס איינעם, קריגען אַ שם פאַר אַ זולל וסובא? פאַר אַ געלד פרעסער? וואָרום ווער עסט דאָס באמת אַזוינע מאכלים אין דער ליטאַ? נאָר אַ פּאָדראַטשעק, דער בעל טאַקסע, דער איזבאָרשטשיק,אַ גלאַסנע פון דער דומע, איין ארץ ישראל משולח, און דיא משולחים פון וואָלאָזשינער און מירער ישיבות, אָבער אַ פּראָסטער איד וואָס איז זיך מכרנס פון זיין האָרעוואַניע, וועט זיך אַזאַ ראָס־קאָש ניט נאָכגעבען, נו אדרבה, וואָס דען איז דאָס? ניט אַ סך געקלעהרט, דאָס איז פשוט אַ „קרופּניק", וואַסער מיט רעטשענע גרויפּען, נאָר אָהן קאַרטאָפלעס, עס זאָל ניט דויערען דאָס קאָכען — בקיצור אַלע עסען וועטשערע, עס איז שלום ושלוה, דער עולם שלאָפט וויא נאָך אַ חתונה. —

ויהי ערב ויהי בוקר. עס איז געוואָרען טאָג, האָט זיך אָנגעהויבען אַ פרישער יום הדין, דיא הינער מיט דיא העהנער האָבען דערזעהען דיא פרישע אורחים:

דיא הינדיקעס מיט דיא הינדיטשקעס, אָ דאָ איז געוואָרען אַ טומעל מיט אַ געפילדער, דיא עופות האָבען אָנגעהויבען פליהען און האָבען אראָפּגעוואָרפען אַלע טעפּ פון דער פּאַלעצע, דיא הינדיטשקעס האָבען גקוויטשעט און דיא הינדיקעס האָבען געהאָלדערט, דיא קינדער האָבען באַלד בעמערקט, אַז דער הינדיק מאַכט „האָלדער", ווען דיא הינדיטשקע קוויטשעט, זיינען זייא געפאַלען אויף אַ נייער המצאה, זייא האָבען נאָכגעמאַכט דיא הינדיטשקעס, כדי צו נאַרען דערמיט דיא הינדיקעס, קורץ, טאָג און נאַכט האָבען דיא קינדער געפייפט און דיא הינדיקעס האָבען געהאָלדערט אָהן איין אויפהער, עס פאַרשטעהט זיך אַז דיא קינדער האָבען געלייזט פּעטש און קולאַקעס, שטורכעס און ציפּעס, קללות און חרמותגאָר אָהן אַ חשבון, אָבער עס האָט גאָר ניט געהאָלפען. — אין דעם פריהמאָרגען נאָך דעם מארק איז געבליעבען בייא דיא ווייבער, אַז מען זאָל זיך טאַקי תיכף נעהמען צו דיא שפּייז שאַפּעס כשר מאַכען, יעדע שכנה האָט אַרויסגעראַמט דיא כלים פון שאַפּע צו איהר אין חדר, יעדע פרוי האָט זיך גענומען צו איהר שאַפּען וואַשען און שאַבען, אין שטוב זאָל מען גאָר בעשירעמט ווערען, איז גאָר ניט אַריין צו געהען, קולות פון אַלע זייטען, דיא קינדער פייפען, דיא הינדיקעס האָלדערען גאָר אָהן רחמנות, דיא עופות פליהען ארום אהין און אהער און טהוען שאָדען, דער גאַנצער פאָל איז פערשטעלט מיט דיא כלים פון דיא שאַפּעס.

דיא קינדער האָבען זיך דערמאָהנט און האָבען אָנגעהויבען צו שרייען עסען, דער חאַפּט אַ פּאַטש, דער אַ קולאַק, ניט געזשאַלעוועט עטליכע הערצליכע קללות, אין איינוועגס דערמאָהנט מען דעם מאַן אויך: „אַ מיתה משונה זאָלסטו אייננעהמען מיט דיין טאַטען אין איינעם, ניחאַי וואָלט ער געוועןאויסגעשווימען און אויסגערינען פון דער מוטערס בויך, איידער איך האָב איהם דערקאָנט, נעהמט און עסט מיך אויף לעבעדיגערהייט וועל איך פּטור ווערען פון אייך און פון אייער טאַטען„.—

אַז דיא מאַנען זיינען געקומען אַהיים פון דעם דאַוונען, און האָבען גערטאָפּען אַזאַ סצענע, האָבען זייא געחאַפּט צו עטליכע קללות, אַבי ניט אוועקגעהן גאָר ניכטער און האָבען תיכף געמאַכט פּיס, — לויף ממזר! לויף משומד! האָט איין אידענע געשריגען שאַבענדיג דיא שאַפּע, לויפען זאָסטו שוין אָהן אַ העמד, רבונו דעלמא כילא, אַרויסלויפען זאָל פון איהם דיא טרפה'נע זעעל, וויא עס יאָגט פון מיר דיא נשמה, איך ווייס ניט וואָס פריהער צו טהאָן, צו קאָנטשען דיא שאַפּע ריין מאַכען, אָדער עפּעס פּאָרט אויפקאָכען פאַר דיא קינדערלעך זאָלען לעבען, נאָך מיין קאָפּ זאָלען זייא בלייבען. — מען דאַרף דיא הינדיטשקע אויך אָנשטאָפּען, חלעבען אַ רחמנות, אַ שטומע צונג, דער שוואַרצער יאָהר האָט מיך אויך אַריינגעטראָגען מיט דער שותפות, אַ גרויסע יחסן'טע? מען ווייסט ניט? זיא מיינט אַז עס איז אין אמת ביי מיר אַ גרויסע זכיה אַז זיא האָט מיט מיר בשותפות איין הינדיטשקע? זיא איז קראַנק אויף אַ

מאָל זעהען עסען געבען? עפּעס דיא העזה פון לייטען איז טאַקי גאָר ניט צו דערהאַלטען.

איהר ווייסט ווייבערלעך אז פון מאָרגען אָן איז שוין מעהר ניט וויא דרייא וואָכען וצ פסח, בנאמנות! אז דיא האָר שטעלט זיך מיר קאַפּויער, עס איז דאָך ב״ה ניט דאָס ערשטע יאָהר, איך בין שוין דאַנקען גאָט אַ בעל הביתטע פאַר זיך שוין 15 יאָהר, הלוואַי וויא פיעל עס איז מיר באַשערט נאָך לעבען מיט מיין מאַן זאָל געזונד זיין, זאָל ניט זיין קיין ערגערע פסח'ן וויא ביז יעצט, נאָר הערט איהר, היינטיגער פאַר פסח שטעהט מיר אָט דאָ, (זיא ציינט אויפ'ן האַרצען).

אָט אין אַזעלכע שמועסען גייט איבער דער גאַנצער טאָג, מען האָט קוים געקאָנטשעט דיא שאַפּעס, דיא ווייבער נעבאַך וואָס זיינען אַ גאַנצען טאָג געקאָליעט געוואָרען פון קעלט, געבליעבען אָהן כוח פון האָרעוואַניע און פון גריזאָמע, האָבען זיך קוים אַריינגעחאַפּט אין דיא בעטען און האָבן נעבאַך שטאַרק געקרעכצט, — דיא הינדיקעס מיט זייערע ווייבער האָבען זיך איבערען טאָג אויסגעקוקט אַ מקום מנוחה אויף נאַכט לעגער, איז זייא געפעלען אויף דיא ווייבערשע הימעל בעטען און דווקא מיט'ן אָחור צום בעט, נו וויא מיינט איהר, עס איז עפּעס געשמאַק צו ליגען אין בעט און הערען דאָס לאַקסירען פון דיא לייט אויף דעם איבערבעט, — דיא מאַנען וואָס זיינען אין בית המדרש געוועזן ביי זיך געוועזן גרויסע מיוחסים, וועדליג דער מגיד האָט אויסגעשווינדעלט פון „שיר השירים“, וויא דיא „שכינה“ האָט גאָר ניט וואָס צו טהאָן, נאָר זיא בעריהמט זיך מיט דיא כנסת ישראל און האַלט פון זייא איין עולם ומלואו, חאָטש זיי האָבען זיך אַ ביסעל ניט גוט בעשריעבען מיט'ן מעשה עגל, פון דעסטוועגען האָט געזעהען דער דרשן צו קוועטשן אייניג פסוקים, ביז זייא האָבן געמוזט מסכים זיין אַז דער „נעשה ונשמע“ וואָס דיא אידען האָבען געזאָגט ביי קבלת התורה, (וואָס נאָכ'ן מגיד'ס ווילען, איז ער און דיא אלע שכנים אויך געוועזן ביי קבלת התורה, ערהאָט חשק?!) איז געשטאַנען פאַר אַ מליץ יושר, אַז דע חטא פון עגל זאָלען דיא כנסת ישראל אויסצאָהלען אין ראַטעס.

נו, אַוודאַי אַז דיא שכנים האָבען דערטאַפּט אַזוי אַ שמועס, זיינען זייא בייא זיך אַ ביסעל תקיף געוואָרען, זייא האָבען גאָר כמעט אין זייערע צרות פאַרגעסען, אַ שפּאַס מענשען וואָס זיינען תקיפים בייא דער שכינה, הא? אַי זייא זיינען שוואַרץ וויא „אָהלי קדר“, דערפאַר זיינען זייא שעהן וויא „יריעות שלמה“ מיט מעשים טובים; —

— פון דעסטוועגען נאָך דעם גאַנצען תקיפות, האָבען זייא זיך ביי דער נאַכט וויא דיא גנבים אַריינגעחאַפּט אין שטוב אַריין, ווער עסען, וואָס עסען? דיא הונגעריגע שיר השירים מיוחסים האָבען זיך מיט גרויסע צרות און נאָך פיעל שאָדענס, קוים קוים צוגעשלאָגען זיך צום בעט און אַנידערגעלעגט.

אָבער אַ הונגעריגען נעהמט קיין שלאָף ניט און עס פאַרשלאָגט איהם דער

אָטהעפּ ־יּון דיא שלעכטע ריחות פון דעם הינדיק וואָס פּראָוועט נקיות געגען זיין בעט. ער ליגט אין געהאַקטע וואונדען און קלעהרט וואָס פאַר אַ טאָלק מאַכט מען דאָ? „נאָך דרייא וואָכען ביז פסח, דאָס גאַנצע צימער איז פאַר־שטעלט מיט כלים, עס איז נישטאָ פשוט וואו אַ נאָז אויסצושנייצען“, נאָר וואָס איז דיא פעולה? קלעהר היינט קלעהר מאָרגען, עס איז שוין ב"ה טאָג, מען ברויכט ווייטער געהען דאַווענען, אין הארצען האָט ער גטראַכט דאַכט זיך היינט איז שוין אַ ביסל רוהיג וועט מען דאָך פאָרט עפּעס קאָכען, נאָר ריידען טאָהר מען ניט, געחאַפּט דעם טלית און געמאַכט פיס.

דיא ווייבער האָבען אָנגעהויבען אַרויסקריכען פון דיא בעטען, אַ קלאָג, אַ יאָמער, אַ בראָך נאָך זיין קאָפּ, איהר זעהט וואָס ער האָט מיר אָנגעמאַכט, ער האָט דעם קוגעל טעפּיל מיר צו בראָכען, דאָס טעפּיל איז דאָך נאָך אַ ירושה ביי מיר געוועזן פון מיין באָבע, זאָל זיא אָבען דעם ליכטיגען גן עדן, דאָס איז געוויס זיין מלאכה, ער זעהט דאָך ניט, ניט זעהן זאָל ער דיא וועלט.—

„מאַמע! מאַמע! גיעב מיר עסען“ שרייט אַ אינגעל מיט קולות און וויינט מיט ביטערע טרערן, „בעוויינען זאָלסטו בעסער דיין טאַטע, אַ יתום זאָלסטו זיין אין גיכע צייטען, וועל איך זיין אַ וויסטע אלמנה, וועט גאָט און גוטע לייט אויף מיר רחמנות האָבען“ — אַז אַלע קנדער איז שוין נמאס געוואָרען שרייען און קלאָגען, האָבען זיי זיך גענומען צו זייער געשעפט, פייפען צו דיא הינדיקעס, זיי זאָלען האָלדערען, קאָכען אַ בסעל קרופּניק קומט קיינעם ניט אופן קאָפּ, עס איז ניט דאָ קיין צייט, עס איז ערב פסח.—

דיא ווייבער ווייטער צום עסק, וואַשען אַ בענקעל, אַ טישעל, דיא קינדער וויא עס איז פאַר שטאָפּט דאָס מויל מיט טרוקענע מאכלים, אַ שטיקעל ברויט מיט שמאַלץ, מיט סאראָפּ, געגעסען און געפייפט, אין שטוב איז תוהו ובוהו— אָט אויף אַזאַ אופן איז איבערגעגאַנגען דיא גאַנצע וואָך, אַלע חדרים זיינען פּוסט פון טישען און בענקלעך, אַלעסשטעהט שוין אויסגעוואַשען אופן הויף, עסען עסט מען שוין ב"ה פון דער האַנד, אין אמת געשמועסט צו וואָסערע צרות ברויכט מען אַ טיש? אַ פּנים מען קאָכט עפּעס? אַ טאָג פאר אַ טאָג, עס איז געוואָרען ערב שבת, מילא לכבוד שבת מוז מען פאָרט עפּעס קאָכען.—

דיא בעסטע פעדער האָט קיין קראַפט צו בעשרייבען דעם גרויסען ליאַרעם וואָס האָט זיך געטהאָן דעם דאָזיגען ערב שבת, דאָס ענגשאַפט און דיא גע־פילדערס, פון אַלע זייטען האָבען פאָרגעבראַכט אַזעלכע סבות אַזעלכע זעלטענע אומשטענדע, אַז מן איז געוועזן שטאַרקער פון אייזען דאָס אַלעס איבערצו־טראָגען, סוף דבר! דיא חלות זיינען געוועזן פאַרברענט, דערצו ניט אויפגעגאַנ־גען, דיא יויכען גוט פאַררייכערט, אַ געוואַלד אַ געשריי „דעם קוגעל האָט מען גאָר פערגעסען אַריין רוקען אין טשאָלענט“, עס איז שוין שפּעט, מען דאַרף שוין בענשען ליכט, אַלעשכנים האָבען גיך און שאַרף אַריינגעטראָגען דיא אַלטע פעסלעך, אַרויפגעלייגט דיא לאָדענס, אָט איז געוואָרען נייע טישען,

דיא וויבערהאָבען געבענשט ליכט, דיא מענער זיינען געגאַנגען דאַווענען, אין שטוב איז שוין ב״השבת, עס איז געוואָרען שטיל שלום ושלוה.—

גוט שבת! גוט שבת! נו עס איז שוין דאַכט זיך צייט אָן צו בייסען נאָך אַזאַ לאַנגען תענית? עס איז אָבער נישט דאָ אויף וואָס צו זיצען? אהא! דער קאָפּ איז גוט, א למדן גיט זיך אַן עצה, איבערגעקעהרט א דיישקע מיט'ן דנאָ אַרויף, עס איז אַפילו שטאַרק נידעריג דאָס מויל קומט אוים אונטערן לאָדען, נאָר וואָס קען מען מאַכען בעסער? אודאי איז ניט גרינג צו זיין אַ איד.—

בקיצור דער מאַן זיצט שוין אויף דער דיישקע וויא א פירשט, דאס ווייב מיט דיא קינדער שטעהן אַרום דעם פעסעל, קיין פיש האָט מען ניט געקאָכט, ווארום ווער האָט דאָס צייט געהאַט נאָך האָבען צו טהאָן מיט פיש אין אַזאַ ערב שבת? „נאָ האָט מען תיכף גענומען צו דער יויך, עס איז געווען אַפילו שטאַרק פאַר רייכערט, קאַלט, מאָגער אונחושך, מען האָט עס אויסגעחלאָפּטשעט מיט גרויסע צרות, פלייש איז אָנגעקומען אויף יעדען גוטע שתי שערות, צימעס קאָכט מען ניט ערב פסח, גע'פּטר'ט ב״ה דיא ערשטע סעודה— דער עולם האָט זיך גוט אונטערגעפּאַקט אָהן עין הרע, חלעבען ווילט זיך טאַקי שלאָפען, נאָר מעשה שטן דיא קינדער דרייענדיג זיך אַרום דיא פעסלעך האָבען זיי איבערגעקעהרט דיא לאָדענס און צובראָכען דיא שיסלען און טעלער, דיא קידוש גלעזלעך וואָס זיינען געשטאַנען אויף דיא מעכאַנישע טישען, דיא קינדער שיעור נהרג געוואָרען, האָבען זיך נעבאַך פאַר שטאָכען דיא הענדלעך מיט דיא אויגען, און דערצו מסתמא געקראָגען קלעפּ און קולאַקעס, אַלע וויינען און שרייען.—

אויף דיא פעטער האָט גערעגענט אַ מבול פון קללות און חרמות, „אבי ער האָט זיך אָן געפרעסען האָט זיך איהם באַלד פאַר חאָליעט שלאָפען״ קראַנק איז ער געווען זעהן דיא קינדער ליגען שלאָפען? אַזוי זיך נאָך געבען וואָס סע ווילט זיך? אָט אצינד ווייסט ווער עלטער איז? זיי וועלען געווים בלייבען קאַליקעס, נאָר וואָס הארט דאָס איהם? דער קאָפּ טהוט איהם וויה? עס פעהלט נאָר מיר ערב פסח, טאַנצען ארום דיא קינדער, געוואַלד וואָס טהוט מען? איך וועל מיר איין מעשה אָן טהאָן, וויא אַהין אַנטלויפט מען?—

אין אַזעלכע קלאָג לידער האָט מען פאַרבראַכט ביז האַלבע נאַכט אין דער פינסטער, (דיא גראָשאָווער ליכטלעך זיינען שוין לאַנג אויסגעברענט געוואָרען) און מען איז אין צרות איינגעשלאָפען — אין דער פריה, דיא מענער זיינען אַנטלאָפען גלייך אין שול אַריין, אין שטוב איז שוין כלומר'שט שטיל, וואָרום דיא ווייבער האָבען שוין באַלד קיין כח אַפילו צו שילטען.—

אָט איז מען דערווייל געקומען פון דער שול „גוט שבת! גוט שבת!״ דיא חלות ליגען שוין אויף דיא לאָדענס, מען איז שוין אַביסעל זיכער פון א היזק, מחמת דיא קינדערלעך ליגען שוין נעבאַך אַלע אין דיא בעטען קרעכצען פון ווייטאָג, וויינען און קלאָגען אַז עס רייסט אוים דאָס האַרץ, דאָך פּייפען זיי

אונטער אָפּט און אָפּט, אַרויס צוקרי גען דאָס האָלדערען פון דיא הינדיקעס, תקיף זיינען זיי אז מען וועט זיי געוויס ניט שלאָגען, זיי זיינען דאָך מיוחסים זיי זיינען קאַליקעס.—

נאָ ביי דער שעהנער מוזיקאָ פון דיא הינדיקעס, זעצען זיך אַלע מענער ביי דיא פעסלעך אויף דיא איבערגעקעהרט דיישקעס און קלעהרען מיט זיך אַליין מכח דעם טשאָלענט וואָס דאָ וועט באַלד אַרויפגעטראָגען ווערען. „שלעכט ברידער: עפּעס אַ גרוים שישקעריי צווישען דיא ווייבער ביי דעם אויוועןֹ‟ וואָס איז? אַ האַ! דער טשאָלענט איז גאָלע וואַסער, גאָר ניט אויסגעזאָטען וואָס טהוט מען דאָ? וויא דערלאַנגט מען דאָס צום טיש? גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען פאַרדיא רייד, עס איז דאָך נאָר אויפ'ן חזיר אויסצוגיסען, „עס איז ניט כדאַי צו ריידען אום שבת, נאָר דער אמת איז פאַר אַ שטיקעל האָלץ וואָלט זיא זיך אַ מעשה אָנגעטהאָן‟, מילא אַ גאַנצע וואָך עסט מען דאָך ב״ה שטענדיג רויהע קרופּניק, אָבער לכבוד שבת....

„אהאַ! זיא האָט שוין געפענט דאָס שוואַרצע פּיסקעלע‟, האָט זיך אָנגערופען דיא בעל הבית'טע, זעהר פּיעל דירה געלד גיט זיא זיך איבער? אַ שפּאַס אַז אין 9 חדשים האָט מען בייא איהר אַרויסגעצויגען מיט מ״הע וויא בייא אַ הונד פון דיא צעהן 4 רובלעס, הערסט! קאָנסט זיך אפילו מאָרגען אַרויסקלייבען ווער עס וועט נאָך דיר וויינען זאָל יענעם דיא אויגען אַרוים, אַ העזה פון אַ שפלה? מיין טשאָלענט איז דען בעסער? דאַכט מיר אַז אַלע זעהען אַז דיא שכנים'ס טשאָלענטען רוקט מען אַרויף אין סאַמע זשאַרה, דער שוואַרצער יאָהר קאָן טרעפען דעם אויוועןֹ, פון היינט מאָל אָן און ווייטער בין איך אייך מוכל דעם כבוד, רוקט יזך אַליין, הייצט זיך אַליין, דער גיהנם איז זייא קאַרג, זייא וואָלטען אַ בעלן געווען מיך פאַוברענען מיט דיא ביינער, טאַקי כדאַי האָבען אַ שטוב און הערען אַזעלכע רייד, פון אַ מינדסטער דראַפּקע. —

„ביז וואַנען וועט מען דאָ זיטצען?‟ האָט איין שכן אַרויסגעלאָזט אַ ביטער קול, גיב שוין דאָרטען אַהער דעם טשאָלענט, לאָמיר שוין אַראָפּקריכען פון דער דיישקע — „וואָס איזאויף דיר דאָס בייזע איילעניש?‟ האָט איהם געגעבען דאָס ווייב אַ קלאַפּ, „דוא זיצט אויפ'ן פּראָסט?‟ אַזוי אַ כבוד זאָלסטו האָבען אויף יענער וועלט וואָס פאַר אַ כבוד איך האָב דאָ, ער יאָגט מיר אין האַלז און אַקען געבענאיהם געשווינדער פרעסען, וואָס וועל איך דיר געבען? גאָלע וואַסער מיט פאַרסטודעט קאַרטאָפעל? אַ רעשטע! נעהם און פרעס, דעם קוגעל האָט מען ב״ה גאָר פאַרגעסען אַריינרוקען,, פליישׁ איז נישט דאָ, „אַ שבת? אַ יום מנוחה, נו, נו‟, דער היינטיגער ערב פסח קריכט גוט אין דיא ביינער אריין

פון גרויסע צרות האָבען דיא מענער גענומען דיא פיס אין דיא הענד און געמאַכט מאַרש אין בית המדרש אַריין, דער עולם האָט זיך אויפגעקליעבען גיך און שאַרף, מחמת מעוקאָן זיך אין שטוב ניט איינהאַלטען. דער דרשן האָט ווייטער גענומען הויבען דעם עולם אויף דריקעס, ער איז אַרומגעפלויגען אין

שיר השירים וויא א משוגענער, געמאכט פסוקים פאר קאליקעס, אנדערע מסרס געוועז, א טהייל איבערגעקעהרט, איין אנדערען פסוק גלאט א ש טארקען קוועטש געגעבען ביז ער האט נבאך מיט א רחמנות פנים געקוקט צום דרשן וויא איינער רעדט: „טשעפע זיך אפ פון מיר, איך וועל שוין דיר מסכים זיין אויף אלעס, אבי „טרעט אביסעל,עס נעהמט אן גרוים חלשות, איך בין דאך מעהר ניט וויא א פסוק, וואס קאן מען דא אויסקוועטשען פון מיר? איך בין זיך מעהר ניט אביסעל מחיה, נאר בייא דעם פשטן, ער פיהרט זיך מיט מיר פארט מיט דרך ארץ, אבער ווען טרעפט דאס מיר? דאס רוב ווער איך פאר־פינסטערט פון דיא מגידים, איך האב בייא זייא א פנים פון א מופקרת איטלי־כער איז מיט מיר א מחותן, טהוט מיט מיר וואס ער וויל, איך האב ביז יעצט א שטארקען טעות געהאט, איך האב אלעס געמיינט אז נאר דיא רוסישע דרשנים זיינען אזוינע רוצחים און פעלד־גזלנים, ארויפפאלען פלוצלונג אויף פסוקים ארום רייסען זייא פון קאפ ביז דיא פיס און אפשלאגען זייא ריק און לענד, אבער אין אויסלאנדדיא פרעדיגער, אלס מענער מיט וויסענשאפט, נעה־מען זיך געוויס צו א פסוק מיט איידלקייט, ניט א שטורך, א טעלעבענדע, א חאפ אונטערען אויער, אבער ערשט פע! וואלט איהר הערען וויא דיא דייט־שישע דרשנים חאפען ארויף א פסוק אויף דער ווענדקע גלייך וויא דיא חסידישע רביים, זייא פלוידערען גאר וואס נישט געשטויגען און נישט גע־פלויגען, אזוי א פנים זאל האבען ווער איך וויים, מיט וואס פאר א פנים עס קריכט ארוים דער פסוק פון זיין מויל. ער איז אויך א בדחן אקוראט וויא דער ליטוועשער מגיד, נאר ער זאגט כלומערשט אין ריין דייטש.

אט אזוי האט דער פסוק זיך אביסעל אויסגעקיהלט דאס הארץ פאר דעם שיר השירים זאגער, נו, וויא מיינט איהר? ער זועט איהם אביסעל הערען? יענער איז שוין געוואוינט אין אזעלכע רציחות, דאס טרפה'נע דם ווערט אין איהם צוקאכט אז ער דערזעהט א פסוק וואס ער טויג ניט פאר איהם, אט דא געהט ער ארוים וויא א העלד פול מיט וואפען, דאס הייסט: מיט א רמ"ז, מיט א נוטריקו"ן, אפט מיט א גימטרי"א, א מאל אז עס איז גאר שלעכט ווערט ער א מקובל, נו דא איז שוין דא גאר אנדערע סחורה, „א מספר קטן, איין א"ת ב"ש, אבי ער מאכט א תכלית פון דעם פסוק.—

דער שטאדט דרשן האט אונזערע שכנים אויפגעהויבען ביז דעם הימעל און אלעס געשפארט מיט פסוקים, חאטש דיא אלע שכנים זיינען נעבאך טוידט הונגעריג, אויסגעשאלטענע און אויסגעקאריניעטע אויף אלע זייטען, הייסט דאך דאס וויא מען זאגט: „ושר בשירים על לב רע", מען זינגט א לידעל אויף א פארביטערט הארץ, נאר אין מיטען געבען זייא א קלעהר, דער מגיד האט דאך אויך געגעסען א קרענק פון אלע אידען וואס דען איז ער בייא זיך אזויא אויפעגלייגט? אלא מוז דאך א פנים זיין אז דאס איז אלעס מיט א טיעפען קוק און געוויס וועט דער מגיד דאס אלעס אויך אויסארבייטען טאקי נאר פון שיר

השירים, נישקשה ער איז ניט קראַנק אויפ'ן שכל, פסוקים איז נאָך דאָ א סך ער האָט דאָך ערשט נאָר צווייא פרשות אָפּגעזאָגט. —

אזויא האָט מען פערבראַכט ביז מנחה, דער עולם איז געגאַנגען מאַכען א המוציא און טאַקי באַלד צוריק אין בית המדרש, עס הייבט אָן צו ווערען נאַכט, אַלע ווייבעראין שטוב האָבען זיך נאָך א מאָל אויפגעקליעבען אין איינעם, בעטראַכטען נאָך טיעפר מכוח דיא ענינים וואָס מען דאַרף טהאָן נאָך שבת, זייט רוהיג, ליעבע לעזער, און הערט גוט צו מיט קאָפּ. —

.3

דער צווייטער שבת נאָך פורים טאַקי בין השמשות.

אין שטוב איז טונקעל, אַלע ווייבער זיינען בשלום ושלוה, פונקט וויא מען וואָלט זיך קיין מאָל ניט איבערגערעדט איין וואָרט, זייא האָבען פיינט נוטר שנאה זיין, א אשה טאָהר ניט לערנען קיין תורה, דעריבער איז זיא קיין תלמוד חכם וואָס דאַרף זיין א נוקם ונוטר וויא א שלאַנג, דער כלל איז מען קריגט זיך און מען זידעלט זיך אויס וואָס אין קאָרט און מען ווערט שלום, אזויא דרעהט זיך דאָס עסק וויא פיעל מאָל א טאָג.

נו, אַזוי וויא מען איז דאָ געזעסען זעהר רוהיג און שטיל, האָט מען אָנגע־פאַנגען צו רעדען נאָך א מאָל מכוח דעם פסח. „איך ליוב און דאַנק דעם וואָס איבער אונז", האָט געגעבען א שמועס געלע דיא גלאַטשערקע, איך זאָג אייך ווייבערלעך דעם אמת, איך האָב מיך ניט גריכט פאַראַכטאָגען אין דער צייט אַז מען זאָל שוין יעצט אזוי האַלטען, חלעבען אָהן עין הרע מיר האָבען שוין א ביסעל מלאכה אָפּגעפּטר'ט, חאָטש דאָס איז גאָר קיין אָנהויב ניט, נאָך שבת אַז גאָט זאָל שענקען דאָס לעבען און געבען כוח, וועט זיך ערשט אָנהויבען דיא רעכטע אַרבייט: „מאָהלען ווייץ, זיפּען דאָס מעהל, באַקען דיא מצה, געזינד־טערהייד זאָל מען דאָס עסען אָן צער, אויסקאַלכען די שטוב", נו דאָס איז נאָך אַלס סיאַק טאַק, מען איז ב"ה שוין געוועהנט געוואָרען צו האָרעווען וויא א מיק צום האַמער, נאָר דאָס ערגסטע איז ביי מיר בעטען געלד בייא מיין מאַן, אָט מאָרגען דאַרף מען ווייטער נעטהיג וויא דאָס לעבען געהן נאָך א מאָל אויפ'ן מאַרק, א לעבענדיגער מענש דאַרף אַלעס האָבען, אין אמת ריידענדיג, קאָן מען איהם אויך ניט אַזוי שטאַרק בעשולדיגען, עס איז טאַקי, ניט זינדיגען זאָל מען מיט דיא רייד, ניט דאָ פון וואַנען, און דערצו דער בלוטיגער יקרות, צו וואָס מען ריהרט זיך צו איז זיך ניט אָפּצוצאָהלען, וויא פיעל דאַרף דאָס דער פסח ניט אויסגערעדט זאָל דאָס זיין, אַרויסשלעפּען בייא יעצטיגען יקרות אפילו בייא אַזאַ קליין געזינדעלע וויא איך בין? און פון דעסטוועגען אז עס וועט קומען צו עפּעס וועט ניט זיין ממש וואָס צו עסען, פיש וויא מען זאָגט, וועט כמעט גאָר ניט זיין, נו מיט פלייש זעהט איהר, קאָן מען זיך בוודאי אָנ־עסען? וועמעס קעשענע איז דאָס צו צאָהלען 20 קאָפּיקעס א פונטעלע—דער

גאַנצער פורעניות איז נעבאַך אויסגעגאַנגען אויף דעם אידען, ער עסט אויף זיינע בלוטיגע געלד אין צרות און אין ביינער.

איהר פאַרשטייט וויבערלעך וואָס דאָ וועט זיין היינטיגען פסח וואָס צו עסען? וויטער מצה, אָבער מצה, קאַרטאָפעל איז אויך ב"ה מיט גאָלד גלייך, נאָר אַ שעהנע כפרה, וואָלט איך ,זאָטש שוין געהאַט דיא עטליכע גילדען אין קעשענע — „שוויגט אין מחשבות'ן" מיר דאַכט זיך אַז עס איז שוין גוטע צווייא שעה אין דער נאַכט, וואָס קאָן דאָס זיין וואָס אונזערע לייט זיינען נאָך ניט געקומען פון דעם דאַוונען? איהר ווייסט אַז דאָס איז עפּעס ניט קיין גלאַטע זאַך? איך וואָלט אַ בעלן געווען זיך דורך געהן אין בית המדרש און וויסען וואָס דאָס איז פאַר אַ מעשה? עס איז ניט פשוט, מיר שרעקט זיך דאָס האַרץ.

נאָר דערוויל איידער דיא וויבער וועלען זיך ריהרען פון דעם אָרט, לאָמיר בעסער ליעבע לעזער, אליין זיך דורכגעהן און וויסען וואָס דאָרט איז? זעהט איהר! וואָס ניט וואָס? דאָס בין איך אויך אַ בעלן צו וויסען וואָס דאָס קאָן זיין? —

דער בית המדרש איז פול מיט מענשען אַלע רעדען, אַ שטאַרק מחלוקת, וואָס איז? עטליכע מענשען האָבען פאָרגעלייגט אַ פּלאַן אַז ביי יעצטיגען יקרות וואָלט קיין עולה ניט געווען, און אפשר נאָך אַ גרויסע מצוה אַז דער „רב זאָל לעבען" זאָל מתיר זיין „קטניות און הערינג", דאָס הייסט: רייז, הירזש, רעטשענע גרויפּען, אַרבעס, פאַסאָלים, נאַהיט, פּאָפּעשויע מעהל, אויך הערינג ער האָט חלעבען גוטע פּלייצעס,ער קאָן אויף זיך שטעלען.

נו, נו, דערויף האָבען זיך אַ חאַפּ געטהאָן איניגע איניקלעך נאָך פון דעם אַלטען מגיד און פון דעם אַלטען רב, איידעמס אַ גאַנץ פּעקעל, וואָס טשוד טשוד קריגען זייא סמיכה אויף רבנות, דעם שוחט'ס אַ שטיף זוהן, אַ יונגער מאַן אַ מופלג גדול און אַ קרומער מוח, גאָט זאָל זיך מרחם זיין, פרושים מיט שפּיציגע קעפּלעך און פערקרימטען שכל, דער שטאָדט מתמיד אויך אַ יונגער מאַן אַ חריף מיט זיעבען קעפּ וואָס קאָן משוגע מאַכען הונדערטער מענשען.—

אָט דיא אַלע האָבען זיך געשטעלט געגען דעם פּלאַן, פאַרשיעדענע סברות זיינען געפלויגען אין דער לופטען איינע קרימער פון דער אַנדערער, יעדער מטורף האָט דאָ געקראָגען איין אָרט אַרויסצוגעבען זיין חריפות און קאָפּ שטיק, אין גאַנצען בית המדרש האָט געקאָכט וויא אין אַ קעסעל — דער פּראָסטער עולם איז נעבאַך געשטאַנען אויסגעסאָלאָפּעט דיא צונגען און האָבען כמעט גאָר ניט פערשטאַנען דעם גאַנצען ויכוח, ווילדע אויסדריקע פון הלכות פסח האָבען זייא דאָ געהערט און האָבען דאָס ניט געקאָנט אפילו נאָכזאָגען, דער כלל איז, זיי האָבען געמיינט אַז דיא חכמה פון דער אייזענבאַהן, פון דעם טעלעגראַף, פון דער פאָטאָגראַפיע, הייבט זיך גאָר נישט אָן געגען דיא חכמות וואָס דאָ ווערט אַרויסגעגעבען מכח דיא אַרבעס און הערינג. —

גאָר אין מיטען האָט זיך אַרויסגערוקט איינער אַ יונגער מאַן אפילו ניט

פון דיא גרויסע גאונים וחריפים, נאר א רעכטער בעל סברא, א בעל שכל הישר (מען האט אויף איהם שטענדיג געפירמלט אז ער איז שוין געחאפט....) און האט א פרעג געטהאן אקלאטץ קשיא, „איך בעט אייך לומדים און חריפים" האט ער געזאגט גאנץ קאלטבלוטיג, „איך בעט אייך גיט מיר צו פערשטעהן דעם גאנצען איסור פון „קטניות", פאר וואס זאל מען ניט עסען שטענדיג אפילו ניט אין א „יקרות" אבי איינער האט דאס ליעב. —

איהר מיינט אפשר אז איך וויים גאר ניט וואס דיא „פוסקים אחרונים" טאלקעוועןמכח דעם? איך וויים זעהר גוט, נאר אדרבה! איך וואלט גערען געוואלט פערשטעהן דיא סברא דערפון, לאמיר נאר רעדען מיט'ן שכל הישר, לייגט אוועק אביסעל אייערע חריפות או פאנאטיזמוס,ביי מיר איז איין קווינט שכל הישר טהייערער א סך מעהר וויא טויזענדער פודען חריפות און קרומ־קייט, עקשנות און שפארעריי, נו לאמיר געהן כסדר, פאר וואס זאל מען ניט עסען אום פסח דיא „מיני קטניות" און בכלל דיא אלע פרות וואס מען מאכט אויף זייא א ברכה „בורא פרי האדמה און שהכל". —

דיא גמרא הקדושה זאגט אין (פסחים דף ל"ה) אזוי: „הני אין, ארז ודוחן לא וכו' שאין באין לידי חימוץ", דאס הייסט: ווייץ, גערשטען, דינקעל און האבער, קענען יא חמצדיג ווערען, אבער רייז און הירזש קענען" קיין מאל ניט חמצדיג זיין — ווייטער אין דער אייגענער גמרא (דף קי"ד) זאגט דיא משנה: אז מען פלעגט צום סדר דערלאנגען צווייא געריכטען, פרעגט דארטען דיא גמרא „מאי שני תבשילין", דאס הייסט: וואס פאר צוויי געריכטען? ענטפערט דיא גמרא „אמר רב הונא סילקא וארוזא", דאס הייסט: רב הונא זאגט אז דיא צווייא געריכטען זיינען געוועזען, איינער פון „סילקא" און דער אנדערער פון „רייז", דערצעהלט ווידער דיא גמרא: רבא פלעגט זיך סטארען צו עסען צו דיא סדרים „סילקא און רייז" ווייל רב הונה האט אזוי געזאגט.

נו רבותי! מיר וואלטען זיך דאכט זיך גענוג געשעצט גליקליך אז מיר וואלטען אלע אזוי פרום געוועזען וויא דער צדיק רבא וואס פלעגט זיך סטארען צו עסען רייז צו דיא סדרים! — ליידער אבער זיינען מיר אזוי צו פרום אז מיר ווילען פרימער זיין פון דער גמרא הקדושה, אט וועט איהר זעהען וויא מיר הערען דיא גמרא.

אין שלחן ערוך שטעהט אזוי: „ומותר לעשות מהם תבשיל, (הג"ה ויש אוסרים, והמנהג באשכנז להחמיר)" דאס הייסט: „מען מעג מאכען פון דיא מיני קטניות „געקעכטסען" אויף דעם געהט א צושטעלעכטץ: „עס זיינען דא אזעלכע וואס זאגען אז מן טאהר נישט, און אין דייטשענלאנד איז דער מנהג אז מען איז זיך מהמיר", זעהט איהר רבותי, אז אין גאנצען איז דאס נאר א מנהג פון דייטשלאנד, דאס איז נאר א מנהג וויא למשל זיך מלקות שלאגען ערב יום כפור און דעסטגלייכען, אבער ניט קיין דין. —

זייט וויסען רבותי! אז ניט נאר משה רבינו, אלע נביאים, תנאים

ואמוראים, עליהם השלום, האבען דערפון ניט געהאלטען אזוי וויא איהר האט פריהער געהערט פון דער גמרא פסחים אז דער צדיק רבא פלעגט זיך גאר סטארען צו עסען רייז צו דיא סדרים, נאר אפילו איצט עסען אלע פרענקען (וואס מען ווייסט אז זיי זיינען זעהר פרומע אידען) אלע אידען אין גאנץ אזיען, אפריקא, און פיעל אין איירָאפא, אט דיא אייגענע מיני קטניות וואס איהר מיינט אז דאס איז חמץ, ווען דיא אלע אידען הערען אז מיר עסען ניט קיין „מיני קטניות", קומט דאס אוים בי זיי אזוי קאמיש אזוי וויא ביי אונז, אז מיר הערען אז קאראאימעס עסען ניט קין בארשטש אים פסח, אדער אזוי וויא מען הערט אז א טהייל וואלינער נוצען ניט קיין קנאבעל און מאהן אויף פסח, ווארום וואס איז דער חילוק צווישען קנאבעל און ציבאלעס, אדער צווישען בארטשט, מעהרען, רייז און אנדערע מיני קטניות? —

דאס איז ביי אונז א מנהג, און אזעלכע מנהגים ברעכען א דין, רבותי! אזעלכע מנהגים ברעכען דיא דינים, דיא תורה הקדושה און דיא אויסגעהארע־וועטע ביינער פון מיליאנען ארימע אידען, אז מיר וואלטען ז ך ניט אנגעהאפט מיט ביידע הענד אין דעם נארישען דייטשען מנהג וואס איז געגען דער גמרא הקדושה וואלטען אידען גאר קיין צרות ניט געהאט פון דעם פסח, יעדער איד וואלט געגעסען א גאנץ יום טוב א מאהל רייז, א מאהל רעטשענע קאשע, א מאהל א מאמעליגע און דיא איבעריגע מיני קטניות טאקי וויא דיא פרענקען און נאך מיליאנען אידען טהוען נאך איצט אויך, און פאר יעדען וואלט גענוג געווען עטליכע פונט מצה אויף פסח, אהן אייער און אהן שמאלץ, איצט אבער איז אויף אונז איין אונגליק, מען מוז האבען אבער מצה און ווידער מצה, אהן מצה איז ניטא וואס צו עסען, נאר מצה און מצה מעהל, וואס מען דארף דערצו האבען פיעל שמאלץ און א סך אייער און עס קאסט גענוג געלד און געזונד.—

יא וואס נאך האבען דיא סאפיסטען דיא אחרונים אויפגעטהאן, הערט א גאנג! ארבעס און דיא אלע מיני קטניות מעג מען טאקי עסען אום פסח נאר ניט מעהר? מען האט מורא, וואס? וואס למשל קען מען דא מורא האבען? אהא! עס איז רעכט, אז מען וועט עסען ארבעס? נו למשל וואס זשע וועט זיין אז מען וועט עסען? אז מען מעג עסען! ניין, עס הייסט ווייל פון ארבעס קען מען דאך מאכען מעל (האלט קאפ עס שווינדעלט זיך אין מוח) און אז מען וועט עסען ארבעס מעהל (איהר פארשטייט נאך ניט?) קען דאך זיין אז מען וועט גאר א טעות האבען און עסען ווייצען מעהל אויך—נו ליעבע לומדים! אט דאס איז דער גאנצער טעם פון דיא פוסקים, פרעג איך אייך זאגט אליין נעמט דאס דער שכל הישר? געוואלד געשריען! מיט אזוינע קרומע גענג קען מען דאך מצה אליין אויך פארוועהרען און טאקי מאכען גאר א תענית פון דעם הייליגען פסח פאר וואסניט? אז דעם פוסק פארווילט זיך איז טאקע ניט גוט — נאך א מאל אז פון דעם עסען גאנצען ארבעס קען ארויף

אויפ'ן זינען ארבעס מעהל און פון ארבעס מעהל אויף ווייעצן מעהל, קען דאך פון מצה גיכער ארויף אויפ'ן מוח ווייצען מעהל? בעטראכט דאס נאר, עס איז דאכט מיר א ריכטיגער חשבון.—

ווייסט איהר, עס איז נאך עפעס גרויסע נסים וואס די פוסקים האבען זיך ניט געחאפט מסכים צו זיין צום משוגענעם פלאן פון איינעם א גאון וואס ער איז געוועזן א בעלן גאר פארוועהרען עסען קארטאפעל אויך אום פסח און אויך מהאי טעמא, מחמת מען קען דאך פון קארטאפעל אויך מאכען מעהל.

באמת איז די מעשה אזוי, בשעת די פוסקים האבען געמאכט די אלע גזירות אויף אידען האבען זיי גאר ניט געפיהלט אז דאס איז א משא פאר'ן עולם מקיים צו זיין, דערמאנט זיך נאר, פלייש איז דאמאלס געוועזן 3 אדער 4 קאפ' א פונט און דווקא פעטע און א גוטע וואג אויך, קארטאפעל 10 גראשען א מעסטעל, ווייצען מעהל 2 גילדען א פוד, אייער 3 גראשען א צעהנדליג, שמאלץ 10 קאפ' א קווארט, נו פרעג איך אייך? האט מען זיך דאמאלס גאר ניט געקענט בעגעהן אהן ארבעס? אהן קאשע? פיש איז געוועזן די בעסטע 3 קאפ' א פונט, נו צו וואס דארף מען הערינג?

דארום איז גאנץ זיכער אז ביי דער יעצטיגער צייט וואלט געוויס ביי קיין שום פוסק ניט געלייגט זיך אויפ'ן מוח מאכען אזעלכע גזירות, עס איז דאך אין אמת א געוואלד, א פוד מעהל אריבער 2 רו"כ, א מעסטעל קארטאפעל 75 קאפ', א פונט פלייש 20 קאפ' דווקא מאגערע גאלע ביינער און ניט דא קיין וואג אויך, נו וואס עסט מען אין אמת א גאנץ פסח? מהיכא תיתי די אלע מיני קטניות זיינען עפעס א מאכל, אבער ניט די טרוקענע שערבאלעך וואס צו שטעבען דעם גומען, און א חוץ דעם אלעמען פרעג איך גלאט די קשיא, עס איז טאקי א זול גדול, אבער וואס איז דאס פאר א פלאן מאכען פרישע גזירות? די הייליגע גמרא דריקט זיך אוים זייער גוט: „דייך במה שאסרה תורה“ עס הייסט: עס איז גענוג פאר דיר וואס די תורה אליין האט דיר פאר־ווערט.—

און באמת לאמיר נאר מאכען א חשבון, גאט האט אונז געהייסען ניט עסען קיין חמץ, נו האט ער דאך אונז פון מצרים ארויסגעפיהרט דורך גרויסע נסים ונפלאות, חלעבען איז חאטש כדאי, אבער וואס פאר א טובה האבען אונז געטהאן די פאנאטישע פוסקים אז זיי זאלען אונז גאר פארווערען כמה וכמה זאכען צום עסען? פרעג פאר וואס? פאר ווען? איהר זייט דאך לומדים, אייך דארף מען דאך ניט דערצעהלען וויא די חכמי התלמוד האבען מורא געהאט פאר „הפסד מרובה“ פאר אין גרויסען היזק מאכען — איינער פון די גרויסע תלמודיסטען האט געענטפערט דעם אנדערן וואס ער איז געוועזן א שטיקעל מחמיר: „עד מתי אתה מכלה ממונן של ישראל?“ עס הייסט: נאך וויא לאנג וועסטו איבערפיהרען אידיש געלד? נו בעטראכט דאס גוט, מה דאך

אין יענער צייט וואָס אַ גאַנצע בהמה האָט געקאָסט 1 גילדען האָט מען מורא געהאַט פאַר „הפסד מרובה“ מאַכען א אידען א היזק? (אוודאי אין 5 קאָפּ.) א פשיטה שוין בּיי דער יעצטיגער צייט וואָס א בהמה דיא ערגסטע קאָסט 30 רובּעל זילבער, נו וואָלט זיך איין אמורא אזוי גיך ניט גערעשעט מאַכען טרפה און מפסיד זיין אזוי פיעל געלד און ווער רעדט שוין גאָר מאַכען פרישע חומרות און שטאַרקען צוליעב דעם דאָס יקרות — וואָס איז היינט שמחת יום טוב? דאַכט מיר אַז יום טוב איז יעצט פיעל ערגער וויא אַ וואָכעדיגער טאָג, אין אמת איז דאָך „אין שמחה אלא בבשר“ נו ב״ה מיט פלייש איז מען שוין פאַר־זאָרגט, איבּער דיא גרויסע חומרות פון די פוסקים אחרונים און די פאַרפלוכטע טאַקסע האָבּען מיר שוין פאַרגעסען אפילו דעם טעם פון פלייש, נו אין די וואָכעדיגע טעג קאָכט מען אַ קרופּניק מיט אַקאַרטאָפליע, עטליכע פאַסאָליעס, אַ בּיסעל רעטשענע קאַשע, רייז, הירזש, אַ מאַמעליגע, איז אפילו אָהן פלייש אויך נישט קשה, אָבּער אין דעם יום טוב אים פסח, מען קאָכט דיא יוך, מען רופט דאָס נאָר „יוך“, ווייל אין דעם איז ניט דאָ קיין גרויפּען אָבּער קיין פלייש איז אין דער יושקע אויך ניט דאָ, נו קאָן מען זך עפּעס משמח זיין מיט אַזעלכע יויכען? עס הייסט מיט גאָלע וואַרימע וואַסער?—

און נאָך דיא אַלע זאַכען דאַרף מען נאָך קלעהרען אַ שטייגער בּיי יעצטיגער צייט יעצטיגען יקרות צו מתיר זיין דיא אַלע סאָרטען וואָס נעהמט גאָר קיין שכל פאַר וואָס זיינען זייא אָסור? זעהט וואָס דיא גמרא דערצעהלט אונז פאַר וואָס מען פלעגט מאַכען איין עבור יאָהר? „משום ירקא“, דאָס הייסט: קרויט איז ניט בּנמצא, דעריבּער האָט מען דעם פסח אָפּגעלייגט נאָך אין אַ חודש אַרום, איהר פאַרשטייט אַ כוח פון אונזערע חכמים כדי דער עולם זאָל האָבּען גרינס אויף פסח האָט מען גאָר איין עיבור געמאַכט און אונזערע רבּנים מיט דיא גאונים האַרט גאָר ניט אפילו דער עולם זאָל ח״ו שטאַרבּען פון הונגער ווילען זייא ניט מתיר זיין אפילו דאָס בּיסעל אַרבּעס וואָס מען מעג אַפילו על פּי דין עסען אָהן אַ שום ספק כלל וכלל. —

איך וויים גוט, ליעבּע לומדים! אַז איהר ווערט דאָס האַלטען פון מיר פאַר איין עזות, וויא קום איך זיך מישען אן אַזעלכע געשעפטען? נאָר דער אמת איז דאָס האַרץ טהוט מיר זעהר וועה, אַ רחמנות נעבּאָך צו קוקען אויפ'ן געמיינעם עולם וואָס געהען כמעט אויס פון הונגער, ווערען נעבּאָך פאַרשוואַרצט, שוואַרצען זיך זייער פּנים איבּער דער בּיטערער מצה און עס קומט יום טוב האָט ער ערשט ניט וואָס צו עסען, וואָס האָט מען צו זייא? פאַר וואָס זאָל ער נעבּאָך דיא אַלע זאַכען ניט מעגען עסען אים פסח וועט ער ניט דאַרפען אזוי פיעל פאַרשוואַרצט צו ווערען און וועט הנאה האָבּען פון שמחת יום טוב, איך וויים ניט צו וואָס זייא קויפען נאָך „מרור“ און לייגען צום סדר? מיר דאַכט זיך זיכער אַז מיט דער ברכה על „אכילת מצה“ איז ער „אכילת מרור“ אוודאי יוצא, מען דאַרף ניט קיין גרעסערען מרור וויא דיא מצה איז בּיי דעם אָרימען מאַן.—

פון דיעזען שמועס וואס דער מענש האט גערעדט מיט א שטארקען טאן און מיט פולען געפיהל, זיינען נעבאך דער פראסטער עולם אזוי געריהרט געווארען אז זיי האבען כמעט געוויינט מיט ביטערע טרערען, יעדערער האט אנגעהויבען צו פיהלען זיין ביטערען לעבען, נאר דיא משוגענע חריפים וואס ווילען ציהען העלפאנדען דורך לעכלאך פון נאדלען האבען געשריען אז אזוינע רייד טאר מען ניט הערען, מען טאר ניט פורץ גדר זיין, נישקשה מען וועט פאר הונגער ניט שטארבען חלילה! — הערסטו דוא חצוף! האט א געשריי געטהאן דעם שוחט'ס שטיף זוהן, דוא ווייסט אז דו האסט א דין פון א „זקן ממרה?“ איך זאג דיר אז דוא זאלסט אויפהאלטען דיין מויל און אז ניט ועסטו שטארק חרטה האבען,דוא פערשטעהסט וואס מען מיינט?

דער יונגער מאן איז שטארק צוקאכט געווארען פון דעם שטיף זוהן'ס רייד, ער איז נאר פון דיא כלים ארויס, און וויא א גרויסער העלד איז ער ארויף נאך א מאל אויף דער בימה, און מיט א ציטערדיגע שטימע האט ער אזוי געזאגט: איהר מיינט באמת אז איהר זענט בייא מיר א גרויסער מענש? וואס סטראשעט איהר מיך? וואס וועט איהר מיר טהאן? איך בין ב"ה ניט פון דיא כלי קודש, איך לעב ניט אויפ'ן פרעמדען חשבון, איהר מעגט אויף מיר זאגען וואס איהר ווילט, איך האב ליעב צו זאגען דעם אמת, עס נעהמט טאקי אן ביי דעם הארצען, אייך איז גוט צו שווייגען, קיין טאקסע צאהלט איהר ניט, קאנט איהר עסען פלייש טאקי ביז עס קריכט אייך פון דעם האלז, חלעבען פון דיא אלע נארשיע מנהגים האט איהר גאר דווקא שעהנע פרנסה, אז מען שווייגט, שווייגט מען, זעהט עולם, זאלט איהר מיר געזונד זיין! פון וואנען לעבט אייער שטיף פאטער וויא א פירשט? ווען ניט דיא טאקסע? וואס וואלט דא געהאט א שוחט? דער כלל ציהט מיך ניט פאר'ן צונג, איך ווייס אלעס, איך פארשטיי ב"ה אלעס, איך בין ניט בלינד אין אלע געשעפטען — איך ווייס גאנץ גוט אז איהר בעדארפט דיא פאסאליעס און ארבעס אויף כפרות, אז עס איז דא גענוג פלייש און שמאלץ, קאן מען שוין טאקי קאכען באמת א גוטע יויך, פול מיט פעטע קניידלעך און מיט א גוט שטיק בראטען, א גוטע קיטניצע אנגעפילט מיט מעהל און שמאלץ, א מאגען, א'ן אייטער, נו בעדארף מען נייטיג רעטשענע קאשע אדער פאסאליעס? איהר ווילט ניט ארייננעהן אין דעם אנדערענס פאלאזשעניע, דיא הייליגע גמרא זאגט אויך: גדולה לגימא שהרתיקה שתי משפחות מישראל“ עס הייסט: צוליעב עסען זיינען ערווייטערט געווארען צוויי משפחות פון יודען, דאס איז „עמון און מואב“, א קאטאוועס עסען? דער „פסל מיכה“ האט נאר דערפאר עקסיסטירט ביי אידען, וויא דיא תלמודיסטען האבען פערשטאנען נאר ווייל ער איז געוועזן א מכנים אורחים, געגעבען עסען און טרינקען רייזענדער, געווים ניט מיט ליטוויישען קרופניק, נאר טאקי מיט א שטיקעל פלייש און דווקא ניט פון אייער שטיף פאטער'ס שחיטה, איהר ווייסט פון דעם סוד אז „הכל שוחטין ובכל שוחטין“, דאס הייסט: אז יעדער

איד מעג זיינא שוחט, מען דארף גאר ניט נייטיג אז א שוחט זאל זיין א חלוש מיט א האז אויפ'ן הארצען און מיט וואטען פארשטעקט דיא אויערען און זאל זיין דערצו א שטיקעל מקובל אויך. און דיא חלפים זאלען זיין פון דעם נייעם סארט שלייפען, נאר דיא טאקסע האלט צו דיא שוחטים און דיא שוחטים מיט דיא רבנים האלטען צו דיא טאקסע, זייא זאגען אז אהן דער טאקסע וואלט מען גאר געגעסען טרפות.

נאך זייערע רייד ווייזט אויס אז דיא טאקסע איז אויך פון תורה שבעל פה נמסר געווארען פון איין דור צום אנדערען ביז אייער שטיף פאטער און אונזער רב זאל מאריך ימים זיין; איך בין ניט קיין חריף, איך קאן ניט קיין פלפול, און איך האב טאקי באמת פיינד דעם גאנצען פלפול, אבער קיין עם הארץ בין איך ב״ה אויך ניט, איך ווייס גאנץ גוט אז מיט דיא אלע רייד ועל איך גאר נישט אויספיהרען און איך קאן ב״ה אהן ארבעס אויך לעבען, נאר עס גלוסט זיך א מאל טאקי ווייזען אז מען פארשטייט וואס מען בעדארף — מיין ניט אז דוא נארסט מיך, הגם דאס איז אויך א שטות, אבער איך האב דאך שוין געזאגט, בין איך אייך מודיע, אז איך האב קיין שום מורא ניט, מיך סטראשעט מען ניט מיט אזוינע נארישקייטען. —

אויף דיא רייד האבען זיך א קעהר געטהאן אלע פרושים מערידאלנע און אנדערע טאקי מיט א שבר (חלעבען עס איז טאקי מיט חן), אלע איידעמס מיט דיא סמיכות אויף דיא פלייצעס, איינגיקלעך מיט אפגעגאלטע קעפלעך, און צייכענם פון באנקעם אויף דער פאטילניצע, קרומע קעפ, חריפים, גלאט צבועים, און עס האט געקאנט ווערען ווער ווייסט וואס, נאר איינער א קלוגער יונג איז פלוצלונג צוגעגאנגען צם עמוד און האט א זאג געטהאן „ברכו את ה׳ המבורך", אט איז שטיל געווארען, דער עולם דאווענט מעריב, נאך מעריב איז דער עולם זיך צוקראכען איינציגווייס. —

4

דער אהיים קומען פון דיא שכנים פון דעם בית המדרש.

נו, טהייערע לעזער! לאמיר געהן בעלייטען אונזערע שכנים אהיים, צו־שטעלען זיי צו זייערע ווייבער, זיי האבען נעבאך שטארק געבענקט נאך זיי, וואס איז? טרעפט וואס? גאר פשוט, עס איז ניט דא וועמען צו שעלטען, דיא צונג קאן פערזשאווערט ווערען, אז מען נוצט זיא ניט א פאר שעה.

א גוטע וואך! א גוטע וואך! וואס צינדט מען שוין ניט אן א ליכט? עס איז דאך שין שפעט אין דער נאכט? אין בית המדרש איז היינט געווען א גאנצער עסק — „מיר האבען פערשטאנען אז עס איז עפעס פארגעפאלען דאר־טען", האבען דיא ווייבער געענטפערט, „וואס איז דארטען געווען?" מן הסתם האט מען זיך שוין געקריגט אויך, און אפשר חלילה גאר געשלאגען, „און דוא ביסט אויך בוודאי אין דעם א מאכער", האט א זאג געטהאן דיא „געלע", ווא־רום וויא ויהי איז א צרה, דיר געהט מעהר ניט אפ, דער קאפ איז ביי דיר

זעהר קלאָהר, דער פסח איז שוין ב״ה פאַרטיג אין גאַנצען, עס געהט מעהר ניט אָפּ נאָר לייב און לעבען, נו מהיכא תיתי דאַרף מען זיך אביסעל מישען אין פרעמדע געשעפטען, קריגען זיך אביסל שונאים. —

איהר זעהט ברידער ! „וויא דער שטן האָט דיא מערכה", האָט געזאָגט דער מאַן, אַלע שבת צו נאַכט אַנאַנדער געשעפט, אבי דיא קליפה זאָל עטוואָס האָבען וואָס צו טהאָן, פאַראַכטאָגען איז געווען איין עסק מיט'ן מאַרק, היינט ב״ה וואָלט שוין אפשר שטיל געווען, נו האָט זיך געמאַכט א פרישע זאַך, ניחייא וואָלט דיא ארורה חאָטש פרעגען וואָס און ווען ? —

דיא זאָגערקע האָט שוין אפילו חשק געהאַט מכבד צו זיין דעם מאַן מיט אַ גוטע מלוה מלכה, נאָר דער בעל הבית האָט אין מיטען אַ פרעג געטהאָן, „עס איז ניט דאָ אויף עפּעס הבדלה צו מאַכען ?" קיין בראַנפּען איז שוין גאָר נישטאָ ? האָט איהם דאָס ווייב צוריק א פרעג געטאָן, „דו האָסט דאָך גענומען א גאַנץ קוואַטירעל, האָסטו דאָס איבער שבת כשר געמאַכט אין גאַנצען ?" דאָס איז אַ ביסעל אַ טרפה האלז ? איך בין טאַקי אַ גרויסער נאַר, אַליין האָרט מען, מען פאַרגינט זיך ניט דאָס לעבען, מען עסט ב״ה קרענק אַ גאַנצע וואָך און אים שבת אויך, און פאר איהם איז קיין זאַך ניט צו טהייער. נו, נו, ער האָט זיך געשטעלט אַ שעהנעם שטייגער ? — גיב אַ גראָשען וועט מען קויפען אונטער ביער ווסטו מאַכען הבדלה, מאַכען זאָלסטו מיט דער גסיסה, דעם לעצטען מאָל וועט דאָס דיר שוין זיין, סם וועסטו ביי מיר טרינקען. —

„דוא וועסט שטוממען, צו ניין ?" האָט ער זיך אָנגערופען מיט כעס, דוא מיינסט אַז איך בין דער גלאָצערקעס מאַן ? „אָט וואָס עס האָט געזאָלט זיין און וואָס עס וועט זיין, זאָל אויסגעהן צו אייער קאָפּ", האָט זיך אַ חאַפּ געטהאָן דיא זאָגערקע ניט טויט ניט לעבעדיג, „וויא געפעלט דאָס אייך ? שלאָגט זיך קאָפּ אין וואַנט פון מיינעט וועגען, איהר מיט אייער ווייב און זיא מיט אייך" וואָס פאר אַ מחותן זענט איהר מיט מיר ? איך בין עפּעס אייער גלייכען ? נישקשה, איהר האָט נאָך גאָט פאַר'ן באָרד אויך ניט אָנגעחאַפּט, איהר וועט נאָך איינגעזונקען ווערען מיט דער שטוב וויא קרח, אָט אַזוי ווערט מען שפל ונבזה אַז מען האָט אַזוי אַ צרה פאר אַ מאַן, ניחייא וואָלט געווען אַ שטיין ארויסגעפאַלען אויף דעם אָרט איידער איך בין געבאָרען געוואָרען און אריינגעפאַלען אין אַזאַ ביטערען גורל, דער וואָס איז מיר נאָר אַ שונא, דער וואָס רעדט אַרום מיר צו שלעכטס, זאָל צו מיין לעבען קומען, אָט דאַרף מען מאָרגען אי״ה געהן אויפ'ן מאַרק, האָב איך אפילו ניט אַ צובראָכענעם שילינגער ? איך וואָלט געהאַט אַזאַ געזונד האַרץ וויא ער האָט וואָלט מיך אויך ניט געהאַרט, וועט ניט זיין, וועסטו עסען מכות, איך ב״ה האָב שוין באַלד קיין כוח ניט צו עסען, איך האָב זיך גוט אויסגעדיענט פאַר איהם.

דיעזע ווערטער פון דער זאָגערקע האָבען געמאַכט אַ שטיקעל איינדרוק אויף דיא איבריגע ווייבער און זיי האָבען זיך אויך אָנגעהויבען נעהמען צו דיא

מאַנען, יעדערע מיט איהר שטייגער, געשאָלטן מיט טויטע קללות, אויף געוואָר־
פען איינע דעם אַנדערען וואָס עס האָט זיך געטהאָן נאָך פון דעם ערשטען טאָג
נאָך דער חתונה ביז יעצט, געפלוכט און אויסגעוואָרצעלט דעם שדכן וואָס האָט
גאָר דעם שידוך אויפגעבראַכט, אויסגעשאָלטען די ביינער פון אבות אבותיהם,
הכלל דיא שטוב איז געווען פול מיט קולות, קללות און יללות, דער זייטיגער
מענש וואָס זאָל למשל געוועזען אריינקומען פלוצלונג אין שטוב וואָלט ער זיך
ניט געקאָנט ערקינדיגען אין וואָס עס בעשטעהט דאס מחלוקת, און וואָס פאר
א סבה דאָ האָט זיך געטראָפען רחמנא לצלן, ווארום אזעלכע ווערטער וואָס זיי
זאָלען האָבען א שייכות איינער צום אַנדערען הערט מען ניט בשום אופן, נאָר
איינציגע ווירּאַזשעניעס, „אַ שד אין דיין טאַטענס טאַטען אריין, דיא ערד זאָל
איהם ארויסוואַרפען וואָס האָט אזא טרפה'נע זרע ארויסגעבראַכט אויף דער
וועלט, מיין כוח זאָל ער האָבען, אַ'ן אלמנה זאָל איך בלייבען אין גיכע צייטען,
איך זאָל קיין מורא ניט האָבען פאר גאָט וואָלט איך נאָך אים ערב פסח אָפּגע־
טרעטען און ער זאָל זיך אַ מעשה אָנטהאָן" — „שווייג חצופה, האַלט דעם
פיסק", ענטפערט א מאַנספערזאָן, ברענג מיך ניט ארויס פון דער העזה, אויב
דוא ווילסט האָבען דיין גוטץ, זיא מאַכט מיר גליקליך? געה צום שוואַרצען
יאָהר חאָטש באַלד, ערגער וויא שלעכט קאָן דאָך ניט זיין. —

נו, וויא מיינט איהר, פון אזעלכע קורצע זאַצען קאָן מען עפּעס דערגעהן
אַ טאָלק? גלאַט עס קאָכט, עס רעש'ט, מען טומעלט, עס שטורעמט, אָבער ניט
צו וויסען וואָס און ווען? — דיא שרות נעבאַך הערענדיג דיא זיסע אונטער־
האַלטונג פון דיא שכנים מיט דיא שכנות, האָט זיא אויך געקראָגען אביסעל
חשק מאַכען חאָטש אַ שטיקעל מחלוקת מיט איהר מאַן „דעם וועכטער", חלע־
בען, מהיכא תיתי, פאַר וואָס זאָל זיא דאָס גאָר שווייגען? זיא צאָהלט אפילו
ניט קיין דירה געלד, אָבער דערויף איז מען דאָך אידען, עס איז פאָרט פאר
פּסח, אַ טאָג פאַר אַ טאָג, עס ווערט כמעט שוין אָנגערופען טאַקי ערב פסח, נו
האָט זיך טאַקי ביי דער שרות אויך געעפענט דער מוח, געוואַלד געשריגען!
וואָס שווייג איך? אַלע שעלטען, אַלע קאָרעניען און איך זיטץ גאָר וויא אַ פאַר־
שמאַכטע, איך מוז שטוממען, האַ? נאָך אַ מאָל, איך בין עפּעס אַ פאַרקוּיפטע?
איך שווייג, איך שווייג, עס איז אָבער קיין תכלית ניט, דער שוואַרצער יאָהר
ווייסט איהם, וואָס ער טראַכט זיך, צו ער מיינט שוין גאָר ניט דערלעבען פסח?
— וויא געפעלט אייך ווייבערלעך, עפּעס אזאַ דונער וויא מיר האָט איינגעשלאָ־
גען, האָט דאָך נאָך קיין יודישע טאָכטער ניט געטראָפען, אָט האָט ער אָפּגע־
פּרעסען שבת, געהט ער שוין אוועק זיך שלאָגען קאָפּ אן וואַנט, ניחייא וואָלט
ער חאָטש אַ פרעג געטהאָן „הערסט מיין ווייב, צו טשאָרט, צו דיאַוואָל, דוא
האָסט שוין עפּעס אָנגעגרייט אויף פּסח? וואָס הערט זיך מכח ווייץ? וואָס
קלערסטו מכח אַזעקעל? נאַ דיר עפּעס געלד אויפ'ן מאַרק", פע, חלילה! ער־
מיינט ער וועט זיך אַזוי אויסדרעהען, אויסגעדרעהט וועט דיר ווערען די קיש־

קעם אין בויך, איך וועל מארגען געהן צו דיינע בעלי בתים, איך וועל זיי געבען אז עס וועט זיי אין האלז ניט קריכען, מען קאן דיא נשמה ניט אויסשפייען, חלעבען איך וואלט אויפגעקויפט א שטיקעל הינדיטשקע, פארט אזא הייליגער יום טוב, ער האט גאר קיין מויל ניט, ניחייא וואלט ער שוין ניט געהאט קיין מויל צום פרעסען...... —

נו, אז דיא שרות האט זיך שוין נעבאך אויף אביסעל מוטה געמאכט מיט עטליכע קללות, איז געווארען אינשטוב אביסעל שטי אונרוהיג, עס הייסט מען האט שוין מעהר קיין כח ניט געהאט צו שעלטען און צו פלאנטען מיט'ן צונג, עס איז שוין געווארען גאנץ שפעט אין דער נאכט, דער עולם איז זיך צוקראכען יעדערער אויף זיין געלעגער טויט הונגעריג, צוגריזעט, הייזעריג פון שרייען און שעלטען, אט אזוי איז מען איבערגעלעגען אין צרות ביז טאג.—

הבוקר אור, עס איז נאר געווארען ליכטיגער, מארש דיא מאנסבילען אין בית המדרש, דיא ווייבער אויפ'ן מארק, אין שטוב זאל גאט בעהיטען און בע־שירעמען, אלע קינדער קלאגען און וויינען, עס איז ניט דא וואס צו בייסען און וואס אין מויל צו נעהמען, קאלט וויא אויף דער גאס, דיא עופות מיט דיא הינדיקעס מאכען אין שטוב תוהו ובוהו, דיא בהמה האט מיט דיא הערנער געעפענט דיא טהיר און האט אויסגעקעהרט דיא פאמוניצע אין מיטען שטוב, עטליכע חזרים זיינען אויך געקומען מאכען א וויזיט און האבען אויפגעגעסען וואס אין שטוב איז געווען, א שייגער עטליכע לעבלאך ברויט, עטליכע האלבע חלות פון שבת, אביסעל קלייען, אפעסעל בארשט געשטעלטע אויף פסח—

טהייערע לעזער! לאמיר לאזען אלע שטיבער אויף הפקר און לאמיר געהן אביסעל אין בית המדרש הערען וואס עס טהוט זיך מכח דעם היתר פון דיא „קטניות" און וואס זאגט מען אויף דעם נעכטיגען שמועס פון דעם אפיקורס, דיא זאך וועט שטיל ניט אפגעהן, דא וועט שוין עפעס זיין, פאלגט מיך, לאמיר געהן, עס איז כדאי צו וויסען. —

אין בית המדרש איז שוין נאכ'ן דאוונען, עס רוישט אין אלע ווינקעלעך אלע רעדען אלע שרייען, מען זידעלט זיך, מען שילט זיך, מען שטעלט דולעס איינער דעם אנדערן, צדדים א פולער בית המדרש, אלע איידעמס מיט דיא פרושים און דער שטאדט מתמיד, אויך דעם אלטען רב'ס אייניקלעך, דעם אלטען מגיד'ס, האלטען שטאהל און אייזען מיט דעם שוחט'ס שטיף זוהן — „א גרויסער יושר אנלערנען דעם הצוף דעם אפיקורס" האבען דיא לייט אלע מסכים געווען, „וויא געפעלען אייך זיינע נעכטיגע ווערטער" ? ער איז באמת א מלגלג פון אלע אידישע מנהגים, מכח דיא ארבעס וואלט אפשר קיין עולה ניט געווען מתיר זיין אין דעם יעצטיגען יקרות, נאר מען טאר ניט ווייזען א וועג דעם פראסטען עולם זיי וועלען מיינען אז מען קען א מאל חמץ אויך מתיר מאכען, א קשיא אויף פראסטאקעס, נאר וויא דיא מעשה איז דעם עזות פנים דארף מען נעטהיג זעהן אנרייבען גוט א מארדע.

גענגען זיי האָבען זיך געפונען אייניגע וואָס האָבען כלומר'שט נוטה געווען מיט אַ האַלבען מויל אויף זיין זייט, היינו דער שטאָט רופא וואָס ער ווייסט אַליין אַביסעל און הערט פון זיין דאָקטאָר אויך וויא געזונד עס איז א שטיקעל פלייש, זיינער אַן איידעם א שרייבער אין פּאָליצע א יונגער מאַן א פּלימעניק פון דעם גלאַסנע אין דער דומע א רעכטער מושלם, שרייבט אַדרעסען, אַ שטיקעל מליץ, מאַכט אָפּט שירים, א בריה אין מצבות שרייבען, מאַכט פּרטים אויף יעדער יאָהר, מיט איין וואָרט איין אויף געקלעהרטער מענש און נאָך אַזעלכע מענשען וואָס האָבען שוין אַ ביסעל דערשמעקט דיא וועלט.

אַלע באַנק קוועטשער האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן צום רב און נאָך פּיעל קולות, איז געבליעבען אַז מאָרגען נאָך קריאת התורה זאָל זיין א גרויסע אסיפה און מען זאָל דן זיין דעם אפּיקורס און זיין גאַנצע סעקטע.

א גאַנצען טאָג האָט מען פערבראַכט נאָר אויסצוזוכען חטאים אויף דעם אַפּיקורס, מען איז דערגאַנגען אַז ער שלאָגט שוין ניט קיין כפּרות פון כמה יאָהר, ער שלאָגט זיך ניט קיין מלקות ערב יום כפור, ער געהט ניט צו תשליך, ער זאָגט ניט דיא יהי רצון'ס צווישען תקיעת שופר און זאָגט אַז עס איז דאַרטען קיין שום סודות נישטאָ, קיין מלאכים קריכען ניט ארויס פון דעם שופר עס איז אַ צו קליין לעכיל.. פורים צו דער מגילה ליינען קלאַפּט ער ניט המן'ן און שיכור'ט זיך ניט אָן ביי טאָג לקיים צו זיין חייב אדם לבסומאָ, ער איז בודק חמץ אָן 10 שטיקלעך ברויט אונטער געוואָרפענע, ער איז ניט מסדר דיא קערה על פּי האר"י ער עסט ניט קיין שמורה מצות צום סדר, און קיין קעפּלעך פון חריין צום מרור, ער שיט ניט קיין פלעסניק אין שטוב אים שבועות, ער שלאָפט ביידע נעכט אין יאָהר, דאָס הייסט: הושענא רבה און שבועות, ער עסט פון שחיטת חוץ און צאָהלט ניט קיין טאַקסע, ער שנייט דיא נעגעל גלייך ניט בסרוגין, ער איז ניט מעביר דיא סדרה שנים מקרא ואחד תרגום, ער זאָגט אז מען לערנט חומש מיט אַ פירוש איז מען אויך יוצא, ער האלט ניט שטאַרק פון טראָפּ לאַכט פון אחשורוש שפּיעל, אַז מען בענטשט בה"ב זאָגט ער דוקא „אמן" און פאַסט אויך ניט תשעה באב זאָגט ער נאָר דיא ציון'ס דיא איבעריגע קינות געפעלט איהם ניט דאָס לשון, פון פּיוט זאָגט ער אויך מעהר ניט ווי די תפילות,דער כלל ער איז גאָר כמעט קיין איד ניט.—

דיא אַלע פאַקטען האָט מען אויפגעקליבען אום אויסצו ווייזען וויא ווייט ער איז שוין פאַרקראָכען אין אלף הששי, דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט דעם גאַנצען טאָג עוסק געווען נאָר וועגען דעם, זיי האָבען זיך גאָר פאַרגעסען אָן דעם חורבן וואָס עס טהוט זיך ביי יעדערען אין שטוב, זיי האָבען גאָר פאַר־געסען דעם פּסק וואָס זיי וועלען האָבען אַז זיי וועלען קומען אהיים.—

כמעט גאָר פאַר נאַכט זיינען נעבאָך דיא ווייבער ערשט געקומען צוריק פון דעם מאַרק, פאַרשלומפּערט איבער דיא אויערן, פאַרפרוירענע, פאַר־שמאַכטע, קוים זיך אַריינגעחאַפּט אין שטוב — אַ קלאָג ! אַ בראָך ! וואָס

איז דאָ אין שטוב געוואָרען ? ווער האָט דאָס דיא פּאָמוניצע איבערגעקעהרט? אַ דונער איז מיר, דיא קוואָס איז אויך אויסגעגאָסען, ווער איז דאָ פאַרט געווען ? „דיא בהמה מיט דיא חזרים זיינען עטליכע מאָל געווען היינט אין שטוב“, האָבען אַלע קינדער אַ געשריי געטאָהן און תכף אָנגעהויבען צו וויינען „עסען ! גיב עסען !“ „דער טאַטע האָט דיר גאָר ניט געגעבען קיין שטיקעל חלה ?“ האָט אַ פרעג געטהאָן דיא בעל ביתּ'טע. ניין ער איז נאָך גאָר ניט געקומען פון דאַווענען, „און דיין טאַטע איז אויך גאָר ניט געווען היינט אין שטוב ?“ האָט אַ פרעג געטהאָן דיא גלאַטשערקע, ניין קיין איינציגער טאַטע איז ניט געווען, גיב מיר אַ שטיקעל חלה איך האָב נאָך גאָר ניט געגעסען, קראַנק ביסטו געווען אַליין צו נעהמען ? דיא חזירים האָבען אויפגעגעסען דיא גאַנצע חלה מיט דעם ברויט,זיי האָבען אַרויסגע'גנב'עט אַ זעקעל קאַרטאָפּעל אויך פון אונטערן בעט ביי דער שרות — דאָס אינגעל נעבאָך דערצעהלט און קלאָגט, שרייט עסען מיט דיא לעצטע כחות.—

נו ליעבע לעזער! שטעלט אייך פאָר אַזאַ סצענע, אין שטוב איז קאַלט און חושך אַלע קינדער וויינען און שרייען און זיינען טויט הונגעריג, עס איז ניט דאָ וואָס אין מויל צו נעמען, דיא ווייבער נעבאָך זיינען צבראָכען פון דעם גאַנצען טאָג און אויך גוט הונגעריג, יעצט דעם שעהנעם ברוך הבא, אז דאַרויף קומען אַריין דיא מאַנען וואָס זיינען אַ גאַנצען טאָג גאָר אין שטוב ניט געווען און האָבען גאָר עוסק געווען מכח דער אסיפה, נו נו, וויא מיינט איהר ? אַלע קללות פון דער תוכחה האָט יעדע פרוי אויסגעשאָטען איף'ן מאַן'ס קאָפּ תיכף ווי זיא האָט איהם נאָר דערזעהען, דאָס איז אַביסעל פאַרשטאָכענע אויגען ער קומט נאָך אַהיים, ער מיינט נאָך אפשר אַז איך האָב איהם אָנגעגרייט צו פרעסען, עסען זאָל דיר שוין דיא ווערים אין גיכען רבונו של עולם ! — גוואַלד וויא נעהמט מען שוין דעם טויט ? גוואַלד וויא אַהין אנטלויפט מען ?

אין דיא רייד האָט זיא זיך שטאַרק אויסגעוויינט אויפ'ן קול, געקלאָגט און געשאָלטען און אַזוי אויך אַלע ווייבער געחליפּעט און געפּלוכט, אַלע קינדער יאָמערן און קלאָגען זיי האָבען שוין כמעט קיין כח ניט, אין שטוב איז גליטשיק פון דעם קוואָס און פון דער פּאָמיניצע, אַלע הונגעריג פאַרשמאַכט, אויסגע־שאָלטענע אויף אַלע זייטען, נו אַבי גע'פּטר'ט דעם מאַרק, אַלע ליגען אויף דיא געלעגערס און קרעכצען, טויט וויא אַלע טויטע, מען האָט קיין כח ניט ממש איין צו שלאָפען.

נו עס איז שוין ב"ה וויטער טאָג, דיא מאַנסבילען גייען אוועק אין בית המדרש און דיא ווייבער האָבען קיין כח ניט כמעט אַרויסצוקריכען פון דיא בעטען, נאָר וואָס טהוט מען ? אַ רחמנות אויף דיא קינדער, וואָס קאָכט מען ? מיט וואָס וועלען זיי דאָס עסען ? קיין ברויט קיין חלה, נו, נו ! אַ לעבען, ניט זינדיגען זאָל מען מיט דיא רייד — מיט גרויסע צרות האָט מען געקראָגען אַ ברויט און מען האָט אָפּגעקאָכט דעם לייכטען געקעכטץ, עס הייסט : רעטשענע

גרויפּען מיט גאַלע וואַסער,אַבי דיא קינדערלעך אַביסעל מחיה צו זיין, אַליין אויך געהאַפּט אַ פּאָר לעפּעל, נו איז געבּליעבען ביי אַלע ווייבער אַז מען זאָל זיך נעמען צום קאַליכען, דאָ איז שוין געקומען דיא צייט אויף דיא בעטען אויך, מען האָט אַלעם אַרויסגעוואָרפען פון דעם שטוב און מען קאַלעכט — נו זאָלען זיך דיא ווייבער קאַליכען דיא שטיבער און מיר לעזער! לאָמיר געהן הערען וואָס מאַכט זיך דאָרטען ביי דער אסיפה, עס איז שוין נאָכ'ן דאַווענען עס מוז זיך שוין טהאָן, גיכער, פערברענגט ניט דיא צייט.

5 דיא גרויסע אסיפה.

דאָס קהל שטיבעל איז פול מיט מענשען, פון כל הסאָרטען האָבען זיך אויף געקליבען צו הערען דעם טיעפען מוסר וואָס דער רב וועט דאָ זאָגען דעם אפּיקורס און מיט וואָס ער וועט דאָ איהם דן זיין, דיא אייניגע מענשען וואָס האָבען באמת דעם אפּיקורס ליב געהאַט, האָבען איהם מחזק געווען ער זאָל זיך גאָר ניט שרעקען און האָבען איהם צוגעזאָגט אַז זיי וועלען אויך זיין ביי דער אסיפה — דער גאַנצער עולם וואַרט נאָר אויפ'ן רב, אַ רעש, אַ געפּילדער, ער געהט! ער געהט! דער רב איז שוין דאָ, אין דעם קהל שטיבעל איז געוואָרען שטיל, אַלע שווייגען און שטעלען אויף מויל און [illegible]ערן הערען וואָס דאָ וועט זיך טהאָן—אונזער אפּיקורס האָט אָבער גאָר ניט געוואַרט ביז דער רב וועט אָן הויבען פאַנאַנדער פיהרען זיינע הענד מיט דיא דברי מוסר, פאַרקערט ער האָט זיך געמאַכט מוטה און האָט אָנגעהויבען פיהרען אשמועס מיט אַזאַ אופן.

איהר זאָלט וויסען רבי! איה פאַרשפּאָרט מיר גאָר זאָגען מוסר, איך פאַר־שטעה אַליין וואָס איהר וועט מיר זאָגען, מען האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר אייך פאַר אַ „מלגלג על דברי חכמים" פאַר אַ חוזק מאַכער פון אַלע אידישע מנהגים, מיט איין וואָרט, איך בין שטאַרק אַראָפּ פון דעם דרך הישר, איך בין אַ חוטא ומחטיא את הרבים, דאָס הייסט: איך זינדיג אַליין און מאַך נאָך זינ־דיגען אַנדערע, דאָס אַלעס ווילט איהר מיר פאָרזאָגען, און דערויף זאָגען מיר האַרבע ווערטער און גוזר זיין אַז איך זאָל חוזר זיין בתשובה, און אויב ניט וועל איך חרטה האָבען, אַיאָ רבי, דאָס וועט זיין דער אינהאַלט פון אייער דרוש? נאָ דאַרום האָב איך טאַקע הס אויף אייער טירחא און וויל אייך פאַרשפּאָרען ריידען בחנם איך אַליין וועל אייך קלאָהר מאַכען וואָס איך בין, און דערנאָך וועט איהר מעגען מאַכען פון מיר וואָס איהר וועט וועלען!

הערט רבי! און אַלע אידען! איך בין אַ איד וואָס גלויבט אין גאָט און אין זיין תורה,אַ דין וואָס איז מפורש אין דער הייליגער תורה אָדער אין דער גמרא היט איך אָפּ מיט כל הפּרטים און מיט כל הדקדוקים, אָבער דערפאַר בין איך אַ גרויסער פיינד פון אַלע מנהגים חדשים פון אַלע חומרות און איסורים וואָס האָבען אין אמת גאָר קיין שום ממשות ניט — ר' אליעזר זאָגט אין ירושלמי (חגיגה פ"א) „כשם שאסור לטהר את הטמא כך אסור לטמא את הטהור" עס הייסט: אַזוי וויא מען טאָר ניט זאָגען אויף אַ זאַך וואָס איז „טמא" „טהור"

אזוי טאָר מען ניט זאָגען „טמא“ אויף אַ זאַך וואָס איז באמת גאָר „טהור“ ווידער זאָגט חזקיה אין ירושלמי (שבת פ"א) „כל מי שהוא פטור מן הדבר ועושהו נקרא הדיוט“, דיא זאַך וואָס מען איז ניט מחויב צו האַלטען פאַר אַ מצוה און איינער האַלט דאָס יאָ, ווערט ער גערופען אַ פּראָסטאַק, על כן זיינען דיעזע אַלע פרעדמעטען וואָס באמת זיינען זיי כשר ומותר מיט'ן דין תורה, נאָר איניגע פוסקים אחרונים האָבען מיט אַ טעות געוואָלט מחמיר זיין און מאַכען פון כשר טרפה און פון מותר אסור, איז דער מענש וואָס איז אַ נאַר און איז אויך מחמיר ווערט ער גערופען אַ „הדיוט“ (פּראָסטאַק), נאָ פאַרשטעהט זיך אַז אַ מענש וואָס האָט נאָר אין זיך עטוואָס אַ פונק פון שכל הישר, וויל טאַקע בשום אופן ניט היטען אַזעלכע געשעפטען, וואָס נאָך ניט גענוג וואָס ער וועט דערפאַר קיין שכר ניט נעהמען אויף יענער וועלט, נאָר ער קריעגט נאָך אַ טיטול (פּראָסטאַק).

און בפרט ביי דיא יעצטיגע צייטען, אַז די אַלע חומרות און מנהגים בעשווערען זעהר דאָס לעבען פון אונזערע אידען, עס איז שוין ניט דאָ קיין כח דאָס אַלעס צו פאַרטראָגען, נאָר דער עולם איז נעבאַך שטאַרק קורץ זיכטיג צו זעהן אַז דאָס איז אַלעס שטותים און הבלים, זיי מיינען געוויס אַז דאָס איז אַלעס „הלכה למשה מסיני“ קלערן זיי אַז מען קען־דאָך באמת ניט העלפען, ווארום דערויף איז מען דאָך אַ איד, אָבער דער וואָס האָט ליכטיגע אויגען זעהט גאַנץ קלאָר ארויס פון וואַנען און פון וואָס איז דאָס ביי אונז געוואָרען, טהוט דאָך באמת איהם וועה דאָס האַרץ קוקענדיג אויף דיא צרות און דעם דחקות וואָס מען שטעהט אוים, נאָר איבער אַזעלכע נאַרישקייטען און קינדער שפּילעכלעך.

זאָגט מיר רבי! איהר זייט דאָך ברוך השם אין יעצטיגע צייטען אַ גאון, איהר קאָסט דער שטאָדט אַ סך געלד, נו פרעג אך אייך וואָס טהוט איהר לטובה פאַר דער שטאָדט? וואָס האָט איהר דאָ מתקן געווען? על כן איז דאָך אַ שטאַרקע קשיא צו וואָס דאַרף מען אייך? אפשר פרעגען א שאלה? איז ב"ה דאָ א דיין מאַכט ער דאָס פאַר צוויי רובעל א וואָך, וואָס איז? אפשר צו פערהיטען מען זאָל ניט עסען קיין בשר חוץ און דער בית דין שמש זאָל אויסרופען „בידיעת הרב הגאון דפה אַז דאָס האָט דעם דין פון בשר חזיר“ (חאָטש שטילערהייט עסט ער אַליין פון בשר חוץ), זעהט איהר דאָס איז טאַקי כדאי, מהיכא תיתי אַ גוטער פלאַן מפרנס זיין אַ רעכטען גאון, צו וואָס? ער זאָל מחזק זיין אַזעלכע רוצחים אַזעלכע גזלנים, וואָס געוויס וועלען זיי מוזען געבען דין וחשבון פאַר'ן בית דין של מעלה, קאַרג האָבען זיי אונגליקליך געמאַכט אידען מיט דער טאַקסע? דאָס איז נאָך ניט געהערט געוואָרען בי קיין שום אומה ולשון, נאָך וועניג פאַר אונז וואָס דיא פוסקים אחרונים האָבען גאָר אָהן רחמנות געמאַכט טרפות און חומרות, אַז קוים איין בהמה פון 20 ווערט כשר, וואָס אין אמת וואָלטען בעדאַרפט יעצטיגע גאונים ביי אַזא שרעקליכען „הפסד

מרובה" זיך גוט ארום זעהן און אפשאפען דיא אלע איבריגע חומרות און זיך צוריק ארויפשלאגען אויף דיא 18 טרפות וואס עס איז געצייכענט אין דער גמרא חולין, איז נאך א צוגאב צו דיא צרות דיא ביטערע טאקסע, נו איז געוואַרען א פונט פלייש דארע מאגערע אזא מקח וואס אין דער צייט פון דער גמרא האט מען דערפאר באלד געקענט קויפען א גאנצען אקס.

נו אדרבה ! פרעג איך אייך ווער קען דערצו העלפען ? דער עולם מיינט אין אמת אז דער פאראדאק פון דער טאקסע מיט דיא שוחטים און קצבים מיט דיא נאמנים, איז אין אלטער מנהג נאך פון מתן תורה אן, און אופן בארג סיני האט מען געוויזען אין איינעם מיט'ן מחצית השקל און דיא מנורה אויך א פייערדיגען בעל טאקסע, מיט א שוחט א חלוש מיט א גרויסען פופיק און א העקער א שכור, נו אויב עס איז טאקי אזוי מוז מען זיך מיט זיי שפיגלען, אבער איהר גאונים האט דאך יא געקענט זיך אויפקלויבען און מאכען איין אסיפה (פיעל נייטיגער וויא דיא יעצטיגע אסיפה א יא ?) מבטל צו זיין דיא אלע פאראדקעס און שטעלען יעדער זאך לויט דעם ריכטיגען דין.

מיר דארפען ניט זיין פרומער וויא אונזערע חכמי התלמוד, איינער פון זיי ר' דימי בשם ר' יצחק (ירושלמי נדרים פ"ט) האט געזאגט : „לא דייך במה שאסרה לך התורה, אלא שאתה מבקש לאסור עליך דברים אחרים" דאס הייסט : עס זיינען ניט גענוג פאר דיר דיא זאכען וואס דיא תורה האט אסור געמאכט ווילסטו נאך אויף דיר אסור מאכען נאך אנדערע זאכען ? נו נאך דיעזע רייד זעהט מען טאקע וואס פאר א טפשים מיר זיינען אז מיר האבען זיך פארשלומפערט ביז אונטערן קאלנער פון פיעל חומרות און גזירות, פרעגט צו וואס ? ווער וועט אונז געבען דערפאר עולם הבא ?

דיא גמרא ברענגט א שפריכווארט „לפום גמלא שיחנא" דיא משא ברויכט זיין וועדליג דער כח איז פון דעם ווערעבליוד, אבער ניט איבערלאזען ביז ער זאל פאלען אין דיא חאלאבליעס, דיא תורה האט אונז קורץ געזאגט מיט צוויי ווערטער „וחי בהם" אז מיר דארפען נאר לעבען דורך דיא מצות, אבער לא שימות בהם חס ושלום, ניט פערשווארצט ווערען פון זיי— מיך וואלט שוין ניט געארט דיא אלע נארישע מנהגים ווען זיי וואלטען זיי אריינגעקראכען אין גרגרת אריין, אבער אזוינע מנהגים של שטות וואס געבען ניט קיין מנוחה, פאר דולען מיר דעם קאפ אז עס איז ניט ליעב דאס לעבען, פרעג איך אייך אויף וואסערע צרות דארף מען זיי ? א נא ווער קען דערצו העלפען ? נאר איהר רבי און נאך אזעלכע גאונים.—

געוואלד געשריען ! עס איז א חרפה איבער דערצעהלען וואס דא טהוט זיך אפ דעם גאנצען פאר פסח, שוין העכער וויא צוויי וואכען אז מען עסט ניט, חאטש א גאנץ יאהר עסט מען אויך קדחת מיט רביעית, נאר דאך קאכט מען פארט עפעס, אבער דער פאר־פסח איז גאר א נייע מכה, מען זאל 4 וואכען האבען צו טהאן גאנצע טעג מען עסט ניט, עס איז נישטא אויף וואס צו

שלאפן, אלע שטיבער זיינען פוסט, טאג און נאכט קללות, יללות, און דאס איז אלעס איבער דיא נארישע חומרות איבער דיא פארשימעלטע מנהגים, דאכט זיך אז וועדליג דער רייגער דין פון דער תורה וואלט גאר ניט געווען וואס צו טהאן, וואס איז אלעס דיא טענה „מנהג ישראל תורה" נו גערעכט, אבער ווען איז דאס האטש גערעדט אז דאס איז א מנהג פון א קלארען ישראל, אבער אז דאס איז גאר א מנהג פון א משוגענעם ישראל איז אויך א תורה? מען האט דאך א גוטען מופת פון דעם פיינעם מנהג פון כפרות שלאגען, ח'לעבען אויך א מנהג ישראל, און דער בית יוסף רופט דאס פארט „מנהג של שטות" פארוואס? מחמת דאס איז א מנהג פון א ישראל שוטה.—

נאך מעהר דער מנהג פון כפרות איז ניט גלאט א שטות והבל, ניין ער ברענגט נאך פיעל שלעכטעס, ער איז מאכיל טרפות, וויא פיעל עופות הער־קוילען גאר ניט דיא שוחטים ערב יו"כ אלע ווייסען דערפון און קיינעם הארט דאס גאר ניט, אפילו דער חיי אדם ארבייט אויך מעשים אויף דעם, נאך ווער הערט דאס? וואס'ער גאון וויל דאס מאכען א היזק דעם רוצח דעם בעל טאקסע, ח'לעבען א רחמנות אויף איהם, ער חאפט פארט ארייך פון דיא כפרות א רעכטע מטבע, וויא מען זאגט א ווערטעל „זאל זיין פון א קאזאק אבי צום לעבען", דיא שוחטים חאפען אויך צו עטליכע רובל, זיי געהן אום פארטאג צו דיא בעלי־בתים חשובים קוילען זייערע כפרות, דאס איז שוין געווארען ביי אידען א גאנצער כבוד, חלעבען א בעל הבית וואס דער שוחט געהט צו איהם פארטאג ערב יו"כ, פאר נאכט שלאגט איהם דער בית המדרש שמש מלקות אויך א ביסעל מיט כבוד, ערשטענס ער אליין, ניט דער אונטער שמש, צווייטענס רוקט ער איהם אונטער מעהר אביסעל הייא עס זאל איהם זיין וועיכער צו ליגען (ווי א פאנסקע פערד אין שטאהל) איז ער שוין טאקי א רעכטער מיוחס און שפילט שוין א ראלע פון איין איש נכבד.—

און פרעגט וואס? וואס האט ער דא געטהאן פאר אזא גרויסע זאך וואס ער איז גאר פלוצלונג א מיוחס געווארען? עס איז רעכט, ער איז נעבאך אויפ־געשטאנען פארטאג, איהר קענט אפשר קלערען אז ער האט זיך גענומען צו זיינע חשבונות בעטראכטען פיעלייכט האט ער אפשר אימיצען געטהאן עפעס איין עולה? מחמת אויף אזעלכע פארברעכען געגען א מענשען איז דאך יום כפור אויך ניט מכפר, אפילו דאס וועקסענע ליכט וואס איז געמאכט געווארען מיט גרויס קונסט, יעדעס קנייטעל איינגעטונקט אין תחנות ובקשות, דער־מאנט אלע זכות אבות פארגאסען טייכען טרערען, קען דאך ניט העלפען אויף חטאים און פשעים אין געלד זאכען, נו דאכט זיך וואלט דאך יעדער מענש בעדארפט ערב יום כפור ארומגיין צו זיינע אבידעטע און זיך אפרעכענען מיט זיי פיין ארענטליך, זעהן אז איטליכער זאל צופריעדען זיין און ניט האבען חס ושלום קין טענות צו איהם.

נאר ווען אפילו אז דאס רוב אידען זיינען זיך אזוי ניט נוהג זיי ארט

גאַר ניט אַז יענער וועט איהם ניט מוחל זיין דיא גנבה אָדער דיא גזלה, דערפאַר אָבער היט מען שטאַרק דעם דאָזיגען מנהג: עסען אַ גוטען מיטאָג און אין דער יויך מוז זיין קרעפּלעך, פון דעם טייג אויספּלעכטען וויא אַ לייטער, געהן אין מקוה, מאַכען צוויי ליכט איינס אַ געזונטע און איינס אַ נר נשמה, געהן אויפן בית עולם און נעהמען דאָרטען אַ גרויס שטיק לעקעך, חלעבען ניט קיין נאַרישע מנהגים מען זעהט ארויס מיט'ן שכל אַז אַזוינע גוטע מעשים זייגען טאַקע מכפּר אויף שקר און רמאות, משיג גבול זיין, גזילות און גנבות עס איז דאָך אַ מנהג ישראל איז דאָס טאַקע אַ תורה.

נאָר דאָס בלייבט אַ שטאַרקערע קשיא, אַלץ איז דאָך דער דין נעבאָך ניט ערגער וויא דער מנהג, און פון דעסטוועגען עסען קרעפּלעך, מאַכען צוויי ליכט היט מען בכל תפוצות ישראל און אָפּגעבען אַלע גנבות און גזילות אום ערב יו"כ וואָס דאָס איז אַ דין מפורש, וואָס אָהן דעם איז כמעט דער גאַנצער יום כפּור אומזיסט, טהוט מען דאָס ניט, וואָס קען דאָס זיין? אַ פּנים האָט דאָס אַז עסען פיש און יויך מיט קרעפּלעך און צימעס, איז אַ סך גרינגער דעם קאָמיסיאָנער וויא אָפּגעבען אַ הונדערטער דעם קאָמיטענט וואָס ער האָט דאָס שוין לאַנג אַראָפּגעלאָזט טיעף אין קעשענע, אָדער דעם אָנזעצער וויא אָפּגעבען דאָס פרעמדע בלוט פון וועלכען ער האָט זיך געמאַכט אַ קאַפּיטאַל.

אָבער לאָמיך זיך אומקעהרען צו דעם וואָס איך האָב אָנגעהויבען צו אונזער מיוחס וואָס איז אויפגעשטאַנען פאַר טאָג און איך וועל אייך טאַקי מגלה זיין דעם סוד פאַרוואָס ער איז אויפגעשטאַנען — ער איז אויפגעשטאַנען צו טהאָן אַ וויכטיגע זאַך, וואָס איז? צו נעהמען אַ ווייסען האָהן און דרייען איהם אַרום זיין נאַרישען קאָפּ און עסען פון איהם אַ גוטע יויך, נו איז ער דען ניט ווערט דערפאַר ששי און דיא פּתיחה פון לאַל עורך דין? פאַרקעהרט ווען אַז אַלע אידען וואָלטען געהאַט שכל האָט מען בעדאַרפט אַזאַ בעל הבית האַל־טען פאַר אַ משוגענעם און פאַר אַ הדיוט פאַר אַ גרויסען פאַרעך אויך, וויא מאַכט זיך דאָס אַ איד אַזוי נאַריש? — נאָר באמת דיא חברה נאַרען זיך אַליין זיי מאַכען זיך גרינג אויפן האַרצען, אַז דער האָהן האָט פון איהם אַראָפּגעחאַפּט אַלע זיינע שווינדלען און גנבות, רציחות און מלשינות, אַי עס שטייט דאָך פּאָרט אינדער הייליגער גמרא אַז אויף עבירות געגען אַ מענשען קען אפילו יום כפּור אויך ניט מכפּר זיין, נאָר מען מוז טאַקע במחילה אָפּגעבען פרעמדע געלד, ניט מעהר פאַר וואָס רופט מען דאָך דיא עופות „כפּרות" ? האַ? מן הסתם איז דאָס פּאָרט שטאָט אַ קרבן. —

אָט אַזוי געהט עס מיט אַלע שטותים, איין שטות גרעסער וויא דאָס אַנדערע, אַ שטייגער מיט דער ערציהונג, פאַר וואָס געפינען זיך ביי אונז אידען אַזוי פיעל קבצנים? אַזוי פיעל שנאָרער? מחמת מיר ווילען ניט מאַכען פון אונזערע קינדער קיין מענשען וואָס זאָלען טויגען צו דער וועלט? חאָטש דעם אידען קאָסט דאָך דאָס לערנען זיינע קינדער פיעל מעהרער וויא אַ מענשען

איך האָב אַ הנאה אַ מאָל צו הערען וויא דער מגיד גיט צו פאַרשטעהען דעם עולם, אַז דער פסוק אַליין האָט שוין געזעהן וויא ער האָט קיין טעם ניט, און האָט בּיי איהם געבּעטען „געוואַלד מגיד! האָב אויף מיר רחמנות, נעהם זיך צו מיר און דרשה מיך אַרום“ און דאָס זאָגען זיי אַלע מאָל „אין המקרא הזה אומר אלא דרשני“, עס הייסט: דער פסוק בעט זיך נעבּאַך „דרשה מיך“, וואָלט דאָך איינער געקענט מיינען באמת אַז דער פסוק האָט גאָר קיין פשט ניט, חלעבּען! וויא פאַרשטעהט איהר, איז דאָס ניט אַ בלבול? אַ פּנים דער פסוק וויל גאָר ריידען מיט אַ דרשן? ער קען זיי ניט? פון זיי וועט ער עפּעס אַ טובה האָבּען? ווען אין אמת דער פסוק האַלט טאַקי אַמאָל אַ בּיסעל שמאָל איז שוין איהם אַ סך גלייכער אונטערגעבּען זיך צו אַ שטאַרקען בעל מדקדק אָדער צו אַ גרויסען פילאָלאָג, האָטש בּיי זיי וועט ער אויך קיין האָניג לעקען, מען זעהט דאָך וואָס דער פסוק „או נשיש“ האָט נעבּאַך אויסגעליטען בּיי דער חברה, ער איז קוים פון זיי פשוט פטור געוואָרען, אַי האָט מען איהם געדרעהט דעם אויער, גאָט זאָל זיך מרחם זיין, וועניג איז אויסגעריסען געוואָרען דער פסוק „וילך אליו אגג מעדנות“, ווער עס געדענקט נאָר? —

נאָר הערט איהר, פּאָרט אַ בּיסעל איידעלער בעהאַנדעלט געוואָרען איידער זיי וואָלטען אַריינגעפאַלען אין דיא הענד פון דיא בעל דרשה'ערס, דער מדקדק אַז ער זעהט אַז עס איז גאָר שלעכט, איז ער זיך מתיר צו מאַכען אַ קליינע אָפּעראַציע, איבּער בּייטען איין אות אויף אַן אַנדערן, אַ מאָל אַרויסוואַרפען איין אות פון דעם וואָרט, אמת דערפון איז דער פסוק אויך ניט שטאַרק צופרי־דען, אָבער דער בעל דרשה'ער, ער איז גאָר אַ ווילדע חיה אָהן דרך ארץ, אָהן בושה, פאַרקלויבּט ער זיך אין די פסוקים מיט ווייב און קינדער און מאַכט דאָרט אַן אַזאַ שמוץ, אַזוי אַ טומלעניש, אַז דער פשטן קען שוין דערנאָך דאָרטען ניט אַריינשמעקען, ער טרעפט שוין גאָר דיא טיהר ניט, עס איז אַזוי פאַר־וואָרפען מיט שטיקלעך דרוש, שמאַטעס פון רמ"ז פון סוד, אָניטשעס פון נוטריקון און גימטריאות, אַז מען קען זיך שוין ניט אַרום רייניקען.

איהר ווייסט אַז צוליעב דיא בעל דרשה'ערס האָט מען שוין כמעט גאָר פאַרגעסען דעם פּראָסטען פשט פון פסוק, איהר פערגעסט אַז דאָס קליינע אינגעל, זייט ער הויבּט אָן לערנען חומש מאַכט מען איהם שוין פאַר אַ מגיד, ער הערט שוין ניט קיין קלאָרען פשט פון אַ פסוק, איך האָב אַליין געהערט פון אַ אידען אַ גמרא למדן, אַז ער האָט זיך שטאַרק געשפּאַרט אַז דיא מעשה מיט אברהם אבינו וואָס מען האָט איהם אַריינגעוואָרפען אין קאַלעך אויוועז שטעהט בפירוש אין חומש, געוואַלד גזלן! עס שטעהט דאָך ניט אפילו אַ

האָט איהם אַרויף געבּראַכט אויף דער גאַנצער געשיכטע, נו וואָס זאָגט איהר? האָט מען דאָס בּעדאַרפט נייטיג?

וואָרט דערפון ? אויף דארויף האָט ער אַ געשריי געטהאָן מיט כעס, עס שטעהט דאָך „אשר הוצאתיך מאור כשדים“ ? נו מילא וואָס איז דער פון פאַר אַ ראיה ? „אור כשדים“ איז דאָך אַ שטאָדט ? „אַזוי גאָר אַ נייעס“ האָט ער זיך ווידער אַ חאַפּ געטהאָן, זעהט זשע וואָס מאַכט רש"י דערויף ? נו מאַכט דאָס מעהר ניט וויא רש"י, אָבער אין חומש שטעהט דאָס דאָך פאָרט ניט, נו איז דאָך דערווייל אין אמת „אור כשדים“ פאָרט טאַקע מעהר ניט וויא אַ שטעד־טעל, היינט פאַר שטעהט איהר שוין ברידער, אַז אַלע אידען זיינען קעלביגע בעל דרשה'ערס זיי קענען שוין גאָר קיין פשטות ניט הערען.

אדרבה! זייט אַ בריה און זאָגט אַ אידען אַז משה רבינו איז ניט געווען אויפן הימעל, נו, נו, דאָ וועט ער אייך אָנחראַקען אין דיא אויגען, וואָס הייסט ? איהר ווילט אָפּלייקענען, וואָס עס שטעהט בפירוש אין חומש ? אַי דאָס שטעהט דאָך גאָר נאָר אין מחזור פון שמחת תורה „משה עלה למרום“ און אויך שטעהט דאָך מעהר ניט וויא דאָס וואָרט „מרום“, עס הייסט אין דער הויך, אָבער ניט אויפ'ן הימעל, און חומש שטעהט דאָך דאָס וואָרט „מרום“ אויך ניט, עס שטעהט מעהר ניט נאָר אַז משה רבינו איז אַרויף אויפ'ן באַרג, און אין אמת, איז דיא ווערטער „משה עלה למרום“ דאָך מעהר ניט וויא אַ פיוט, עס הייסט גלאַט בדרך מליצה, והא ראיה, דער תנא ר' יוסי אין מסכתא סוכה, זאָגט בפירוש „מעולם לא עלה משה ואליהו למרום“ עס הייסט : מיינט ניט אַז משה און אליהו זיינען טאַקי אַרויף אין דער הויך, אין דער לופטען, ניין דיא כוונה איז נאָר, זיי זיינען אַרויף העכער וויא אַלע מענשען אין דער מדרגה פון שכל, פון חכמה, פון תורה, זעהט דיא חכמה פון דעם גרויסען תנא ר' יוסי, אַז חאָטש ביי אליהו שטעהט טאַקע בפירוש „ויעל אליהו בסערה השמים (מלכים ב' ב' י"א), פון דעסטוועגען זאָגט ער פאָרט אַז דאָס איז ניט דער פשט אויפ'ן הימעל, און אַ כל שכן משה, וואָס ביי איהם שטעהט גאָר ניט דערמאָנט דאָס וואָרט השמים, נאָר וואָס מאַכט דאָס אַלעס אַז מען לערנט אָן אַ סדר, אָן פער־שטאַנד, דער מלמד אַליין איז אויך אַ גרויסער פראָסטאַק, ער ווייסט אויך ניט דעם אונטערשיעד פון פשט צו דרש, ער איז אַליין משוגע, און מאַכט די קינדער אויך פאַר משוגעים.

מען פערקרימט נעב אַך דיא קינדער דעם שכל הישר, דאָס קינד לערנט אָפּ גאַנץ תורה, נו טהוט איהם אַ פרעג צו ווייסט ער כסדר דיא געשיכטע, פון אברהם אבינו ביז מען איז אַריין קיין ארץ ישראל ? ניין ער הויבט גאָר ניט אָן צו ויסען, ער ווייסט יא עפּעס, וואָס ? ער ווייסט אַז בשעת מען זינגט דעם „ואני“ (פרשה ויחי פ"ז) איז עפּעס דאָ אַ מעשה, אַז מען האָט געטריבען דיא אידען פן ארץ ישראל אין גלות (איהר הערט וואו ער האַלט שוין) זיינען זיי געגאַנגען אויף רחל'ס קבר. ער ווייסט וויא מען האָט דעם ארון פון יוסף ארויסגעקריגען מיט אַ קונסט פן דעם טייך נילוס, מיט אַ בלעך וואָס עס איז געווען אויפגעשריבען אויף איהם „עלה שור“. ער ווייסט נאָך וואונדערליכע

זאכען, למשל: אז עוג מלך הבשן איז געווען הויך פון דער ערד ביז אין הימעל און ווייטער פרעגט איהם בחרם ווייסט ער נ"ט פון זיין לעבען צו זאגען.

נו פארשטעהט זיך שוין זייער גוט, אז אזוינע קינדער ווערען גרעסער האבען זיי שטארק הנאה פון אזא פלוידערזאק וויא אונזער שיר השירים זאגער, ער מעג שוין אפילו קריכען אויף דיא גלייכע ווענט, אבי א שפיצעל, אבי א קרומקייט, א שפאס אז עס איז דא זיבעציג פנימער ביי דער תורה, נו איז זיין שפיטצעל אפשר אויך פון דיא פנימער, פאר וואס ניט? דער מגיד איז אפשר א קליינער זנאכער? א קליינער שנארער? דער כלל איז, דער עולם איז געווען צופריעדען פון דעם דרוש אויפ'ן העכסטען גראד.

עס איז שוין נאכט, עס איז שוין צייט דאווענען מעריב, און פארט געהן אהיים, באמת איז געהן אין קבר א סך גלייכער, נאר וואס טהוט מען? פון עסען שמועסט מען שוין ניט, אבער שלאפען? איז אין דער היים אויך נישטא אויף וואס דעם קאפ צו לייגען, דאס בעט איז שוין אויך נישטא אין שטוב, דערצו איז נאך אין מיט'ן קאליכען, קלעהר אהין קלעהר אהער, מען מוז דאך געהן גע־וואהר ווערען אהיים.

דער עולם האט נעבאך אפגעזאגט וידוי הגדול, און זיך אנגעהויבען רוקען אהיים, מען געהט נעבאך זעהר צו בראכען, שרעקליך הונגעריג, צו שראקען פאר דיא שווארצע פיסקעס, וואס זיינען שוין גרייט נאר אוים צו שיסען, אויף דער גאס גיסט א רעגען, א בלאטע איבער'ן האלז, ארום דיא שטיבער איז גאנצע לוזשעס, פון דיא רעגענם פערמישט מיט דיא אויסגעגאסענע פא־מיניצעס מיט קאלעך, נו וואס קען עס אבער העלפען? אריין אין שטוב מיט דעם רעכטען פוס, חלעבען גאר מחיה, פינסטער און גליטשעק, דער ווינד יאגט און טרייבט פון דיא האלבע אפענע פענסטער, אלע כלים פול מיט קאלעך, חושך און אנגעגאסען, עס איז נישטא אפילו וויא אנצושפארען זיך.

„שוין געקומען ב"ה פאר א גאנצען טאג" האט זיך אנגערופען דיא זאָ־גערקע, ער האט טאקע קיין צייט געהאט, מען ווייסט ניט זיינע געשעפטען, אזעלכע עסקים זאל האבען דער וואס לייקענט אין דעם וואס איך בין ניט ווערט צו דערמאנען„ ווער האט נאך איהם געשיקט" ניחייא וואלט ער שוין געווען ניט דערלעבען קומען, אזא גזלן, אזא רוצח, ער האט דאך אין זיך קיין אידיש גליד ניט, געוואלד! פאר פסח איינע אליין, וויא א שטיין, מען האָ־רעוועט מען רייסט קריעה, קראנק איז ער געווען אויך זיין אין שטוב, עפעס העלפען טהאן, צו נעהמען א קינד, אזא פנים זאלסטו שוין האבען וויא איציקעל, כפרה זאלסטו ווערען פאר זיין מינדעסטען נאגעל, ער האט זיך שוין נעבאך גוט פאר קיהלט, ער איז טוידט קראנק א גוטען סוף זאל ער האבען פונ'ם היינטיגען קאליכען, — גאט זאל מיך ניט שטראפען פאר דיא רייד, הערט איהר ווייבערלעך! איך וואלט שוין דעם רבונו של עולם מוחל געווען דעם עולם הבא, פון דעם פסח, אבי דיא צרות ניט זעהן, מען בעדארף דאך ניט פרומער

וויא אנזער מוטער שרה איז געווען, זיא איז דאך דיא ערשטע פון דיא אמהות, פון דעסטוועגען, אז ישמעאל האט זיך גערייצט מיט איהר בן יחיד, האט זיא זיך איינגעשפארט ביי איהר מאן אברהם, אז ער האט געמוזט ארויסטרייבען דעם זוהן ישמעאל מיט זיין מוטער הגר, קיין מלאכים איז גאר נישטא אויף דער וועלט, אפילו דיא מלאכים גופא, אז זיי זיינען אראפ אויף דער ערד, דער־צעהלט מען אויך פון זיי זעהר שעהנע זאכען, אז זיי האבען טאקי אויך געזינ־דיגט, א פשיטא שוין מיר זינדיגע מענשען.

„אפשר איז א שטיקעל סברא, אז מען זאל אנצינדען א שטיקעל ליכט, מען קען דאך דא נהרג ווערען" האט א זאג געטאן דער בעל הבית. „אנצינדען זאל דיר א העלעשער פייער נאר א חוץ אידישען שאדען" האט איהם תיכף געענט־פערט דאס ווייב, איך האב געהאט פאר וואס צו קויפען א ליכט ? וויא געהסטו ארום ? אין דער ערד זאלסטו שוין געהן אין גיכען צייטען, דאס איז א ביסעל א העזה ? א גרויסער גראף, עס געשוועלט איהם ניט, עס איז איהם פינסטער ? טהו זיך א מעשה אן, א בעל הבית ביסטו ? א הונד ביסטו, וואס לויפט אום אויף פיער פיס, נאר טאקע אזא הונד וויא דוא, ווארפט אוועק א שטוב פאר פסח אויף א גאנצען טאג.פרעגט איהם וואס און ווען,זאל ער אזוי וויסען וויא זיינע ביינער וועלען אהינקומען וויא ער ווייסט אויף וואס פאר א וועלט ער איז, אזא עולם הבא זאלסטו האבען, וואס פאר איין עולם הזה איך האב זינד איך האב דיר דערקענט, דוא האסט מיר שוין געמאכט ב"ה ניט צו גאט און ניט צו לייטען, ווער עס דערזעהט מיך, פרעגט מיר אלעם „ברייגדעלע" וואס זיינט איהר עפעס אזוי חושך אויפ'ן פנים, חוץ אייער שאדען אויף אלע אידען גע־זאגט געווארען, הלעבען אהן עין הרע ווער עס ווינשט אייך ניט זאל אליין ניט האבען, א באלבאסטע פן א שטוב, איין אייגענע בהמה, אייער מאן אויך א שטיקעל מפרנס, קינדערלאך דערלעבט, קיין בייז אויג זאל זיי ניט שאדען, נו וואס זשע פעהלט אייך ? איהר זיינט אפשר גלאט ניט געזונד ?" פאר־שטעהט איהר שוין וויא דער עולם לעבט דאס אביסעל אין טעות, מען האט מיך טאקע וואס מקנא צו זיין, דער צעהלט דעם אנדערן דיא צרות וואס מען טראגט אויפ'ן הארצען, דיא שטוב איז זיי גרויס אין דיא אויגען, איך בין דאס כלומר'שט דיא פינסטערע באלעבאסטע, וואס איז? זיין א פאריבאק ביי אלע שכנים, לסוף דער גאנצער הקדש *) דער גאנצער עפוש איז אלעם אין שטוב,

---

*) אונטערן ווארט „הקדש" ווערט געמיינט אין דער ליטא און אין וואלין אין דיא קליינע שטעדטלעך, אזא שטוב וואס איז פול עפוש און שמוץ, ענג־שאפט, קאלט, רויך, סיראסט, אלע פענסטער צובראכען, אלע וועגט ארום גע־ריכען, חושך און פינסטער, שווארץ וויא דיא סאזשע אין קוימען, איך ווייס אז אלע פילאלאגען וועלען זיך שטעלען דובאם, פאר וואס רופט מען דאס „הקדש" ? וואס הייסט הייליגקייט ? נאר עס איז רעכט, דיא וועלט איז אויך

אט האט מען שוין אלע חדרים אויסגקאלעכט, און דיא שטוב האבען זיי גע־לאזט אויף מארגען, וואלטען זיי ניט געווען אזוינע שלימעזאלניצעס, איך זאג זיי אין דיא אויגען, זיי מעגען אויף מיר פאראיבעל האבען, וואלטען זיי נאך היינט גיקענט אבוואשען דעם פאל, וואלט מען דאך שוין גיהאט איין ארט וויא זיך אפצורוהען.

„הערט איהר וואס איך וועל אייך זאגען", האט זיך א חאפ געטהאן א שכנה, א גאנץ הויכע און א דארע, מיט א ביסעל א פערקרומט מויל, איין פאר־קאלעכט טיכעל אויפ'ן קאפ, און אקינד מיט א גרויס בייכעלע אויף דיא הענד, (חלעבן נישט קשה א שעהנע מלכה צום סדר הא ?) „הערט איהר" איהר וואלט נאר צו מיין לעבען געקומען וואלט איהר שוין ניט גערופען דעם אנדערן שטינקערען, שטינקען זאל אייך פון דעם האלדז, אז איהר האט קיין גוטץ גע־

ניט משוגע, אין דיא פאריגע צייטען און נאך עד היום אין פיעל ערטער זיינען דיא קראנקען־הייזער וואס אידען האבען דאס גערופען „הקדשים" כדי צו פאר הייליגען זיי, איז געווען דיא ערגסטע הייזער פון דער גאנצער שטאדט, זיינען געוועזען משונה פארלאזט און זעהר שמוציג, דיא שטאדט בעלי בתים האבען ניט אכטונג געגעבען ניט אויף דער לופט פון דעם הקדש וואס עס איז געוועזען א סם המות פאר דיא קראנקע, ניט אויף דיא איבעריגע פארלאסטען וואס דער הקדש מאן מיט דעם הקדש רופא פלעגען דארטען אפ טהאן, און נאך יעצט אין כמה קהלות פון דער ליטא און וואלין געפינט זיך מענשען וואס זיינען שטארק בייז אויף דיא פארמענע באלניצעס, זיי האלטען דאס פאר א פאר־ברעכען, וויא מאכט מען דאס חוזק פון דיא אלטע הקדשים וואס דאס איז גע־ווען א מנהג קדמון.

דיא היינטיגע הקדשים האבען דאך באמת גאר קיין פנים ניט, געוואלד ! וויא איז דיא בלאטע ? פאר וואס שטינקט גאר ניט ? צו וואס בעדארף מען אזעלכע הויכע פענסטער ? צו וואס האט מען נאך בעדארפט זיי אפפארבען ? וויא איז דער הקדש מאן דער גנב ? חלעבען וויא דיא מעשה איז, איז ער פארט געווען א איד מיט'ן פולען מויל, א פראסטער איד א פארצייטיגער ניט וויא היינטיגע פראנטען, קוקען נאר אויף ציססטאטא,אט אז עס איז בעשערט גיווען צו לעבען איז מען אין דעם הקדש אויך געזונד געווארען, איך לאך פון דיא אלע שארלאטאנסקי פאראדקעס, דאס פאסט גאר ניט פאר א אידען . . .

בקיצור יעצט קען מען שוין פארשטעהן וויא אזוי דאסווארט „הקדש" איז געווארען א טיטול אויף א שטוב א חורבה, א עפוש, א ענגשאפט, און חאטש יעצט איז שוין ב"ה אין פיעל ערטער גרויסארטיגע באלניצעס, איז נאך ביי דעם עולם דאס ווארט „הקדש" א שימפפווארט, דאס וועט בלייבען למזכרת עולם אז עס זאל ניט פערגעסען ווערען דער אלטער פאראדאק פון יע־נע הקדשים, און מען זאל שטענדיג מאכען דיא ברכה „ברוך משנה העתים !"

הערט, זיא מיינט אין אמת, אז זיא וועט מיך פאר'מסר'ן ביי מיין מאן, זעהט איהר, איהם הער איך דאך גאר פונקט וויא דעם וואס לויפט ארום אויף פיער פיס, וואלט איך שוין בעדארפט אזוי מורא האבען פאר מיינע זינד, וויא איך דארף מורא האבען פאר מיין מאן, נאר גלאט עס פארדריסט, וואס מישט דיא דא אריין דעם אנדערן ? זיא מיינט טאקע אין אמת, אז זיא איז דא דיא גרויסע פריצע, און מיר זיינען איהר פאדאנעס ? מיין מאמע האט גהאט א סך שעה־נערע הייזער פאר דיר, דער מאמעס אבטרעט איך בעט איבער אייער כבוד, איז געוון א סך שעהנער וויא אייער גריב; פון דעסטוועגען פלעגט זיא גאר ניט מאכען א ברייטען אויפציג, און בפרט גאט זאל מיך ניט שטראפען פאר ריא דייד, אזא חורבה וויא דאס איז? איך האב זיא גאר א גאנצען טאג אויפ־געהאלטען, רק זיא שטעכט זיך, נאר זיא ברעכט זיך, עס געשוועלט איהר ניט, פרעג וואס ? זיא איז אין כעס אויף גאט וואס ער האט געמאכט פסח ביי אידען.

„נו כפרה, הערט שוין אויף האבען צו טהאן איינער מיט דעם אנדערן, צינד בעסער אן פארט א שטיקעל ליכט, ווער עס האט" האט זיך אנגערופען איינער א שכן גאר מן הצד, „דיא האסט א גראשען, געה און קויף" געהן זאלסטו שוין אהן א קאפ, האט איהם תכף ומיד געגעבען א תשובה זיין ווייב אויף א מנקת און דווקא ניט קיין יפת תואר, נאר גלאט אהן חן, וואס דארפסטו דיא ליכט ? וואס האסטו דא ניט דערזעהען? פרעסען וויסטו דאך אז עס איז נישטא וואס, אט אין ווינקעלע ליעגט דיא פערענע, לייג זיך און שטעה טאקי ניט אויף, פון מיינעטוועגען.

בקיצור, יעדער האט געהאט זיין פסק, דיא שרות נעבאך איז געשטאנען די גאנצע צייט גאר א פארשמאכטע, קללות איז ב"ה דא, נישט צו פאר זינדיגען, עס איז אבער נישטא וועמען צו שילטען, דער מאן דער וועכטער, איז קליגער ער קומט גאר ניט אהיים שלאפען, ער שמעקט גאר ניט, ער וויכט דיא שרות וויא איין עפוש, נו האט זיא גראדע דער זעהן, אז דער האן האט איהר אנגע־פייפט אין דעם יויך טעפעל, דא האט זיא איהם גענומען זידלען שילטען, זיא האט מיט איהם געשמועסט אקוראט וויא מיט דעם מאן, זיא האט זיך אזוי פא־נאנדער געקאכט, אז זיא האט זיך גאר פארגעסען, אז זיא רעדט דא מיט א האן מיט אשטומער צונג, זיא האט איהם אלעס אויסגעווארפען וואס זיא האט גע־וואלט זאגען דעם מאן דעם וועכטער, דער כלל איז, זיא האט נעבאך דערמיט אויך וויא עס איז יוצא געווען, אבי ניט לייגען זיך חס־ושלום ניכטער.

דערנאך, אז דער רעש איז אביסעל געשטילט געווארען, האט זיך דער גאנצער עולם, אין דער פינסטער ניט אויסגעטהאן דיא בלאטהיגע קליידער, געלייגט שלאפען אויף דער ערד, אין קעלט און נאסקיט, ארום און ארום זיי־נען דיא עופות, און מאכען נקיות, מיט איין ווארט, עס איז א ריח ניחוח, מען האט קוים דערלעבט טאג, דיא מאנסבילען נעבאך האבען זיך מיט גרויס

אנגסט ארויסגעחאפט אזוי וויא פון א תפיסה, גלייך אין בית המדרש ארײַן דאווגען.

נאר עס איז שוין ב״ה דיענסטאג א גוטער טאג, אלע האבען מסכים געווען אז מען זאל געהן תכף בעשטעלען ווייץ אויף פסח, א גאנצען טאג איז יעדער ארומגעלאפען פון איין מיהלנער צום אנדערן, געטראגען פראבעס צום רב קוים פאר נאכט האט יעדערער געענדיגט מיט א מיהלנער אויף ווייץ, געומען א פראבע אין דער קעשענע, און גיט פאר שלומפערט ביז אין גארטעל, פארנעצט פון רעגען, פוהלע שיך מיט בלאטע, טויט וויא אלע טויטע פון הונגער, יעדער האט זיך קוים פערשלעפט אין בית המדרש, געדאווענט מנחה, געהערט אביסעל זאגען שיר השירים, געדאווענט מערב, איז ווייטער צו הויז, נאר שוין מיט פרייליכע מינע איז ב״ה יעדער געקומען אהיים.

גוט אווענד! אט ברוך השם פארט געעקט מכח דעם ווייץ, דוא זעהסט דיא פראבע? דוא ביזט דאך מעהר מבין אויף דעם? „א דאגה, אבי כשר״ נאר געזונדערהייט זאל מען עס עסען אן צער, פסח קוקט מען ניט אויף שיינע, „ווען ווערט מען דאס מאלען למזל?״ איך ווייס? ער זאגט מארגען, „זאל ער אזוי געזונד זיין, דעם ערשטען ליגן זאגט ער?״ „נאר א כפרה אבי בעשטעלט״, האט זיא געענטפערט אויך מיט א שמייכעלדיגע מינע.

אין שטוב איז שוין אויסגעקאלכט, אויסגעוואשען דער פאל, אויסגעשפריצט מיט היי, וואס מען האט ארויסגענומען פון דיא בעטען, אין יעדער חדר ליגט שוין דאס ביסעל חמץ אין א רעשעטע, אין א ווינקעל, אביסעל אויסגעהייצט דעם אויוועז, שוין פערטיג דיא וועטשערע, דאס הייסט, וואסער מיט רעטשענע גרויפען.—דער עולם האט זיך צוזעצט אויף דער ערד לעבען דיא רעשעטעס, און געגעסען געשמאק דעם קרופניק מיט ברויט, וויא נאך א קרענק, זייער רוהיג, עס איז שלום ושלוה, אביסעל געשמועסט מכח דעם באקען מצה, און וויפיעל וועט דאס דארפען קאסטען, וויפיעל געלד מען ברויכט נאך האבן ארײַן צו ברענגען דעם גאנצען פסח אין ארדנונג, ברוך משנה עתים! א נאכט צו א נאכט איז ניט גלייך.

אבער האט ניט קיין טעות, איהר קאנט אפשר טראכטען אז עס וועט שוין אזוי שטיל און רוהיג זיין ביז יום טוב, ניין, עס וועט זיך נאך טהאן אויף טוש און אויף בענק, נאר וויא זאגט מען עפעס א חיי שעה איז אויך גוט, לעת עתה אין שטוב איז ריין און ציכטיג, אויסגעבעט דאס בעטגעוואנד אויף דער היי, און דער עולם שלאפט וויא דיא פירסטין.

עס איז ווייטער טאג, דיא מאנסבילען דאווגען, און דיא ווייבער האבען זיך גענומען קאכען א קרופניק טאקע מיט קארטאפעל, חלעבען עס איז פארט גוט אויפן הארצען, עס איז שוין פארט אויף א שטייגער, „יעצט קען מען שוין האפען אז עס וועט שוין פארט אפשר זיין פסח״, האט געזאגט דיא גלאטשערקע, אט וואלט נאך גאט געהאלפען אז מען זאל שוין בעקומען דאס מעהל

בכשרות אין שטוב, שטענדיג האָב איך מורא פאר דער מיהל, עס טרעפט זיך אל תפתח פה לשטן אָפט און אָפט סבות, נאָר מן הסתם וועט גאָט העלפען, הערט איהר, איך האָב אַזוי הנאָה, איך קוועהל גאָר זאָג איך אייך פון מיין זעקיל, טאַקע גאָט האָט מיר צוגעשיקט, איהר וועט לאַכען, איך האָב פיינד אַ גראָבען זעקיל. —

אין דיא רייד זיינען אָנגעקומען אַלע מאַנסבלען פון דאַווען, און מען האָט זיך גענומען מיט חשק עכען דעם קרופניק, עס איז פון זיי שיער דיא נשמה ארויס פון שמחה, אז זיי האָבען אַ מיש געטהאָן מיט דעם לעפעל און האָבען פלוצלונג דערזעהן אַ האַ עס יאוועט זיך אַ קאַרטאָפעל, זיי האָבען זיך אין אמת דערויף גאָר ניט געריכט, פיעל פון דיא שכנים, וואָס זיי זיינען געווען שטיק־לאַך פלוטעס, האָבען זיך ניט גיקענט אויפהאַלטען פון שמחה,האָבן אויסגעשר־יען „קאַרטאָפעל! קאַרטאָפעל!" מיט דעם אייגענעם קוראַזש וויא קאָלומבוס מיט זיין חברה האָבען אויסגעשריען „ערד! ערד!" בשעת זיי האָבען דערזעהן דיא יבשה דעם ערשטען מאָהל אויף זייער רייזע. באַלד נאָך דעם עסען איז דער עולם געגאַנגען מיט גרויס שטאָלץ אין מיהל אריין.

7

איין געשפרעך אין דער מיהל.

ביי יעצטיגע צייטען על פי רוב איז מען שוין ב"ה פטור געוואָרען פון דעם גלות, פון דיא פערד מיהלען, מען געהט פשוט אַריין אין אַ סקלאַד פון מעהל, און מען הייסט זיך אָפוועגען למשל 2 פוד קמח של פסח, דאָס מעהל איז קלאָהר, פיין, ציכטיג און ליכטיג, און אין צוויי שעה ווערט שוין דער פון מצה, און דיא סצענע נעהמט איין ענדע, אָבער ניט אויף אַזאַ אופן האָט זיך גע־פיהרט אין דיא פערד מיהלען, דאָרטען איז בלאָטע איבער דיא אויערן, קאַלט און חשך, אַז עס קלאַפט און טרעסילט זיך איין צאָהן אָן אַ צאָהן, דיא מיהעל איז פול מיט מענשען, יעדער וואָלט שוין גערען פטור געוואָרען, מען זאָל שוין אָפמאָהלען זיינע ווייץ, פון יעדער גביר זיצען מקבלים און היטען אַז עס זאָל זיין בכשרות, מיטעלע בעלי בתים זיצען נעבאַך אליין מיט דיא ווייבער, קולות קללות און זידלעריי פליהט פון אַלע זייטען, דער וואָס איז מעהר חשוב, אָדער מעהר עזות פנים, יענעמס ווייץ מאָהלט מען פריהער, יעדע פרוי פאַרשילט דעם מאַן דיא ביינער, פאַר וואָס מאַכט מען פון איהם חוזק, מען קריעגט זיך מיט'ן מיהלנער, איינער דעם אַנדערען מאַכט צו קויט און צו בלאָטע, „וויא געפעלט אייך דער עזות פנים? איהם דאַרף מען אויך נאָך אנקעגען טראָגען דעם ווייץ?" זייער אַ גוטער צאָהלער? אַזאַ יאָהר זאָל ער האָבען, מיר דאַכט אז עס מוז מיר נאָך קומען אַ רעשט פון פאַר אַ יאָהרען, „אויב דוא ווילסט קאָנסט זיך נעהמען דיין זעקעל און געהן אין איין אַנדערע מיהעל, איך בע־דאַרף ניט אַזעלכע קונים", האָט אויסגעשריען דער מיהלנער מיט גרויס שטאָלץ, „אַ שד, אַ רוח, אין דיינע ביינער אַריין דוא שיכור" האָט זיך אַ חאַפ

געטהאן דאס ווייב, פון דעם געזידעלטען, „איך וועל דיר באלד דיין טרפה פיסק פאר שטאפען“ וויא געפעלט אייך אזא יונגאטש, אזא עם הארץ, אזא מיהלנער יונג, ער זאל האבען א העזה מבזה זיין מיין מאן בפני כל עם ועדה, געלד בין איך איהם שולדיג? אט אזוי ווערט מען דאס פארשווארצט אז מען האט א מאן א באנק קוועטשער, (דאס זאגט זיא מיט גאוה) א שלימעזאלניק, אט זיצט ער אין צרות און שטומט, מיין כח זאל ער האבען דער יונגאטש דער גראבער יונג, וואלט ער שוין מיר ניט געהאלטען א גאנצען טאג, עס האט מיר שוין אויסגעקוועטשט דיא נשמה דא זיצענדיג, גאט זאל מיך ניט שטראפען פאר דיא רייד, איך וואלט בעסער געזעסען אין א אבטרעט איידער אין דעם עפוש, נא, נא, פון יעדען שווארץ יאהר ברויכט מען דאס ליידען „אלע וגייטאקען, אלע צרות זאל אויסגעהן צו זיין קאפ“. פיהרט און פיהרט מיך שוין צוויי טעג, אט אט, אט אט, און עס הייבט זיך גאר נישט אן, איך בעדארף איהם אויף טויזענד כפרות, לאמיר געהן.

„אין אמת“, האט זיך אנגערופען אנאנדער איד, וואס ער לויפט שוין אויך נעבאך נאך צוויי טעג „פאר שטיי איך ניט“, פאר וואס זאל מען טאקע ניט ניצען דאס מארעמיינסקע מעהל, וואס מען ברענגט פון וואלין עפעס אנדערע מענשען נעהמען דאך יא דיא מעהל, חלעבען שעהנע וויא גאלד, און ניט טייער אויך, און וואס איז דאס ווערטה אז מען וואלט פארשפארען האבען דעם גלות? למשל איך בין דאך ניט א אידענע, איך וועל זיך ניט קריגען מיט דעם מיהלנער, איך ווייס אז ער וועט אויף מיר קיין כבוד ניט לייגען, אט שווייג איך, אבער אין אמת וויפיעל קרענקט דאס מיר, זיץ און זיץ ניט געגעסען נישט געטרונקען, אין קעלט און נאסקייט, אט איך וואלט זיך עפעס ניט שעהמען פאר מענשען, חלעבען איך וואלט א שפיי געהאן אויף איהם מיט זיין פראנצעוואטע מיהל, און איך וואלט טאקע ליעבער גענומען דאס וואלינער מעהל, וואס איז? דאס געהט דאך מיט א הכשר? אומעטום איז מען אידען.

איהר זעהט דאך, האט זיך אנגערופען נאך א איד א צו פרארענער, דער רב זאל לעבען איז עפעס א גרויסער מקפיד אויף קמח חוץ, ווערליג איך האב גיהערט וועט מען מארגן אויסרופען אין אלע בתי מדרשים אז מען זאל טאקי בשום אופן ניט ניטצען דאס פרעמדע מעהל, איהר מיינט א חוץ דעם גלוסט זיך עפעס משנה זיין א פארצייטיגען מנהג? און בפרט אין דיא דינים פון פסח.

„שוויגט מיין ליעבער ר' איד“, האט זיך אנגערופען דער ערשטער, נא ניש מעהר, איהר זעהט דאך אז אנדערע מענשען קויפען פארט דאס מארעמיינסקע מעהל?

„זעהט איהר דאס פארדריסט שוין מיר אויף אייך“, האט ער איהם וויעדער געזאגט, עפעס א רעכטער מענש קויפט דאס מעהל? גלויבט מיר איך וואלט ביי זיי מורא האבען עפעס פארזוכען אים פסח, אלעס הייסט א איד?

ווער קויפט? אבער איין אקציזניק, ווייטער א רוסישער שרייבער און דיא בערלינער לייט.

„נא אדרבה!“ פרעגט נאך אמאל דער ערשטער, זאגט מיר וואס איז באמת דער חשש אין דיא וואלינער מעהלען? איהר זאגט אז דאס איז א מנהג קדמונים? עס איז ניט כדאי נאך זאגען דיא רייד פון דעם אפיקורוס, אבער באמת א קלאג ניט איהם, א קאפ פון אלע קעפ, ער איז ניט גערעכט אין א סך זאכען? וואס איז דער פשט א מנהג, דיא תורה האט געהייסען דוקא קויפען אליין ווייץ און מאהלען מעהל? דיא תורה האט נאר געהייסען מען זאל ניט עסען קיין חמץ און עסען מצה, נאר וואס מאכט דאס אויס, צו קויפען ווייץ ביי איצקען דעם עזות פנים, אדער גרייט מעהל—הערט נאר, מען טאהר ניט חושד זיין א תלמוד חכם, אבער צווישען אונז זאל דאס בלייבען, דאס איז נאר א מלאכה פון דיא היזיגע מילנער, איך ווער אייך ניט זאגען ח"ו אז זיי האבען טאקע פשוט דעם רב אליין אריין גערוקט עפעס אין האנד אריין, נאר מיט דיא דיינים און מיט'ן ב"ד שמש דעם יונגאטש, און אגב מיט דער רעבעצין איז געווים א מלאכה, אט מיט אזעלכע זאכען ברענגט מען ארויס אנדערע מענשען פון דיא כלים.

איהר האט געהערט דעם גאנצען שמועס פון דעם אפיקורוס, ער איז טאקע אפילו א גרויסער יונגאטש וואס זאל מען דא זאגען? נאר אין פיעל זאכען איז ער כמעט ניט אומגערעכט, איהר ווייסט ער קען גוט לערנען, דעם שוחט'ס שטיף זוהן האט ער מנצח געווען, ער האט איהם גאר ניט געהאט וואס צו ענטפערן, ער איז אפילו אויך גערעכט, מען טאהר ניט על פי דין א ויכוח האבען מיט אפיקורוס ישראל, נאר וויא דיא מעשה איז, מען טאהר דאס ניט זאגען, עס איז טאקע גאר נישטא קיין אמת, נאר א כפרה מען מוז שווייגען, מען ברויכט פאר שווארצט צו ווערען, א ווייטיג איז דאס און שווייגען מוז מען.

איהר מיינט מיט אונזערע קינדער פיהרען מיר זיך דען וויא מען ברויכט זיך צו פיהרען נאך דער צייט? הלעבען אז מען וואלט טאקע יעדער קינד אויסגעלערנט עפעס א וויסענשאפט, א מלאכה, וואלטען זיי פארשפארט זיטצען שטענדיג אויפ'ן טאענס קארק. זעהט! אונז איז עפעס גוט זוכען דאס שטיקעל ברויט פון ווינד? וויפיעל פרנסות האט נעבאך א איד ביז ער פטר'ט איבער דיא נארישע וועלט, אט איז ער א חלפן, אט א קרעמער, פלוצלונג גאר א שדכן, א שטיקעל מעקלער, האנדעלט אונטער אביסעל מיט לאטעריע צעטלען, אלע עטליכע יאהר אביסעל אנגעזעצט אין מיט'ן אפט א איזבארשציק, גאר שלעכט ווערט ער א מלמד, געהט ער צוגויפנעהמען ארץ ישראל פושקעס, לסוף אז עס געהט שוין אויס אלע המצאות פאהרט ער גאר קיין ארץ ישראל רייבט זיך ארום כותל מערבי, חאפט זיך אמאל אראפ צו רחל'ס קבר, זאגט קדיש נאך אידען בעזדעטניקעס, ניט קיין שלעכטע עסקים הא? און פון דיא אלע גע־

שעפּטען לעבט ער אין גרויסע צרות, אין ענגשאפּט, אין דחקות, און וואס מאכט דאס אלעס? אז מען איז פּוסטע מענשען, מען טויג ניט ממש אפילו א קאץ איין עק צו פאַרבינדען, און בפרט אז מען זעהט ארוים וויא דיא אלע נאַרישע פּלאנען ווערען בטל ומבוטל.

זייער גוט האט ער געזאגט, געשוואלען זאל ער ווערען, „סיידען דיא צייט וועט דאס אליין איבערמאכען, עס געהט שוין דערצו", עס איז אבער איין אמת וויפיעל פּרנסות איז שוין אונטערגעגאנגען אין אונזערע צייטען, עס איז שוין ניט דא דיא פּוילישע פּאמעשטשיקעס וואס האבען גאר ניט געפּיהלט דיא ווערטה פון געלד, ניט דא דיא ישובניקעס, דיא בריי הייזער, דער גרויסער זול אויף יעדען פרעדמעט, דאמאלס האט מען געקענט לעבען מיט 5 גילדען א וואך, וואס היינט קאסט א מענשען א פּאר שטיוועל מיט קאלאשין האט מען געקענט האבען דאמאלס צו לעבען 4 חדשים. אבער יעצט איז שלעכט, און עס וועט נאך אלע מאל ערגער זיין, דיא באהנען מיט דיא טעלעגראפען האבען איבערגעקעהרט אלע געשעפטען, מען מוז יעצט זיך נעהמען אנדערע מיטלען צום לעבען, דאס וועט שוין אבער זיין פארבונדען מיט וויסענשאפטען, גלאט מענשען וויא מיר זיינען, טויגען כלל ניט צו אלע היינטיגע עסקים.

אט דערוויל האבען מיר זיך אביסעל פערשמועסט און עס איז שוין מנחה צייט, דער יונגאץ האט היינט ווייטער ניט געמאהלען דיא ווייץ, אט אזוי ווערט מען דא פאַרפאלען, שוין צוויי קיילעכדיגע טעג—איך בין גאר ניט געזונד לא עליכם, דאס קאליכען האט מיך גאר געהרגעט, איך האב זיך פאַרקיהלט, גריזאטע איז ברוך השם דא פון אלע זייטען, דאס ווייב מאכט גאר דעם טויט, דיא פּרנסה איז אימער ערגער, אט גריזעט זיא דעם מאן.

וויא מיינט איהר וואס פאר א פּסק איך וועל דא האבען פון מיין ארורה אז איך וועל קומען אהן דעם מעהל, זיא איז נעבאך אויך גערעכט, זיא וואלט שוין גערען ענדיגען מיט'ן באקען, נא פרעג איך אייך וואס קען איך העלפען? איך זאל זיך אויך שלאגען מיט איהם ווא דיא אלע פראסטאקעס?—א גוטע נאכט, מען מוז פּאַרט געהן אהיים, הלוואי וואלט מען חאטש מארגען פון איהם פּטור ווערען בשלום.

נא ליעבע לעזער, וויא מיינט איהר? וואס טהוט זיך פּאַרט יעצט אין אלע הייזער? א חורבן, א קלאג, דיא ווייבער וויינען, מען שילט און מען קריגט זיך, און נאך מעהר ציגד זיך אהן דאס פייער אז מען ברענגט אפּ דאס מעהל פון איין שכנה, אט דא צו קאטשען זיך אלע ווייבער, מען שלאגט זיך קאפּ אן וואנט, מען הרגעט און מען שלאגט דיא קינדער אז זיי בעטען עסען בשעת מעשה, א שפּאס אזא עת צרה? דאס זעקיל איז געבליבען נעכטיגען אין דער מיהל, דיא מאנען בעהאלטען זיך נעבאך אין דיא נארעס, ליגען אויף דער ערד צוזאמען מיט דיא אינדיקעס, איך בעט אייך מחילה אין טינוף, זיי האבען מורא א מויל צו עפענען, אט אין אזוינע קולות און געפילדערם האט

מען פארבראכט ביז האלבע נאכט, עס איז שטיל געווארען, דער עולם ליגט אין געהאקטע וואונדען קיינער האט קיין אויג ניט צו געטהאן, קוים דער לעבט דעם טאג, גלייך אלע ווייבער אין מיהל אריין מיט כעס, יעדע אידענע מיט א פארטיגען דרוש, גוט מכבד צו זיין דעם מיהלנער, אזוי וויא ער איז ווערטה.

דיא מאנסבילען האבען אפגעדאווענט אויך גלייך אין מיהל אריין, א גאנ־צען טאג דארטען פערבראכט, עס איז געווען גענוג רעש און מהומה, נאר אבי פטור געווארען, דער משרת פון מיהל טראגט שוין למזל דאס מעהל, דער מאן מיט'ן עלטערן בחור געהען נאך נאכ'ן זעקעל שריט ביי שריט, מען היט דאס אפ עס זאל זיך ח"ו ניט טרעפען עפעס א סיבה, דאס הארץ קלאפט נעבאך גאנץ שטארק אויפ'ן וועג פון מיהל נאך הויז, דער משרת טרייסט זיי און איז מבטיח אז ער וועט ברייגען בשלום דאס מעהל, מחמת ער איז שוין אין דעם כמעט גאר א שפעצאליסט, א שמחה א נחת, דאס זעקיל איז שוין ב"ה אין שטוב אריין בשלום, עס שטייט שוין אין א ווינקעל אויף א בענקיל של פסח מיט פרישען היי אונטערגעבעט, פארדעקט מיט דעם מאן'ס פלאשטץ 1) דער כלל דאס זעקיל איז שוין דא.

זייער שטרענג האט מען פאר זאגט אלע קינדער אז מען זאל זיך ניט דרייען ארום דעם זעקעל ח"ו מיט חמץ, מען זאל פון איהם ווייכען וויא פון עפוש, נאר וויא מיינט איהר? קען מען עפעס א קינד אויף האלטען? וויא פיעל קלעפ, פעטש און קולאקעס, האבען נעבאך געקראגען דיא קינדער דיא צייט וואס דאס זעקעל איז געשטאנען אין דעם ווינקעל, ביי די קינדער ווייזט גאר דאס זעקעל ניט אויס פאר אזא שטארקען מיוחס, זיי ווייזט אויס אז דיא עלטערן זיינען משוגע געווארען, שרעקען זיך גאר פאר א זעקעל מעהל!

---

*) עס איז חלעבען א יושר בעקאנט צו מאכען דעם קינפטיגען דור מיט דעם פלאשטץ, אין יענע יאהרען וואס אידען זיינען נאך ניט געגאנגען אין טוך האט דאך כמעט יעדער בעל הבית געהאט א פלאשטץ פון טוך, א מאל פלעגט ער אין איהם פאה־רען ערגעץ אין א דארף אריין, אויף א יריד, געהן אין איהם אין מרחץ אלע ערב שבת, צו דעקען מיט איהם דאס געקעכטס אויפ'ן אויווען פרייטאג צו נאכט'ס, איין דעקען מיט איהם דיא דייזשע אז מען פלעגט פאר ראשטשינען ברויט, או כמה מאהל אין סוכה אין א גרויסען שלאקס רעגען פלעגט מען איהם ארויף טאהן אויפ'ן קאפ און געהן מאכען קדוש, דער כלל איז אין יעדער שטוב כמעט האט זיך געמוזט געפינען אזא פלאשטץ, עיקר שכחתי, ביי דעם מאכען דיא הושענות אין דער סוכה פלעגט מען אויך ארויף האפען אויף זיך דעם דאזיגען פלאשטץ, דיא נעכט זיינען שוין דאמאלס קאלט, אין א פוטער בינדען הושענות אי עפעס ניט כדאי, און וויעדער זיינען נאך דיא פוטערס על פי רוב ניט אויסגעלאדעט, נו, איז דער פלאשטץ וויא געבוירען דערצו — אט מיט דעם פלאשטץ האט מען דאס זעקעל הקדוש אויך צו געדעקט. חלעבען טאקי א זכיה.

אהין אַ הער, דער עולם וויל עסען, מען געהט געוואָר ווערען צו דער רעשעטע זעהן דעם מאַגאַזין פון דעם חמץ, עס איז אָבער ב"ה שוין קיין ברויט אויף גישטאָ, עס ליגט נאָך עפּעס אַ האַלב ברויטעל אַ פאַרקאַלעכטס שוין דאַר און טרוקען, מיט וואָס עס מען דאָס ? איז גאָר קיין ריידע, מען געהט פּשוט אויס פון הונגער, דאָס גאַנצע שטיקעל נחת איז נאָר פון דעם זעקעל וואָס איז שוין ב"ה אין שטוב, פון גרויס הונגער האָט יעדערער גענומען אַ שטיקעל ברויט אָנגעריבען מיט אַ קנאָבעל, און איבער געריבען דיא צעהן, עס איז שוין דאָנערשטאַג ביי נאַכט, דיא ווייבער האָבען פאַר ראָשטשינעט חלה, אַנידערגעשטעלט אויף ביי דער רעשעטע, און מען געהט שלאָפען, טשוט נאָר טאָג, איז מען שוין אויפגעשטאַנען, אַ קאַטאָוועס ערב שבת הגדול? דער מוח קעהרט זיך, עס ציטערט ממש אויף יעדער פּרוי דיא הויט.

איך זאָג אייך דעם אמת, גאָט זאָל אַזוי אָפּהיטען אַלע אידען פון רעש און פון מהומה, עס זאָל זיך ניט טרעפען וויא עס טרעפט, איך האָב שוין כמה מאָל ביינעוואָהנט אַלערליי אומשטענדע, האָב איך נאָך ניט געהערט אַזאַ רעש אַזאַ פינסטערע מהומה וויא אין דיזען פרייטאָג. געוואַלד געשריען וואָס דאָ האָט זיך געטהאָן, און וואָס איז געוועזן דיא רעכטע מורא ? אַלעס פאַר דעם זעקעל, יעדערע האָט דאָך געמוזט מאַכען דיא חלה אין דעם אייגענעם חדר וויא דער ר' זעקעל שטעהט, אַ שפּאַס אַזאַ קאָנטראַסט, דיא חלה מיט'ן זעקעל ? אַ סך ערגער וויא פייער מיט וואַסער, היינט שטעה און היט ? מען ברויכט אָבער געהן צום אויווען אויך, און דאָ דיא קינדער מיט דיא עופות דרעהן זיך שטאַרק אַרום, עס איז אין אמת געקומען פון בריק אין וואַסער.— אַלע פאַר שילטען זיך דאָס לעבען, אין שטוב איז הוא הא, מען הערט ניט וואָס מען רעדט, נאָר מען שילט זיך, נאָר מען פלוכט, עס פאַלט ביי יעדערער פון דיא הענד דאָ אַ חלה דאָ אַ בולקע.

דיא באַלעבאָסטע שטעהט ביי דעם אויווען, דיא קאָפּקע פאַר קאַשערט, אַזוי וויא ביי אַ גרויסען מפולפל דיא יאַרמולקע, טראָפּען שוויים טריפט פון דעם שוואַרצען שטערען, דיא באַקען רויט וויא פונק (מעשה יפת תואר), אַר־ בייט מיט אַלע כלים, דאָ רוקט זיא, דאָ שטורכעט זיא, דאָס מויל שוויבעלט און גריבעלט, שילט און זידעלט אַלע שכנים, אגב אורחא איבער געקעהרט אַ פּאָר טעפּליך, הינטען אַרום מיט דער לאָפּעטע שיער אַרויס גענומען אַן אויג פון אַ קינד, „אַ קלאָג צו מיין קאָפּ, מיר פאַר דיר" האָט אַ געשריי געטהאָן דיא מוטער פון דעם קינד, „עס איז שוין אַ קאַליקע, אַ בראָך צו מיר" זיא שטעהט טאַקי וויא אַ רוצח לעבען אויווען, איידער אַזאַ לעבען בעסער אַ טויט, אַ ווייטאָג איז מיר, ווייז נאָר דאָס אויגעלע, אַ שטעכעניש דער מאַמע, ער לאָזט זיך גאָר ניט צו ריהרען, געוואַלט וואָס טהוט מען ? איך וועל זיך שטע־ כען, איך וועל זיך הענגען, נשמה מיינע, געוואַלד עס נעהמט מיר טויט חלשות.

דיא שרות איז דערוויל געלאָפען און האָט געבראַכט דיא שפּרעכערין, זיא האָט איהם אָנגעשפּיגען אין אויגעלע, דריי מאָל אַרום געפיהרט מיט א מעסער, געזאָגט עפּעס אויף, עס האָט זיך געוויזען טרעהען פון אויגעלע, נו נישקשה עס וועט זיך שוין אויס שטעהן מאַכט ניט קיין קולות, דאָס קינד שרעקט זיך נעבאַך, א כפּרה דיא חלה, געהט מיט איהם צו אייך אין חדר און פאַר שלעפּערט איהם.—אין אמת'ן אז מען געהט אַרויס בשלום, אין דיא מהומה טעג, דאַרף מען טאַקע גאָט דאַנקען, איהר מיינט אז נאָר ביי אייך איז. אַזוי,אָט ניט דאָ געדאַכט, וואָס עס האָ זיך געטראָפען בייביילקע דער טענדלערקע, מען האָט דאָרטען אָבגעבריהט א מיידעל פון א יאָהר זיעבען, ניט זעהן זאָל מען דאָס אין קיין אידישע שטוב, עס איז ב"ה דאָ צרות אויפ'ן פּוד, א שפּאָס דער ערב פּסח! נישט דאָ געדאַכט, טויזענד מאָל ניט דאָ געדאַסט, אויף פּוסטע וועלדער געזאָגט געוואָרען, אין שטוב מיט'ן רויך, און אין גאַס מיט'ן ווינד, אָט דאָ טאַקי ניט ווייט פון אייך, ביי שפּרינצע דיא טוקערקע, עס וועט מעהר ניט זיין וויא א שעה, האָט זיך אַריין געהאַפּט א גרויסער חזיר (אין דער ליטאָ רופט מען איהם וועפּריק) אַלע אין שטוב זיינען דאָך ב"ה פאַר־טומעלט, און האָט אָבגעריסען א הענטעל ביי א אינגעל פון א יאָהר פיער, ער האָט געהאַלטען א שטיקעל ברויט אין הענטעל, מען טאָר ניט זאָגען דער חזיר געפעלט מיר ניט, עס איז ניט פּשוט, איך האָב שטענדיג מורא פאַר דעם ערב שבת, איך שרעק זיך פאַר מיר אַליין, דיא גאַנצע צייט וואָס דאָס זעקעל איז אין שטוב, בין איך אַזוי וויא א פאַרדולטע.

הערט איהר שיינדיל, איהר האָט נאָך גוט אָבגעשניטען, איהר מעגט דאַנקען און לויבען דעם וואָס איבער אונז איז, פאַר דעם חסד, באמת האָב איך זיך אַביסעל איבערגעשראָקען, איבערהויפּט וויל יעצטיגע צייט, נאָר נישקשה, דאָס אויגעלע וועט זיך אויסשטעהן, מען וועט בעדאַרפען נאָר א פּאָאָר מאָל אָבשפּרעכען, און א צווייי אייער אויף אויסגיסען און געגוג, א גוטען טאָג אייך ווייבערליך, גאָט זאָל אייך, און אונז, און אַלע אידען היטען און בעשירמענען פון אַלע צרות איהר זאָלט טאַקי ניט וויסען פון קיין שלעכטס, האָט אייך א גוטען שבת.

דיא שפּרעכערין האָט זיך אָבגעזועגענד, און דיא ווייבער האָבען זיך א חאַפּ געטהאָן צום אויוועז וויא אָבגעבריהטע, פאַר בראָכען מיט דיא הענד, דיא חלות זיינען פאַרברענט געוואָרען אַלע טעפּלעך אויסגעלאָפען, פאַר רויכערט, נאָר וואָס העלפט דאָס? מען האָט זיך גענומען צונאַנד לעגען דעם טשאָלענט יעדע אידענע זיפצט און קרעכצט, שילט דעם קצב מיט טויטע קללות,דאָס פליישׁ זאָל פון איהם פאַלען לעבעדיגערהייט, דאָס זיינען רוצחים? 20 קאָפּ. א פונטעלע גאָלע ביינער מיט שטיינער.—נו מען האָט שוין וויא עס איז אַריין גערוקט דעם טשאָלענט, פאַרשמירט דעם אויוועז, אפיין גענומען נאָך א מאָל דיא פּעסלעך מיט דיא לאָדענס, און עס איז שוין שבת.

דיא לעזער קענען שוין אליין פאַרשטעהן דעם גרויסאַרטיגען שבת וואָס מען האָט דאָ געהאַט, בעסער וויא דער פאָריגער שבת געווים ניט, נאָך אפשר מיט אייניגע פראָצענט ערגער, נאָר א כפרה, אבי איבער געקומען, מיט עסען לעבט מען ניט, הא ? —

8
שבת הגדול נאָך וואַרעמעס אין בית המדרש.

דער בית המדרש איז אָן עין הרע אָנגעפּאַקט מיט מענשען. דער מגיד איז שוין אויך דאָ, נאָך א רעכט ביסעל הכנה איז ער אַרויף אויף דער בימה אין בית מדרש איז שטיל, אלע האָבען אויף געשטעלט דיא אויערן וויא דיא האָזען צו הערען דיא גרויסע חכמות פון דעם זאָגער, אייניגע מינוטען האָט דער מגיד געשוויגען, דער נאָך האָט ער אָנגעהויבען ווייטער זאָגען פון שיר השירים.

אין אמת אפילו איז געוועזען זיין גאַנצער דרוש אין דעם שבת נאָר פון דער הגדה, אָבער ער האָט ניט געוואָלט אָנהויבען גלייך דעם דרוש פון דער הגדה, דער שפּרונג איז איהם ניט אַזוי גרינג געוועזען, ער האָט געהאַלטען דאָס פיערטע קאַפּיטעל„ און פון דאָרטען אַרויס נעהמען עפּעס א שמועס אויף יציאת מצרים, איז אפשר נאָך שווערער איידער מעלקען מילך פון א וואַנט, מחמת דער צו גיט דאָך עפּעס עצות דער וויכטיגער ספר „מפעלות אלהים" חאָטש אין דער פּראַקטיק האָט מען נאָך דאָס ניט געזעהען, נאָך ביז היינט קויפט זיך א ליטוואַק א בהמה אָדער א ציג און קיינער האָט נאָך ביז יעצט ניט געמאָלקען דיא וואַנט, אָבער דערווייל זאָגט דאָך דער ספר עפּעס א פּלאַן, מן הסתם איז דאָך דער מפעלות אלהים אויך ניט אַזוי גראָב משוגע (פאַר וואָס ניט ? עס שטעהט איהם אפשר נישט אָן ? חלעבען גרעסערע מחברים פאַר איהם זיינען אויך אָפט מאָל גאָר שטאַרק מבולבל און רעדען פונ'ם וועג), אָבער מעלקען יציאת מצרים פון דער פיערטער פרשה פון שיר השירים, איז נאָך קיינעם אויפ'ן מוח ניט אַרויפגעקומען.

דאַרום האָט ער זיך גאָר א חאַפּ געטהאָן בעסער נאָך א מאָל גאָר צו דער ערשטער פרשה, דאָרטען האָט ער דערטאַפּט דעם פסוק „לסוסתי ברכבי פרעה דמיתיך רעיתי" נו וויא מיינט איהר ? א בעל דרשה'ער דאַרף מעהר ניט וויא בעקומען אַזוי א וואָרט וויא „פרעה" אין שיר השירים, דאָ האָט ער שוין ביד חזקה קיין מצרים געשלעפּט גאַנץ שיר השירים, און אלע פסוקים נעבאָך האָבען געמוזט געהן מיט איהם.

נו דאָ איז איהם שוין גרינג געוועזען זיך אַריינחאַפּען אין דער הגדה אַריין, תיכף איז איהם אַנטקעגען געקומען דער „כהא לחמא" באַלד האָט ער א גרויסען צאַפּעל געטהאָן אויף דעם וואָרט „כהא" עס האט איהם פשוט אונטער־געצונדען, און אין אמת, ניחייא וואָלט געשטאַנען „הא" האָט ער געשריען ניט מיט זיין קול. איך האָב פיינד צו זאָגען, אין דעם איז ער דווקא ניט שטאַרק

אונגערעכט, וויא מיינט איהר, אז עס וואלט טאקי געשטאנען אין דער הגדה „הא לחמא“ וואלט ניט א סך גלייכער זיין אין אלע זאכען ? נו מילא ווער פארשטעהט ניט וואס גוט איז, וואס קען מען אבער מאכען אז עס שטעהט שוין אבער כמעט אין אלע הגדות „כהא לחמא“ ? דער בעל הגדה איז דאך שוין ניט דא, נו צו וועמען רעדט מען ? און אפילו אז ער וואלט נאך געלעבט ווייסט מען א פנים וויא מען רופט איהם ? וואלטען מיר אזוי פון קיין בייזע פאקען ניט וויסען וויא קיינער ווייסט ניט, ווער עס איז געוועזן דער מחבר פון דער הגדה ?

האט איהר ווען געהערט אזא מעשה ? איין הגדה וואס אלע אידען זאגען אים פסח, זאל מען גאר ניט וויסען, ווען מען האט דאס מחבר געוועזן ? און ווער איז געוועזן דער מסדר דערפון ? — חאטש אין גרונד גערעדט, האט דאך דער בעל הגדה גאר ניט אויפגעטהאן, ער האט נאר אויפגעזעצט שטיקלאך גמרא מיט פיוטים, און מזמורי תהלים, נאר על כל זה זאג ממה נפשך ווער ביסטו פאר איינער ? עס איז גוט צו וויסען, נאר מן הסתם האט ער געהאט א טעם אין דעם, לאמיר זיך ניט נארען, וואס פאר א מחבר וויל דאס ניט, אז זיין נאמען זאל זיין ארויסגעשטעלט אויף זיין חבור ?

והא ראיה, מען זעהט דאך פיעל גאונים, וואס זיי האבען קיין ספרים ניט געמאכט אליין, ווילען זיי פארט זעהן זייער נאמען זאל זיין אבגעדרוקט, נו וואס טהוען זיי ? הויבען זיי אן געבען הסכמות אויף ספרים, זיי קוקען גאר ניט צו דער ספר האט עפעס א ווערטה, אדער ער טויג אפשר גאר נאר אויף צו האלטען אין איהם פוטער, דאס געהט דעם גאון גאר נישט אן ער וויל נאר זעהן זיין נאמען אבגעדרוקט מיט א שארפען טיטול, דער מחבר איז ניט קארג און ניט פויל אויף דער פען און שרייבט הרים וגבעות אויף יעדען רב, און בפרט אז ער גיט איהם איין הסכמה.

נאר וויא דיא מעשה איז, איז פון מסדר פון דער הגדה געוועזן א שטיקעל עולה מיט'ן „כהא“ וואס האסטו נעבאך צו אידען ? וויניג צרות, וויניג שלעק האבען זיי ? נא דיר נאך א „כהא“ א צו גאב. געוואלד ! וויא פיעל מפרשים האבען שוין געהאט צו טהאן מיט דעם „כהא“ ? וויפיעל מחברים האבען שוין אוים געגריזעט גרין און גאל ? וואס זאל מען דאס זאגען, עס פארדריסט טאקי יעדערען, אפילו גלאט א בעל הבית, און בפרט א מפרש אדער א מבאר, ער ווערט טאקי ממש גאר א צוקאכטער, אז ער דערזעהט עפעס אין א ספר ניט נאך זיין גוסט, עס טהוט זיך חושך, און בפרט איין הגדה וואס זיא האט שוין כמעט גאר א פנים וויא א חלק משניות.

חלעבען דיא הגדה זאל געזונד זיין שטעהט שוין אויך אין מיטען וויא א פרינצעסין, און מפרשים ארום און ארום, שושקען זיך איינער מיט דעם אנדערן, קנייטשען דעם שטערן, און קלערן „וואס האט דא דער בעל הגדה געקענט מיינען ?“, ניט קיין סך מחברים האבען זוכה געוועזן אז זיי זאלען

ווערען א „פנים“ און מען זאל מאכען אויף דעם פרושים, זינד נאך דער גמרא, האט נאר זוכה געווען דער אלפ"ס, דער רמב"ם, דער בית יוסף, דער חובות הלבבות, דער בחינת עולם, דער כוזרי, דער מחזור, און אונזער בעל הגדה אויך, נו וויא קלערט איהר? יעדער פערפאסער אז ער וויל נאר אויך זיין פון דער לייבגווארדיע פון דער פרינצעסין דיא הגדה, און מאכען אויף איהר א פירוש, איז וויא ער דערזעהט נאר דעם, „כהא“ אזוי ווערט איהם שוין ניט גוט, ער לויפט שוין ארום וויא א פער'סם'טע מויז, פון איין מפרש צום אנדערן אויסשנארען וואס זאגען זיי, ער הערט, ער זעהט, ער חאפט דא א ווארט דא א ווארט, און לייגט צו אויך א שטיקעל קנייטשעל אוודאי וואלט גלייכער געווען פאר אלעמען אז אין קיין הגדה זאל ניט געווען שטעהן „כהא א נאר עס איז ניט בעשערט צו האבען קיין מנוחה.

נו אונזער שיר השירים זאגער, האט אויך געמאכט קולות און משוגענע תנועות וועגען דעם „כהא“ ער האט זיך פריהער דערצעהלט דעם עולם א סך פלענער פון מפרשים, און פאר וואס עס געפעלט איהם ניט, ער האט זיך בעריהמטט אז ער האט גאר דעם אמת געטראפען, און אז השם יתברך וועט איהם העלפען וועט ער דאס אפדרוקען.

— חלעבען עס איז טאקי א יושר ער זאל דאס לאזען דרוקען, מען קען שוין זיך טאקי גאר צום סדר זיך ניט זעצען מיט דיא אלטע הגדות, ער זאגט פאק גאר צו אז ער וועט דאס פאר ענטפערן מיט אלע פיער ארטען, וואס הייסט פרד"ס, מען קען איהם גלויבען ער איז ניט קיין פארפיהרער, א משל מיט צוויי ברידער איינער א נגיד און דער אנדערער אויך א כבה פה, מיט א בן מלך, אויפ'ן דובנערס שטייגער, אויך ניט שלעכט.

פון דעם „כהא“ האט ער געמאכט פיס גלייך צו דיא „ארבעה בנים“ אט דארויף האט ער אנגעארבייט מעשים, וואס איז? ער וויל מאכען א חילוק פון דעם חכם'ס פראגע צו דעם רשע'ס, אלע מפרשים האבען שוין נעבאך וועגען דעם זיך דיא מוחות צובראכען, עס איז אבער נאך ניט גלאט, א קונסט מאכען א בלבול אויף א מענשען? דער חכם פרעגט דאך אויך „מה העדות והחקים והמשפטים אשר צוה ה' אלהינו אתכם?“ דאס הייסט: וואס איז דאס פאר א דינים וואס גאט האט אייך געהייסען צו טהאן? נו מיט וואס איז דאס בעסער געפרעגט פון דעם רשע, וואס ער זאגט אויך מיט דיא איי־גענע ווערטער „מה העבודה הזאת לכם?“ עס הייסט וואס איז דאס פאר איין ארבייט ביי אייך? א קונסט געבען א קנייטש און זאגען אז ער האט געמיינט מיט'ן ווארט „לכם“ עס הייסט וויא איינער רעדט „לכם ולא לו“ דיא ארבייט געהער ניט צו איהם? אויף אזא שטייגער קען מען דאך אויך חושד זיין דעם חכם אויף דעם ווארט „אתכם“? פאר וואס ניט? נאר דער בעל הגדה הייסט גלאט בזעסורע בעזפראווע אויסזעצען דעם רשע דיא צעהן, איז דאס א שכל? עס איז גוט וואס קיינער פאלגט איהם ניט, אבער אז נים, וויא

פיעל אוגאַלאַוונע דיעלעם וואָלט מען שוין געהאַט פון דיא רשעים מיט דיא אויסגעזועצטע צעהען ? האַ ? דיא וועלט איז עפּעס הפקר ? באמת, אין דער תורה ביים דעם שאלת חכם אין (דברים ו׳ כ׳) און ביי דעם שאלת רשע אין (שמות י״ב כ״ו) שטעהט גאָר ניט אַז דאָס האָט געפרעגט אַ חכם און דאָס אַ רשע, נו איז דאָך דיא קשיא זייער גרויס און שטאַרק, פון וואַנען נעהמט מען דאָס אַרויס ? און גלאַט איז דאָך אַ פּלא, עס איז עפּעס אַ גרויסע קונסט צו בעקומען אַ רשע און פרעגען איהם וואָס מיינט ער מיט דעם וואָרט „לכם“ אפשר וואָלט ער זיך גאָר פאַר ענטפערט, וויא קען מען דאָס דן זיין א מענשען אָהן חקירה ודרישה ? דער כלל איז דיא מפרשים שוויינען דאָך בודאי ניט, מען זאָגט מען טאָלקעוועט, עס איז אָבער אָהן טעם, נאָר עס איז נאָך אַ נס, וואָס דעם רשע אַרט דאָס ניט וואָס מען האָט איהם שטאַרק בעליידיגט, ער איז בטבע ניט קיין שלעכטער מענש, אַזוי לאַנג מען שלאָגט איהם ניט, מען האַקט איהם ניט אויס דיא צעהן, אַרט איהם ניט וואָס דער עולם רעדט אויף איהם. —

אָט מכח דעם ענין האָט אונזער מגיד געוויזען קאָפּ שטיק, ער איז אַרויף מיט אַלע פיער אויף דעם פסוק אין (שמות י״ב כ״ו) און ער האָט דאָרטען אַזוי פיעל געאַרבייט ביז ער האָט דעם פסוק געמאַכט הרב ונחרב, ער האָט אַלעם געשפּאַרט פון וואָרט „עבודה“ אַז דער רשע האָט גערופען דורך רשעות אַלע מצות „עבודה“ עס הייסט אַ שווערע אַרבייט, אַרויפגעלייגט אויפ׳ן נאַראַד, אי עס געפינט זיך אַ סך פסוקים וואָס רופען אַליין אָן דיא מצוות מיט׳ן לשון „עבודה ?“ מאַכט זיך דער מגיד דערפון כלא יודע, ער קלערט זיך אַז דער רשע האָט דאָך שוין לאַנג קיין ספר אין האַנד ניט געהאַלטען פרעגט איהם בחרם וואָס עס געפינט זיך אין תנ״ך, אָט דערווייל איז ער גוט גע־פּאַקט. —

אין אַזעלכע זאַכען האָט ער גערולט אַ קאָפּ, געפּלאָנטערט מיט׳ן צונג, ביז ער איז פאַרפלויגען אַזש צום „חד גדיא“, דאָ האָט ער זיך שוין אַביסעל אָבגערוהט, אָבגעווישט דעם שוויס, אויסגעהוסט זיך, דער גאַנצער עולם האָט אויך דערווייל גוט אויסגעשנייצט דיא נעז, אַ טהייל אויף דער ערד, און מעהרער אויף יענעמס מלבוש, אַלע וואַרטען צו הערען דעם פירוש פון חד גדיא, דער זאָגער האָט אָנגעהויבען פאַנאַנדער לעגען פאַר׳ן עולם אַלע פרושים, וואָס ביז זיין צייט האָט מען שוין געזאָגט אויף דעם.

למשל, „חד גדיא“ איז יוסף הצדיק, מחמת דיא ברידער האָבען געקוילעט אַ ציגעלע, כדי איינטונקען דאָס העמדעל אין זיין בלוט, נו דאַכט זיך ניט קיין שלעכטער פּלאַן אַז חד גדיא זאָל זיין יוסף הצדיק, חלעבען עס ווייזט אויס אַז דאָס איז כמעט איין אמת, עס קומט אָבער ניט גוט אויס ווייטער מיט׳ן הונד און מיט׳ן שטעקען, איהר מיינט אַז מיט דער „שונרא“ איז מען שוין גאָר פּאַרטיג, זיא וויל אויך ניט זיין „יהודה“ וואָס ער האָט אויף געגעסען דאָס

ציגעלע, עס הייסט : ער האָט פאַרקויפט יוסף'ן פאַר אַ קנעכט, ווארום אין אמת, וויא קומט „שונרא" זיין אַ טיטול פאַר „יהודה" ?

נו האָט איינער אַ מפרש געזאָגט, אַז דאָס געהט גאָר אויף „ירבעם בן נבט", וואָס ער האָט געמאַכט דיא צווי עגלים, און דאריבער שטייט צוויי מאָהל „חד גדיא, חד גדיא", אַז ער האָט דאָך גאָר געמאַכט אַ קאַלב, און דאָס איז גאָר אַ ציג ? ניין דאָס מאַכט דוקא ניט אויס, אין פסוק שטעהט „עגל לעבין גדי" עס שטעהט „עזים מאתים ותישים עשרים" און אַ באָק איז בבחינת קעלבעל, ווער עס האָט נאָר אַ ידיעה חאָטש אַביסעל אין נסתר פאַרשטעהט דאָס שוין זעהר גוט, מהיכא תיתי, ניט שטאַרק שלעכט, עס נעמט אַפילו דער שכל, אָבער דער מקח „תרי זוזי" קומט אויס גאָר ניט מיט חן.

דאַריבער איז איינעם געפעלען גאָר אַנדערש, אַז „חד גדיא" מיינט מען דעם „מן" ווייל עס שטעהט „והוא כזרע גד" איז גדיא לשון „גד" תרי זוזי איז דער פשט ווייל דער מן איז געוועזען כזרע גד, און ווידער „כצפיחת בדבש", דער פירוש זאָל מיר ניט שטראָפען פאַר דיא רייד, איז טאַקע ניא בע, ניא מע, ניא קוקעריקאַ.

ביי איינעם איז גאָר אַ סברא געווען צו זאָגען אַז „חד גדיא חד גדיא" געהט גאָר אויף די אידען אין דער מדבר, וואָס האָבען געזאָגט „נעשה ונשמע" און דאָס וואָרט „גדיא" איז פון לשון הגדה, עס הייסט : „זאָגען" איז דער פשט חד גדיא איין זאָג, חד גדיא נאָך אַ זאָג, וואָס דיא אידען האָבען געזאָגט „נעשה ונשמע" „דזבין אַבא" וואָס דער טאַטע האָט זיי געקויפט, „בתרי זוזי" פאַר דיא צוויי ריהרונגען וואָס דיא אידען האָבען זיך געריהרט צו זאָגען „נעשה ונשמע" און „זוזי" איז אַ פנים לשון „ולא זז משם", נו דאָס איז שוין אַפילו גאָר ניט שלעכט, נאָר וואָס מאַכט מען דאָ ווייטער מיט דער „שונרא" ? עס איז אפילו קיין גרויסער קונסט ניט צו זאָגען אַז דיא שונרא איז דער יצר הרע, און דער יצר הרע האָט געוואָלט ביי דיא אידען אויף עסען די צוויי ציגען, דאָס איז דעם „נעשה ונשמע" נאָר ווער וועט זיין דער „כלבא ?" דער „חוטרא ?" „דאָס פייער ?" „דאָס וואַסער ?" „דער אָקס ?" „דער שוחט ?", עס איז טאַקע באמת צו פיעל אָן געפּלוידערט אַז מען קען קיין טאָלק ניט דערגעהן.

אָט איז גאָר איינער אַרויף געקומען מיט אַ פרישען פּלאַן, טרעפט וואָס ? ער זאָגט פּאַק אַזאַ דאָס איז גאָר אַ משל אויף דיא צוויי „שעירים" פון יום כפור, וואָס איינער איז געוועזען צו גאָט און איינער צום לעזאזל, נו וויא גע־פעלט עס אייך ? אַ קוק איז דאָס, נאָר וויא הייבט מען אָן מיט דעם פּלאַן צו קריכען ווייטער ? זאָל איך אַזוי וויסען פון בייז וויא איך ווייס ניט מיט וואָס פאַר אַ פנים מען געהט אפילו צו דער שונרא, און אַ פשיטא שוין צום כלבא דעם עזות פנים, ער וועט פאַרהויקען דיא וועלט.

ליעבע לעזער ! מען קען טאַקע אַ שעהן פנים האָבען פון אַזוינע פרושים,

הא וואס בעדארפט איהר מעהר אז איינער האט גאר געוואלט זאגען אז חד גדיא געהט גאר אויף „יהודה" מחמת ער האט צו געזאגט דער פרוי „תמר" א ציגעלע.... נו אדרבה איך פרעג אייך האט דאס עפעס א טעם ? דער כלל איז אוים זאגען אלע פרושים וואס עס געפינען זיך שוין אויף דעם חד גדיא, וועט ניט גענוג זיין מתושלח'ס יאהרען, נאר דאס וועל איך זאגען אז נאך קיינער האט באמת ניט געטראפען דעם פשט פון דעם חד גדיא, איך האב שוין גאנץ גענוג פרושים געזעהען אויף מיין לעבען און איך בין ניט רוהיג מיט זיי.

איך מיין עפעס אנדערש, הגם א מענש טאר זיך ניט בעריהמען און זאגען „איך וויים !" אבער אין דברי תורה מעג יעדער זאגען זיין חלק (און אפשר איז גראדע זיין נשמה מסוגל דערצו) א קשיא אויף א מעשה, אפשר בין איך גאר א גלגול פון דעם חד גדיא אליין, איך בין גאר בעשאפען געווארען כדי מגלה צו זיין דעם סוד דערפון, און גראדע איז דאך טאקע א שטיקעל פלא, מען זאל אריין נעמען א חד גדיא אין דער הגדה אריין און מען זאל גאר ניט וויסען ווער עס איז דער מחבר דערפון ? ווען האט ער דאס געמאכט ? וואס האט ער דא געמיינט ? און וויא באלד אז מען איז גאר בלינד מיט'ן מחבר, צו וואס זאל מען זיך גאר מוטשען און מאכען פרושים אויף זיינע רייד ? ווער איז געווען דער ערשטער וואס האט דאס גאר אין דער הגדה אריין געבראכט? איך וויים ניט.—

מען זאגט אז עס געפינט זיך הגדות פון אלטע דרוקען וואס דארטען איז נאך גאר נישטא דער חד גדיא, איך וואלט א בעלן געווען זעהן אזא הגדה, נאר דער אמת איז אז דיא וועלט איז נאך דאמאלס אפשר ניט ווערט געווען צו זעהן אזא ליכט ? אי וואס, דיא ערשטע דורות זיינען דאך פיעל בעסער געווען וויא מיר? ניין ברידער ! איהר זעהט דאך אז דער „זוהר הקדוש" איז דאך אויך ניט נתגלה געווארען אין דיא גאנץ אלטע צייטען, דער הייליגער רמב"ן האט נאך פון דעם זוהר גאר ניט געוואוסט אפילו א רמז רמיזה, נאר ערשט דורך זיין תלמיד ר' משה דילאן איז דער גאנצער זוהר מפורסם געווארן, נו קען מען שוין פרעגען א קשיא ? איהר מיינט אז עס געפינען זיך ניט מענשען וואס צווייפלען אין גאנצען זוהר און ווילען גאר חושד זיין דעם ר' משה דילאן אז דאס איז גאר זיין מלאכה אליין, באמת איז אפילו דער גרויסער גאון „ר' יעקב יעמדען" אויך מסכים דערצו, ער האט גאר געמאכט א גאנצען ספר „המטפחת" וועגען דעם, ער ווייזט אוים מיט פיעל ראיות אז דאס איז ניט פון דעם תנא רשב"י ז"ל, און אין ספר היוחסין דפוס קונסטנטינה (מחמת אין אלע ספרי היוחסין פון אנדערע דרוקען איז שוין דאס נישטא) איז בעשריבען דיא גאנצע מעשה, וויא דאס ווייב און דיא טאכטער פון דעם ר' משה דילאן האבען זיך מודה געווען אז זיי האבען אליין געהערט פון איהם אז ער אליין איז גאר דער מחבר דערפון, נאר מיט א כוונה זאגט ער אז ער

האט דאס געפינען כדי צו נעהמען דערפאר א סך געלד ביי א גרויסען גביר, נאר פון דעסטוועגען הערט דאס דער עולם כלל וכלל ניט, און דער זוהר איז קודש קדשים.

אט אזוי איז אפשר מיט'ן חד גדיא אויך געוועזען, עס איז געלעגען אנגע־שריעבען ביז דיא צייט איז געקומען וואס איינער האט דאס מגלה געוועזען, כדי עס זאל ניט ווערען א רעדע וויא אויפ'ן זוהר, האט דער וואס האט דאס געפינען גאר ניט געוואלט אויסזאגען ווער ער איז, מען זאל גאר ניט קענען חאפען עפעס א סליעד, מחמת ער האט שוין געהאט דיא פראקטיק פון דעם ר' מישה דילאן, אזוי קלער איך מוז זיין דיא געשיכטע, נאר דער חד גדיא איז דאמאלס נתגלה געווארען, אבער דעם סוד דערפון איז נאך דיא וועלט ניט ווערט געוועזען צו וויסען עד היום הזה, עס קען גאנץ זיכער זיין אז איך וויים נאך אויך ניט, נאר זאגען מעג מען.

נו ליעבע לעזער! איהר ווילט טאקע הערען דעם פירוש פון אונזער זאגער? איהר קענט אפשר מיינען אז ער האט טאקע עפעס געזאגט א טיפען ענין, ניין ברידער! עס איז גאר ניט כדאי צו פארנעמען זיך דיא צייט און הערען אזעלכע פלוידעריי, ער האט אויך וויא אלע מפרשים אויסגעשנארעט מיט צרות פון תנ"ך עפעס איינעם און האט איהם כמעט מיט געוואלד גענעטה אז ער זאל זיין דער רעכטער „חד גדיא" דערנאך האט ער זיך געשפיעלט מיט דער שונרא, גערייצט מיט'ן כלבא, געמאכט קונצען מיט'ן חוטרא, געווארעמט זיך מיט'ן פייער, געפליאסקעם זיך מיט'ן וואסער, אט אזוי האט ער זיך געמאכט נאריש ביז מנחה, דער עולם האט געשוויצט נעבאך גאנץ שטארק פון ענגשאפט, און פרעגט וואס האט מען דא געהערט? גאלע שטותים און הבלים וואס האט גאר קיין ממש ניט. —

באמת בין איך א ליעב האבער פון א מגיד, נאך מיין דעה איז א מגיד פיעל נעטהיגער אין א שטאדט וויא א רב, אבער וואס פאר א מגיד מיין איך? טאקי א מענשען מיט שכל ער זאל זיין גוט בעלעזען אין אלע ספרי מחקר גוט פארשטעהן דיא וועלט, פארשטעהן פארשידענע קאראקטערען פון מענשען, וויסען דיא רעליגיאן ווי מען בעדארף, זיין א שטארקער רעדנער, א וויכטיגער בעל תנ"ך ודקדוק, א גרויסער בעל הגדה, א בקי אין דער וועלט געשיכטע, אט אזא מגיד קען בעסער ברענגען נוצען דער שטאדט, וויא א רב א חריף וואס וויל נאר צונאנד פיהרען א וואנט מיט א וואנט, אזא מגיד קען טאקע ארויפ־פיהרען דיא בעלי בתים אויף א רעכטע קינדער ערציהונג אויף ארענטליכע פאראדקעס אין שטאדט זאכען, מבטל זיין פיעל נארישע מנהגים, אויסבע־סערען דיא זיטען פון דיא מענשען און אלעס מיט שכל, אזא מגיד מוטשעט ניט קיין פסוקים, פיהרט ניט קיין משלים פון בני מלכים מיט צוויי ברידער, דערצעהלט ניט קיין שטותים פון יענער וועלט, מאכט ניט קיין בלבולים אויף מענשען וואס זיינען דערמאנט אין תנ"ך, אנזאגען אויף זיי וואס ניט גע־

שטויגען און ניט געפלויגען, נו וואָס דען איז דער אינהאַלט פון אַזאַ סאָרט מגיד, ער נעהמט אַ שטעלע פון תנ"ך און איז דאָס מבאר גאָר איינפאַך, שילדערט אַרום דעם ענין זייער היסטאָריש און קריטיש, ביז ער ווייזט דעם עולם דערפון אַ טיפען מאָראַל, אַזאַ מגיד האָט שכל, נאָך יעדער צייט, נאָך יעדער ענין וואָס עס קומט נאָר פאָר אין שטאָדט אויסצוזוכען אַזאַ אַרטיקעל פון תנ"ך אָדער פון אַ מדרש און דערפון ווייזען וויא און וואָס עס איז רעכט צו טהאָן, ניט מיט דרושים, ניט מאַכען פסוקים פאַר קאַליקעס, ניט קריוואַטשען זיי וויא אַ בדחן דעם במוצאי יום מנוחה, וואָס איז? ער וויל דווקא פאַר פאַקען דיא מחותנים און חתן כלה אין דעם פזמון, נו דער פזמון האָט נעבאַך קיין ברירה ניט און מוז זיי אריין לאָזען צו זיך אין דירה, האָטש פאַר אַכטאָגען האָט איהם דער אייגענער בדחן געמוטשעט גאָר מכח אנדערע מחותנים, נאָר וואָס קען דאָ דער פזמון דערצו העלפען? זאַטשעפען מיט אַ בדחן איז אויך פאַר איהם קיין עסק ניט. —

אַזאַ מגיד וויא איך מיין בעדאַרף מען טאַקי געבען אָרדענטליכע שכירות ער זאָל לעבען בכבוד, עס זאָל ניט זיין „חכמת המסכן בזויה" דאָס הייסט: דעם אָרימאַנס חכמה האָט קיין ווערטה און אַזאַ מענש קען טאַקע אויסבילדען אַ שטאָדט, זעהן מען זאָל מאַכען קינדער פאַר מענשען וואס זאָלען טויגען צו דער וועלט, אויפקלעהרען דעם עולם אין אַלע ענינים עס זאָל ניט זיין קיין מחלוקות צווישען דער געמיינדע זיי זאָלען ניט האָבען צו טהאָן איבערן גבאות, איבער דעם מפטיר, איבער דיא חזנים, זיי זאָלען אַ פנים האָבען ביי דער רעגיערונג פאַר מענשען, אָבער צו וואָס בעדאַרף מען דיא יעצטיגע מגידים? אמת זיי קאָסטען אפילו געגוג געלד און זיי האָבען נאָר אין זינען פוסטע זאַכען, נאָר זייערע אינטערעסע דרשה'נען נאָר פון זייערט וועגען, זוכען נאָר אַ קערביל, און דילען נאָר דעם קאָפּ מיט הבלים, וועניג שטותים האָט יעדער מענש אייגענע וואס ער האָט זיך אָנגעהערט נאָך אלס קינד אין דער היים און אין דיא חדרים, דאַרף ער זיך נאָך אָנהערען שטותים פון אַ דרשן אַ מטורף? נאָך ערגער פון דיא שטאָדט בעל דרש'ערס, זיינען דיא מגידים וואס לויפען אַרום פון שטאָדט צו שטאָדט, דאס זיינען גאָר שנאָרערס פאַרדאָרבענע בדחנים, עס איז כמעט ניט כדאי אַרום זיי צו רעדען.

נאָר לאָמיר בעסער דאַווענען מנחה און געהען עסען שלש סעודות, אָדער בעסער געזאָגט „געהן מאַכען המוציא" נאָך שלש סעודות, איז דער עולם געקומען צוריק אין בית המדרש עס איז שוין פינסטערליך, דער עולם פאַרברייננגט זיך איינער מיט דעם אַנדערן אין פערשיעדענע שמועסין, אַנדער זאָגען אשרי תמימי דרך.

נאָר אונטערן אויוועז האָבען זיך פאַרקליבען צוויי אָרענטליכע בעלי בתים און האָבען געקראָגען צו זיך דעם שטאָדט אפיקורוס און האָבען זיך אַביסעל געפילאָזאָפירט אין כמה ענינים. —

9

אַ שמועס אונטער דעם אויוועז.

זייט אזוי גוט, איהר זייט דאָך יא א מענש וואס האָט א ידיעה אין אלע ענינים, ערקלעהרט אונז אפשר ווייסט איהר, וואס האָט דאָ דער מגיד עפּעס געזאָגט מכח דעם זוהר? מיר האָבען דאס ניט גוט פערשטאַנען, דאס ערשטע מאָל אין אונזער לעבען האָבען מיר דאָס געהערט אז עס איז גאָר דא א ספק מכח דעם הייליגען זוהר, וואָס מעהר מען לעבט הערט מען מעהר, מאַכט אונז קלאָהר אויב איהר ווייסט, עס אינטערסירט אונז דיא זאך גאָר שרעקליך.—

„הערט איהר ברידער!“ האָט זיי געענטפערט דער אפּיקורוס, איהר זאָלט וויסען אז אין דער יעצטיגער צייט איז מען שוין ריכטיג דערגאַנגען דעם סוד, אַז דעם זוהר האָט ניט געמאַכט ר' שמעון בן יוחאי און הגם דאָס איז ניט קיין נייעס ווארום הגאון ר' יעקב עמדען האָט שוין אויסגעוויזען מיט פיעל ראיות אַז דער זוהר איז אַ שפּעטיג ספר ניט פון ר' שמעון בן יוחאי, פון דעסטוועגען האַלט עס דער עולם ניט פאר קודש, נאָר קודש קדשים, וויא פיעל מנהגים וואס זיינען כמעט וויא א געצענדינעריי געפינען זיך ביי אונז פון דיא מקובלים, וואס דער גרונד פון זיי איז נאָר דער זוהר, איהר ווייסט אז כפּרות שלאָגען איז אויך אַ פלאַן פון אַ מקובל, איהר ווייסט אַז אַ סך חומרות וואָס מיר ווערען פון זיי פאַרשווארצט איז דאָס נאָר זייער מלאכה, וויא פיעל דינים געפינען זיך אין שלחן ערוך וואס זיינען געשטעלט נאָר על פּי קבלה? איבערהויפּט שפּיעלט דער זוהר אַ גרויסע ראָלע ביי דיא חסידים, ביי זיי איז אין אמת דער זוהר טהייערער און הייליגער פון דער גמרא, נאָר וואָס זאָלען מיר ריירען פון חסידים אז מיר מתנגדים זיינען אויך ניט קליגער, ביי אונז איז אויך ב״ה אלעס גלייך, דיא הייליגע תורה מיט דער גמרא און דער זוהר מט אלע קבלה ספרים, האָבען ביי אונז איין וויכטיגקייט, יעדער זאָגט אונז דינים, אי דאָס קאָסט אונז געזונד, עס לאָזט אונז ניט לעבען? דאס הארט גאָר קיינעם ניט, חלעבען, למשל וואס האַרט דעם רב אז ער שלאָגט כפּרות מיט א גוטען האָן? און דיא רעביצען מיט אַ גוטע פעטע הון? און מען עסט דערפון אַ גוט יאַיכעל מיט קרעפּלעך, שחיטה געלד קאָסט אויך ניט, נאָר לאָז דאס זיין אפילו אַ מנהג שטות ווערענס דאגה איז דאס? אָבער דער געמיינער מאַן נעבאַך קויפט עטליכע עופות דארע וויא דיא שפּענער און דארף נאָך צאָהלען שחיטה געלד פון יעדער כפּרה 4 קאָפּיקעס, און אָבשטעהען ביי דעם שוחט עטליכע שעה אין ענגשאפט און אין צרות, און פרעג וואָס? איהר זייט דאָך אידען לומדים געפינט זיך אזעלכע פּזמונות אין דער גמרא? עס איז באמת ניט כדאי צו ריידען, ווארום איהר האָט דאָך געזעהן וואָס דא האָט זיך געטהאָן דערפאר וואס איך האָב זיך אריינגעמישט מכח דיא „קטניות“ ארבּעס, אדרבה זאָגט אלייז בין איך אפשר ניט גערעכט? איהר זייט אפילו אויך צו ארטהאָדאָקסעס, נאָר דאָך זייט איהר מענשען מיט שכל, דער חסרון איז נאָר פון אייך, וואָס א חוץ דיא טרוקענע גמרא וואס איהר לערענט,

זעהט איהר ניט קיין אנדער ספר אין דיא אויגען, ווען איהר וואָלט אביסעל געקוקט אין זייטיגע ספרים פון אונזערע חכמים, ווען איהר זאָלט וויסען גוט דיא גאנצע געשיכטע פון אידען זינט נאָך דעם ערשטען חורבן ביז יעצט, דאן וואָלט איהר גאָר אויף אן אנדערן אופן פארשטאַנען דיא גמרא, איהר וואָלט געוואוסט אויף וואָס פיר איין אַרט האָבען זיך דיא אידען אַרויפגעשלאָגען אויף אזא פּאַראדאָק וויא יעצט איז, וויא אזוי האָט זיך דאָס געמאַכט ? וועלכע סבות האָבען דאָס מיטגעבראכט ? דאמאלס וואָלט איהר מודה געוועזן אז מען ווערט אויסגעריסען אין כמה וכמה ענינים נאָר אומזיסט, מען וועט אונז קיין שכר ניט געבען, ניט אויף דער וועלט ניט אויף יענער וועלט, פאר דעם גאנצען פאר פּסח וואס מען קומט אָפּ ערגער וויא אין קאַטאָרגע, נאָר באמת איז וויא דער פּסוק זאָגט „והמשכיל בעת ההיא ידום“ אין דער צייט ברויכט נאָר אַ קלוגער צו שווייגען, אָבער דאס זאָלט איהר וויסען איך האָב געזאָגט און איך וועל זאָגען, אז דאס אלעס וועט אזוי ניט זיין, עס געהט אַנאַנדערע צייט און דיא אלע פּאַדאדקעס וועט מוזען נעהמען א רעפאָרם, דאס קען אזוי ניט בלייבען וויא יעצט.

דיזע צוויי מענשען זיינען פון דיא רייד זייער געריהרט געוואָרען און האָבען אזוי געזאָגט : „אייערע רייד איז אפילו מיט שכל, עס ווייזט אויס אַז דאָס איז קרוב לאמת, נאָר דאס וועלען מיר אייך פרעגען, דער רב זאָל געזונד זיין קען דאָך אזוי פיעל לערנען וויא איהר ? ער האָט דאָך מן הסתם אויך געזעהן דיא אלע מאמרים און דיא ספרים וואס איהר מיינט, נאָר פאר וואָס געהט ער תמיד מיט דער אלטער מעטהאָדע ? ער אליין היט אויך אָפּ די אלע מנהגים וואס איהר זאָגט אז דאס איז הבל הבלים ? איהר מיינט אז דאס וואס ער האָט אייך ניט געענטפערט איז מחמת איהר האָט איהם מנצח (בעזיעגט געוועזן, ניין חלילה ! ער איז דאָך פאָרט א גאון, אַ שפּאַס זיין בקיאות (געניטשאַפט) אין ש״ס און אין ירושלמי ? אַ שפּאַס זיין חריפות ? ער איז דאָך יא א מפולפל וואס קען אויסרייסען בערג און צו רייבען זיי, דעם שוחט׳ס שטיף זוהן איז אויך א מופלג גדול, ווער רעדט דער מתמיד ? איז גאָר אַ חרב חדה, א ווילדער חריף, אָבער געגען אונזער רב זיינען זיי טאקע אלע כקליפּת השום (וויא אַ שאָלעכטץ פון א קנאָביל), אויף איהם קען מען טאַקע זאָגען וויא אויף יונתן בן עוזיאל, אז בשעת ער לערינט איז „כל עוף הפורח עליו באויר מיד נשרף“ יעדער פויגעל וואָס פליהט איבער איהם ווערט פארברענט, נו דארף מען פערשטעהען אז ער האָט געקענט אייך מבטל זיין מיט אייער שמועס, נאָר מן הסתם האָט ער אין דעם אַ טעם געהאַט וואָס ער האָט גאָר געשוויגען, מען זאָגט טאַקע (מיר זיינען ניט געוועזן דערביי) אז ער זאָל לעבען האָט עפּעס יא א ווינק געגעבען, פאר וואס ער האָט געשוויגען.....“—

„הערט ליעבע אידען !“ האָט זיי געענטפערט דער אפּיקורוס אביסעל צוקאָכט, „הערט נאָר מיך צו עטליכע ווערטער, איך וועל מיט אייך א סך ניט פארברייגען“ איך זעה און וויים אז אזעלכע מענשען וויא איהר, ווענט דאָס

ניט העלפען, אז איך זאל אפילו מיט אייך טאלקעו׳ען יאהרען לאנג, נאר צו וואס זאל איך פערדארבען מיינע רייד בחנם? נאר דאס וועל איך אייך זאגען, איך בעט אייך נאר ניט אין כעס צו ווערען און אויסהערען מיט געדולד מיינע רייד, דערנאך וועט איהר שוין מעגען זאגען וואס איהר וועט וועלען״.—

„איהר ווייסט ברידער!״ אז איהר לעבט גאר אין טעות, איהר קענט זיך גאר ניט פארשטעלען אז א גאון וואס איז א בקי אין גאנץ ש״ס בבלי וירושלמי און אין אלע פוסקים, זאל זיך לסוף אויסלאזען אז ער קען גאר ניט לערנען?

מיט גרוים כעס, האבען זיך א חאפ געטהאן דיא צוויי מענשען און האבען א געשריי געטהאן „וואס זאגט איהר? איהר זייט משוגע? צו וואס? וויא הייסט א גאון זאל ניט קענען לערנען? פאר וואס דען איז ער א גאון?״—

„זעהט ברידער!״ האט ער זיי געענטפערט, איך האב דאך מיט אייך עפעס א תנאי געהאט, אז איהר זאלט ניט זיין אין כעס און ניט איבערשלאגען מיר אין מיטען דיא רייד, איהר פארשטעהט נאך גאר ניט וואס איך מיין, נאר איך זאל אייך דעם ענין ערקלעהרען מיט פאקטען פון דער גמרא איז גאר ניט יעצט דיא צייט, דארום וועל איך אייך דיא זאך געבען צ׳ פערשטעהען מיט א משל, נאר לעגט גוט צו דעם קאפ און הערט, זייט מוחל, גוט צו מיין משל, דער ענין איז זייער טיעף און שארפזיניג.—

איינער א גרויסער גביר וואס האט געהאט איינינע פאבריקען פון טוך און פון צוקער, זייער א גרוים געשעפט פון כמה מיליאנען רובעל זילבער, האט בע־דארפט מיט זיין פאמיליע ארויספאהרען אין אן אנדער געגענד, האט ער אויס־געזוכט א וויכטיגען בוכהאלטער, א גרויסען מאטעמאטיקער וואס איז גוט גע־ניהט געוועזען אין געשעפטען, און האט איהם איבערגעגעבען דיא גאנצע גע־שעפטען ער זאל זיין דער גאנצער פיהרער פון דעם עסק, טהאן אלעס נאך דער צייט מיט גרוים איבערלייגונג, ווערליג דאס עסק וועט פאדערען פון איהם, אמאל פאר גרעסערען און אמאל פערקלענערן דאס געשעפט לויט דיא צייט וועט מיטברייננגען.—

דאס גאנצע עסק בשעת ער האט עס איבערגעגעבען איז בעשטאנען פון צוויי מיליאן רובעל, אין דעם האט ער איהם געזאגט איז אייגען קאפיטאל, און ווייטער וויא פיעל דאס געשעפט וועט פאדערען זאל ער נעהמען אויף פראַ־צענט, פון דעם געשעפט זאל דער בוכהאלטער איהם ארויסשיקען אלע יאהר הונדערט טויזענד רובעל, דאס איז מעהר ניט וויא 5 פראצענט, און דאס טראגט דאס געשעפט אפילו גאר אין דער שלעכטער צייט.

דיזער געשעפטס פיהרער האט דאס עסק געפיהרט זייער גוט, ער איז אין איהם געווען גאנץ שטארק געניהט, געהאלטען אויפ׳ן מוח אלע געגענשטענדע פון דעם גאנצען געשעפט, ער איז זייער קלאהר געווען אין אלע פרטים מקטון ועד גדול, ער האט געהיט דיא ביכער עס זאל שטימען דיא הוצאה מיט דער הכנסה, ביז א איין צעהנדליג קאפיקע, דער כלל איז ער האט נאר געזעהען אז

דאס עסק זאל טראגען דאס פראצענט פון דעם פרעמדען געלד, און דיא הונדערט טויזענד רובעל וואס ער דארף שיקען אלע יאהר דעם פרינציפאל — צייטענווייז פלעגט ער פערקלענערן פיעל סארטען פון דיא פאבריקען, ווען ער האט בעמערקט אז זיי ברייגגען ניט קיין נוטצען, און עס פאלט נאך דערויף פראצענטען, דיא אלע מענשען וואס פלעגען אפט און אפט פארקומען אין געשעפט וועגען פערשידענע עסקים, פלעגען שטארק בעוואונדערען דיזען בוכהאלטער, ווארום זיי פלעגען זעהען זיין גרויסע פעהיגקייטען אין געשעפט און זיין גרויסע ידיעה אין אלע פרטים פון אזא גרויסען עסק. —

צום סוף האט זיך אויסגעלאזט, אז דער גרויסער גביר האט געמאכט א גרויסען אנזעץ אויף כמה מיליאן רובעל, דיא פאבריקען האבען זיך געשטעלט עס איז שוין ניט געווען מיט וואס זיי צו פיהרען, דער בוכהאלטער האט אליין גאר ניט פערשטאנען ביז דער לעצטער מינוט פון וואנען דאס האט זיך גענומען? און דעם גאנצען עולם איז דאס אויך געווען א גרויס חידוש, געוואלד! אזא בעל חשבון, אזא קאפ, זאל האבען אזא טעות? וויא קאן דאס זיין? ווארום האט ער פריהער ניט בעטראכט, נישט צו דערלאזען צו אזא גרויסען אונגליק, דערפון זעהט מען דאך ארויס גאר דייליך אז ער האט א פנים דאס גאנצע עסק גאר ניט פארשטאנען, אין אמת איז דאס א פלא! —

נאר דערט דיא מעשה, דער בוכהאלטער האט נאר אין איין זאך א טעות געהאט אין איין זאך איז ער געווען גענארט און צוליעב דעם איז דער גאנצער געשעפט געגאנגען צו גרונד, וואס איז? דאס וואס דער גביר האט איהם אנגעגעבן צווייא מיליאן רובעל פאר אייגען קאפיטאל איז געווען גאר א שקר מוחלט, דאס איז אויך געווען פרעמד געלד. דער גביר האט פאר זיך גערדייט הלואות אויף דיא צווייא מיליאן געצאהלט פראצענטען, דא גענומען, דא גענבען, און אזוי האט מיט דער צייט דאס פראצענט אויפגעגעסען דעם קרן, וואס דער בוכהאלטער האט דאס ניט געקאנט ארויסזעהען ווייל ער האט פון דעם סוד ניט געוואוסט, ער האט געמיינט אז דאס איז אייגען עלד, און מען דארף פאר דעם קיין פראצענט צאהלען.

נו, ברידער! פארשטעהט איהר ניט דעם משל? מיט איין ווארט, דער פיהרער פון געשעפט ברויכט צו וויסען ריכטיג וויא פיעל קאפיטאל עס איז דא אייגענס, און וויא פיעל פרעמדס, ווארום דיא הלואות איז מעהר ניט נאר זיי זאלען העלפען אז דער אייגענער קאפיטאל זאל טראגען ריוח, אויב מען קאן ניט הויבען דאס געשעפט מיט דעם אייגענעם געלד, דארום אז מען זעהט, אז דאס פרעמדע געלד טראגט ניט אפילו דעם פראצענט, מוז מען דאס עסק פארקלענערען, דער כלל איז דערלייגען צו פרעמד געלד, טהאר מען געוויס ניט, צו דעם אייגענעם קאן מען דאך ניט העלפען, ווי פיעל עס טראגט מוז גוט זיין.

דעריבער אז דיעזער מאן האט געלעבט אין טעות, און האט גערעכענט פרעמדס פאר אייגענס, האט ער דאך דערפון גאר ניט גירעכענט דאס פראצענט

פון'ם געלד, נו, האָט ער געקלעהרט וואָס קאָן דאָ זיין, טראָגט עס ניט פיעל, אָבער 5 פּ"צ טראָגט דאָך דאָס, קיין פרעמד געלד איז דאָך דאָס ניט, נו, איז דאָך קיין סכנה ניט.

באמת! דער גוטער געשעפטסמאַן, זעהט אפילו אַ מאָל מיט אייגענעם קאַ־פּיטאַל אויך ניט האַנדלען, ווען ער זעהט אַז דער האַנדעל קאָן דעם גאַנצען קאַפּיטאַל פערניכטען, עס איז פיעל בעסער אַ מאָל אויפצועסען איינינע הונ־דערט רובעל, איידער ריזיקירען זיך מיט אַ שוואַכען עסק, און איבערפיהרען דורך דעם דאָס גאַנצע קאַפּיטאַל ח"ו. —

נו, ליעבע ברידער! יעצט לייגט צו גוט דעם מוח, און הערט דעם נמשל: דער ענין איז זעהר טיעף און וויכטיג, דיא רעליגיאָן אונזערע דאָס איז דיא פאַבריקע וואָס גיט אַרויס דינים פאַר דער גאַנצער געמיינדע, אויף דיעזע אַלע דינים זאָגט עדות אונזער היילינע תורה „אשר יעשה אותם האדם וחי בהם", דאָס הייסט: אַז דער מענש וועט אָבהיטען דיא אַלע דינים, וועט ער קאָנען לעבען אין פערגעניגען, בקיצור דיא תורה איז אונזער פרנסה און אונזער חיות, זיא איז פאַר אונז אַ גוט געשעפט, אין דער רעליגיאָן געפינט זיך אייגען קאַפּי־טאַל, דאָס הייסט דינים וואָס שטעהען אין דער תורה, ווייטער איז דאָ אין דער רעליגיאָן פרעמד געלד, דאָס הייסט דיא תקנות, גזירות, און גדרים, וואָס דיא געשעפטס־פיהרער, דיא בעלי התלמוד האָבען צוגעלייגט צום קאַפּיטאַל, נאָר צוליעב דעם אַז דיא פאַבריק זאָל קאָנען עקסיסטירען, פונקט וויא דער גביר קאָן אַ מאָל מיט זיין אייגענעם פערמעגען ניט אָנהויבען דאָס געשעפט, אָדער ווען אפילו אַז ער האָט שוין אָנגעהויבען, קאָן ער זיך אין מיטען עסק אַנידער־שטעלען, אַזוי ריכטיג איז מיט דער רעליגיאָן, דיא קאַפּיטאַלנע מצות, עס הייסט מצות מן התורה, קאָנען אַמאָל ביי פאַרשידענע סבות ניט מפרנס זיין דיא נאַציאָן וויא געהעריג איז, נו, מוז מען מאַכען אַ הלואה, עס הייסט אַ גדר, אַ חומרא, אַ תקנה, נו, דאָס קאָסט שוין פראָצענט, און גאָר אַ סך, דיא גזירה מוז מען שוין מאַכען אַ ביסעל איבערטריבען, קאָסט שוין נעבאַך דעם עולם געזונד און געלד*) אָבער ווען איז כדי צו צאָהלען אַזאַ שטאַרקען פּראָצענט? נאָר אַז מען זעהט אַרויס פון דיא הלואות אַז זייא ניטצען צום עסק, אַז זייא פאַרהיטען דאָס קאַפּיטאַל, אָבער ניט אַז דיא הלואות זיינען נאָך גאָר מזיק דעם קאַפּיטאַל, נו, דאַכט זיך אַז מען ברויכט פון זייא פטור צו ווערען. —

מילא יעדער רב אין זיין שטאָדט איז דאָך דער געשעפטס־פיהרער פון דער רעליגיאָן, נו, ברויכט ער גוט צו וויסען וויא פיעל קאַפּיטאַל איז דאָ איי־

*) פון דעסטוועגען גאָר אַ גרויסען פּראָצענט האָבען אונזערע חכמים אויך קיין חשק ניט געהאַט צו צאָהלען, דאַרום זאָגען זייא „אין גוזרין גזירה על הצבור אלא אם כן רוב הצבור יכולין לעמוד בה", אַזאַ הלואה וואָס דאָס רוב עולם קאָן דעם פּראָצענט ניט געבען, האָבען דיא חכמים בעסער גאָר ניט געמאַכט.

גענס, עס הייסט מצות פון דער תורה, און וויא פיעל פרעמדע געלרער עס געפינען זיך וואָס קאָסטען גוטע פ"צ, דאָס הייסט, תקנות און גזירות, גדרים און סייגים, כדי ער זאָל זיך וויסען וויא נוהג צו זיין מיט דיא הלואות ווען ער וועט זעהען, אַז זיי העלפען גאָר ניט צום קאַפּיטאַל, נאָר פאַרקעהרט זיי קאָנען נאָך גאָר אויסברענגען דאָס קאַפּיטאַל אין גאַנצען, מחמת דאָס פּראָצענט פון דיא גזירות און דיא פרישע דינים איז זעהר געוואַקסען דער רעשט... קאָן שוין דער עולם דערנאָך אפילו דיא קאַפּיטאַלנע מצות אויך ניט מקיים זיין.

אָבער אַז דער רב לעבט גאָר אין טעות, און רעכענט אַלע גזירות וחומרות אפילו פון דיא פוסקים אחרונים אויך פאַר מצות מן התורה, אָט דאָ איז שוין דיא שפּיעל פאַר'ן טייפעל, מיט קאַפּיטאַלנע מצות איז שוין אַ ביסעל שווערליך איין עצה צו געבען זיך, דאָ ווען אפילו עס טראָגט גאָר ניט, מוז מען אפשר אויך שווייגען, דאָס געשעפט מוז דאָך געהן, חאָטש אפילו דיא גרויסע בוכהאַלטערס, דאָס הייסט: דיא גרויסע תלמודיסטען, פלעגען אָפט און אָפט פאַר דיא קאַפּיטאַלנע מצות אויך זיך ניט שטאַרק זאָרגען, נאָר ווען? אַז זייא האָבען גוט בעמערקט, אַז דיא דאָזיגע מצות לאַ די וואָס זיי טראָגען נישט איין, ברייננגען זייא נאָך היזק אויך, האָבען זייא אַלס פיהרער פון'ם געשעפט, אָבגעשאַפט אַזעלכע מצות אויף אַ צייט, ביז דאָס עסק וועט זיך אפשר פאַרבעסערען, דארום זאָגען דיא חכמי התלמוד זעהר קלוג און שאַרפזיניג: „פּעמים שביטולה של תורה היא קיומה. (מנחות צ"ט)", דאָס הייסט: אַ מאָל איז דאָס מבטל זיין אַ מצוה פון דער תורה, אַ סבה זיא צו דערהאַלטען, איהר פאַרשטייט דעם מאמר וויא גרויסאַרטיג ער איז! מען דאַרף אויף איהם אַ מבין זיין, פון דעם זעהט מען גאַנץ קלאָהר, וויא זיי האָבען גוט פערשטאַנען דאָס עסק, און ווען ביי קאַפּיטאַלנע מצות (מצות מן התורה) ברויכט מען אַ מאָל אַזוי צו טהאָן, אויב מען וויל היטען דעם געשעפט לויט האַנדעלס־געזעצע, אַ פשיטא שוין, דיא מצות וואָס זיינען דורך אוים הלואות, דאַרף מען דאָך געוויס נאָך קוקען אויב זיי ברייננגען נוצען, און אויב ח"ו אַז מען זעהט אַז דיא הלואות מאַכען קאַליע, דאַרף מען באַלד אַזעלכע הלואות אָבשאַפען, און ניט צאָהלען קיין פּראָצענט.

אָבער ווען איז דאָס אַלעס געשמועסט, אַז דער רב ווייסט טאַקי זיין זאַך, אָבער אַז דער רב איז גאָר גענאַרט, און רעכענט הלואות פאַר קאַפּיטאַל, אַלעס איז ביי איהם „הלכה למשה מסיני", האָט ער זיך מורא דערצו צוצוריהרען, דעריבער האָבען דיא גרויסע תלמודיסטען אין דער התחלה געמאַכט אַז „דברים שבעל פה, אי אתה רשאי לאומרם בכתב", דאָס הייסט מען זאָל ניט פערשרייבען דיא אַלע נייע דינים מיט גזירות און חומרות, נאָר מען זאָל דאָס לערנען אויסענווייניג, כדי מען זאָל קיין טעות ניט האָבען און מיינען אַז זיי זייען אויך „דברים שבכתב", קאַפּיטאַלנע מצות, נאָר דערנאָך אַז זייא האָבען אַ קוק געטהאָן אַז דאָס קאָן גאָר פאַרגעסען ווערען, האָבען זייא געמוזט מתיר

זיין. — היינט זעהט מען טאקי דעם גרויסען היזק דערפון, אז פון אלע „דברים שבעל פה“ פרעמד געלד, איז געווארען גאר „דברים שבכתב“ דורך בלויזען קאפיטאל, אבער דאס קאסט דעם עולם גרויסע פראצענטען אז מען קאן שוין באלד ניט צאהלען, און דאס קרן קען אויך גאר לייכט געהן צו גרונד ח"ו. —

נו, ליעבע ברידער! יעצט דאכט מיר אז איהר קאנט שוין גוט פארשטעהן אז אונזער גאון קאן טאקי פארט ניט לערנען, ער קאן, ער איז טאקי געניט אין אלע ביכער פון דער רעליגיאן, נאר ער ווייסט ניט וויא פיעל עס איז דא אייגען קאפיטאל, און וויא פיעל הלואות, וואס דאס איז דער גרונד פון דעם עסק, אין דעם הענגט אב דאס גאנצע געשעפט. —

אט האט דער רב היינט געזאגט א דרוש, וואלט איהר נאר אביסעל געהערט, וואס פאר א הלואה ער האט געוואלט מאכען, וואס פאר א שטארקען פ"צ ער האט געוואלט געבען, גראדע ווייל דער עולם האט חשק געהאט פטור צו ווערען פון איין הלואה מיט איהר שטארקען פ"צ, און האבען געפאדערט א היתר מכח דעם ארבעס, האט ער גאר געזאגט, אז אפילו ח"ו אין גרעסטען יקרות טאהר מען אויך ניט עסען קיין ארבעס און דיא אלע מיני קטניות, און הערינג, און ווער עס איז מקיל אין דעם ח"ו איז גאר חייב מיתה (זעהט אין פתחי תשובה הלכות פסח), איי געוואלד! אין בית יוסף שטעהט דאך בפירוש אז דיא אלע מינים מעג מען אפילו קאכען? ניין אין כמה ערטער האט מען זיך נוהג געווען ניט צו עסען דאס, אי וואס־זשע איז? מען מעג דאך פארט על פי דין? וועמעס דאגה איז דאס, וואס זייא האבען זיך אזוי נוהג געווען? אבער וואס העלפט דאס דיא רייד, איינינע גאונים, וואס האבען געקאנט לערנען וויא אונזער גאון האבען אזעלכע מנהגים צוגענומען פאר קאפיטאלנע דינים.

ביי איינעם איז שוין געוועז ארבעס אזא שטארקער חמץ, אז עס האט זיך שוין איהר גאר געלוסט מאכט פיר חמץ קאווע אויך, וואס איז? ווייל קאווע האט א פנים וויא פאסאליעס, בכן אז מען וועט עסען קאווע קאן מען ח"ו א טעות האבען און עסען ארבעס פאסאליעס אויך, אי וואס הארט עס אז מען וועט טאקי עסען ארבעס פאסאליעס אויך? איהר ווייסט ניט? חלעבען איך ווייס אויך ניט, אפשר מיינט איהר אז דיא גאונים ווייסען? וואלט מיר אזוי קיין שלעכטס ניט וויסען און אייך אויך, וויא זי ווייסען אויך ניט, וואס בעטרעפט איהר מעהר, אז איינער האט שוין גאר געוואלט אסור מאכען „טהעע“ טרעפט פאר וואס? ניין איהר וועט ניט טרעפען, אפילו אז איהר וועט זיין מיט 100 קעפ, בקיצור מאטערט זיך ניט, איך וועל אייך בעסער אויסזאגען, היות אזוי וויא עס זיינען דא בנמצא פיעל שווינדלער וואס פארקויפען איבערגעריבער איז דורכאוים ניט רעכט צו נוצען אויף פסח, דאריבער איז דורכאוים ניט כדאי צו נוצען טהעע, איהר פאר שטעהט וויא מען איז פארקראכען? אזא פארלאפענער מוח, נו, נו! עס איז נאך א נס וואס קיינער האט זיך ניט ארויסגערעדט „וכן נוהגין“ אדער „וטוב להחמיר“ אז ניט.

איז דיא זאך פארפאלען, מען וואלט שוין א גאנץ פסח אפילו קיין גלעזעל טהעע אויך ניט געהאט.

וואס ווייסט איהר וואס דיא ווערטער האבען אונז אנגעמאכט ? אלע חומרות, אלע גזירות, אלע נארישע מנהגים, נאר וויא באלד עס געפינט זיך למשל אין רמ"א אויף רש"י כתב דיא צוויי ווערטער „וכן נוהגין" *) דא איז מען גאר שוין פארפאלען מיט דיא ביינער...

אט אין אזעלכע פלענער האט אונזער גאון פארבראכט זיין גאנצע דרשה, און אזוי פערברענגען זיי דאס גאנצע לעבען, קיין זאך וואס קען ברענגען א טובה דעם כלל ליגט זיי גאר ניט אין זינען, אט אין וואס זיי פארברענגען זייערע יאהרען: מכות א קאלמענע צו איז דאס א חציצה אין מקוה, א שטייגער, אז א יבמה רעדט אונטער דער נאז (דאס טרעפט אפט און אפט אפילו ביי איין גרושה, און ביי א שטיף מוטער אויך) און מען הערט פון איהר ניט קלאהר דיא ווערטער „לא אבה יבמי" האטש אין אמת ווייסט זיא דאך גאר ניט וואס זיא רעדט, זיא קלאגט זיך פאר דיא דיינים ער וויל זיא ניט מיבת זיין בודטא זיא געהט אוים נאך איהם, נו איז ניט א געלעכטער צו הערן ? זיא וויל דאך אז ער זאל איהר חליצה געבען, און אין דעם פאל איז דאך באמת קיין נפקא מניה ניט, אויב זיא האט דאס ניט געזאגט מיט דקדוק ? אז דיא גאנצע זאך איז גאר א קאטאוועס, נאר אויך דיא אייגענע מעשה, אזוי איז דער פאראדאק, מוז דאס ווערען גערעדט שארף, נו דער ווייל איז דאס א שאלות תשובה, מען דארף פארט עפעס ענטפערן וויא א גאון. אט אויף אזעלכע ענינים געהט נעבאך אוועק דיא צייט ביי אזוינע מענשען, א שפאס א וועלט? עס טרעטפ דאך עפעס סבות, און היינט אין דער שטאדט גופא, וויפיעל קאפדרייעניש האט א רב מיט דיא ערובין ? מיט דער מקוה מיט דיא חלפים פון דיא שוחטים ? א סך וויכטיגערע געשעפטען וויא חנוך נערים, וויא מאכען רעמעסלענע שוהלען, פאר ארימע קינדער, וויא מבטל זיין דיא טאקסע, הא ?

פון דעם גאנצען שמועס זיינען דיא מענשען שטארק מבולבל געווארען, זיי האבען גאר ניט געקענט זיך שטעלען א מאס פון וואנען הויבט מען אן זיך מיט איהם מתווכח זיין, ער האט זיי גוט צו פלאכטען מיט א שטייגער. נאר דאך האבען זיי געוואלט מאכען א שמועס און איהם פארט מנצח זיין, נאר מען האט דאס איבערגעשלאגען מיט'ן מעריב דאווענען.

נאך מעריב איז זיך דער עולם צוגאנגען אהיים, צו הערען פרישע קללות

---

*) למשל, פון דיא 18 טרפות וואס זיינען געצייכענט אין דער גמרא חולין, איז געווארען 70 אין פסקי הרמב"ם, און אין שלחן ערוך איז גאר אהן א צאהל, 46 שאלות האט נאך דער רמ"א טרפה געמאכט, וואס דער בית יוסף האלט דאס פאר כשרות, „דער עצי לבונה" צעהלט אב 120 טרפות אין דעם דין פון תרתי לרעות... הא, ברודער! גוט אנגעטהאן א כפאדאק. —

און פאסטען תעניתים ביז ערב פסח צום סדר, פארגעסט ניט עס איז נאך דא פיעל ארבייט, וואס ווערט נאך געבען גענוג שטאף צו פרישע צרות און קולות, א שפאס, זיפען דאס מעהל, באקען דיא מצה, כשרה'ן דיא כלי בית, שטויסען מצה מעהל, א פעסעל אויסוואשען אויף וואסער, דא מוז יעדעס שטיקעל ארבייט געטהאן ווערען מיט קולי קולות, מיט געוואלדיגע קללות, עפעס א שפאס פסח? נאר וויא דיא גמרא ברענגט א ווערטעל „דמלפא תיכלא לא בהתא" דאס הייסט: דער וואס איז שוין געוואהנט אין צרות, דער שרעקט זיך שוין גאר ניט, אט אזוי האבען זיך נעבאך שוין דיא מענער גאר אויף געהערט זיך צו שרעקען, און זיינען זיך געגאנגען גאר גלייכגילטיג אהיים, ממה נפשך וואס וועט זיין זאל שוין זיין.

א גוטע וואך! א גוטע וואך! צינד שוין אן א ליכט. עס איז שוין לאנג נאכט געווארען „איהר ווייסט ווייבערליך עס וואלט גאר קיין עולה געוועז אז מען זאל עפעס קאכען א לעפעל ווארעמס נאך היינטיגען טשאלענט" האבען א זאג געטהאן אלע מאנסבילען מיט איין קול, „עס פארשטעהט זיך" האט זיך ארויסגעחאפט איינע א פיסקעוואטע, ער וואלט אפילו א בעלן געוועז, אז איך זאל זיך נאך אצינד שטעלען קאכען ביז האלבע נאכט, דאס קען טאקי מעהר ניט נאר וויא א נאר זיך פארגינען, עפעס אזא זולל וסובא? האב איך ניט גע־הערט און ניט געזהן, מיר דאכט אז מען זאל מיר אפילו יעצט געבען מעדני מלכים וואלט איך אין מויל ניט גענומען, און איך האב דאך טאקי היינט יא כמעט ניט געגעסען, אין דעם טשאלענט איז טאקי היינט געוועזען איין איינזינקעניש, וואס זאל מען דא זאגען? און איך קען דאך זיין טריפה'נעם האלז, האב איך איהם טאקי אב געגעבען כמעט אין גאנצען, נא פרעס צו זעצטערהייט, וויא דיא מעשה איז, פאר איהם איז גענוג געוועז, ניט פאר זינדיגען, חלעבען! א גרויסע שיסעל קאשע מיט קארטאפעל, און א שטיקעל פלייש, מיט א גרויס שטיק קוגעל וויא זיין קאפ, זעהט זאלט איהר געזונד זיין וואס עסט מען ביי לייטען? נו פרעג איך אייך וואזשע איז דא אויף איהם אזוי דער בייזער הונגער? עס איז טאקי עפעס א קישקע אהן א דנאה, אט א כפרה איך וועל זיך בעסער געהן צו לעגען א ביסעל, חלעבען עס געהט ב"ה דיא וואך, עס איז נאך דא גענוג וואס צו טהאן, נאר איהם הארט דען עפעס? וואו נעהמט מען אזא נאטור? איך וואלט אויך א בעלן געוועזן עס זאל מיך גאר ניט הארען, א גוטען סוף זאל איך האבען, איך בין טויט קראנק, איך וועל שוין לאנג זיך ניט מיאוס מאכען אויף דער נארישער וועלט, ער מיינט עס וועט איהם בעסער זיין, ער וועט אויסחאפען א מויד, א קרענק אין דיא זייטען, מען וועט זיך אן איהם טאקי אנחאפען? בישקשה! דוא וועסט וויסען, דוא וועסט זיך מתודה זיין, א נאר איז נאר דאס ערשטע ווייב, אליין ניט געגעסען ניט געטרונקען, וואס איז? פילעוועז דעם טהייערען מאן, אבער דיא אנדערע וועט דיר געבען קדחת עסען, דיא קארטאפעל וועט זיא ארויס שלעפען נאך ביי דעם אויוועז שטייענדיג, דיר וועט זיא געבען

גאַלע וואַסער, איין גרויפּ וועט נאָך יאָגען דיא אנדערע.

נו ליעבע לעזער ! וויא קלעהרט איהר ? מן הסתם האָט מען שוין קיין קרופּניק אַפילו אָהן קאַרטאָפעל אויך ניט געקאָכט, עס איז שוין שפּעטליך, מען לייגט זיך ווייטער שלאָפען, מען איז איבערגעקומען דיא נאַכט אויך אין צרות, געוואַלגערט זיך אויף דער ערד אין טינוף, דער כלל מען קומט אָב אַז גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען. —

הבוקר אור, עס איז שוין טאָג, דיא מענער זיינען אַוועק אין בית המדרש, און דיא ווייבער האָבען זיך גענומען צו דעם מעהל, מען האָט אראָפּגעבראַכט דיא געוויסע אידענע, וועלכע איז געווען פון דיא 10 זאַכען וואָס זיינען בע־שאַפען געוואָרען ע״ש בין השמשות צו זיפען פסח'דיג מעהל. אַזאַ אידענע דאַרף זיין איין אלמנה שוין פון כמה יאָהר, האָבען אַ שטיקעל ידיעה אין כשוף, זיין קלאָהר אין אַלע אידישע מנהגים, קענען אָבשפּרעכען איין עין הרע, אויס־גיסען אייער, און וואַקס, אויסוויקלען אַ בויך, פאַררייידען צעהן, וויסען וויא מען איז זיך נוהג מיט אַ קאָלטינע, אויסזויגען דיא שלעכטע מילך פון אַ פאַר־לעגערטער ברוסט, אויספּליקן אַ פאַרך, אָט אויף אַזאַ זנאַכארקע קען מען זיך שוין זיכער פערלאָזען, אַז זי וועט וויסען ווי זיך נוהג צו זיין מיט'ן זעקעל, דיא אלמנה האָט זיך אָנגעטהאָן לכבוד דעם זעקעל אין אַ ווייס העמד מיט אַ פאַ־טשיילע אַרום געבונדען דאָס מויל, עס זאָל ח״ו זיך ניט אַרויסחאַפּען אַ שפּריץ, מען האָט אַריינגענומען אַ בעט מיט פרישען הייא, פאַר שפּרייט מיט אַ קלאָהרען ליילעך, און מען זיפּט שוין צו מזל, אַלע אין שטוב זיינען שרעקליך פאַרנומען אָבצוהיטען דיא קינדער מיט דיא עופות, זיי זאָלען זיך ניט דרייהען אַרום דעם בעט, עס פאַרשטעהט זיך, אַז דעם גאַנצען טאָג איז געווען דיא שטוב פול מיט קללות, אַלע קינדער האָבען געשריען און געוויינט, ניט ווייניג קלעפּ האָבען זיי געקראָגען דורכ'ן טאָג, אַ קינד קען דאָך זיך ניט היטען, עס פאַרשטעהט גאָר ניט דעם גרויסען יחוס פון דעם זעקעל, (אין אמת איז ער אַ סך קליגער פון דער מוטער) אַז מען זאָל גאָר ניט טאָרען צו געהן צו איהם.—

בקיצור, געקאָכט האָט מען געווים גאָר ניט, נאָר ווער קוקט אויף דעם אַבי דאָס מעהל איז שוין ב״ה איבערגעזיפּט בכשרות, שטאַרק פאַרגניגען האָבען געהאַט דיא ווייבער צו קוקען אויף דיא זעקלעך וויא זיי זיינען שוין גרייט צום באַקען, פאַר גרוס פאַרגניגען איז געבליבען אַז מען זאָל קאָכען וועטשערע (מחמת מען האָט דאָך שוין פאָרט געפאַסט אַנדערטהאַלבען מעת לעת) און דווקא ניט קיין קרופּניק, מהיכא תיתי מען איז שוין באַלד אויף אַ לאַד, מאָרגען וועט מען שוין באַקען מצה למזל, דאַרף מען עפּעס קאָכען טאַקי אַ רעכטע מאכל, דאָס מאכל דאַרף ניט זיין צו עסען מיט ברויט, וואָרום ברויט וועט מען עסען מיט אַ קנאָבעל אָדער מיט אַ ציבעלע, דער עיקר איז דאָס פאַרבייסען, נו האָט מען געקאָכט מיזיסטקענע פאַרפעל, (דאָס הייסט דיא גראָבע מעהל מיט דיא קלאַייען וואָס בלייבט אין זיפּ איבער) מחמת פון דעם מעהל איז דאָך אַראָפּ

מיזיסעטקע וואָס דערפון וועט מען באַקען אויף ערב פּסח מיזיסעטקענע ביל־קעס, וואָס מען רופט זיי „כהא לחמא'ס, האָט מען דערפון אַראָפּ גענומען אצינד אַ ביסעל און געקאָכט פאַרפעל.

דער עולם איז געווען שטאַרק צופרידען פון דעם, אין אמת איז דאָך דאָס באַלד אַ שבת'דיג מאכל, אַי פלייש ? אַ פּנים דאָס שטיקעל סטערווע גיבט עפּעס אַ טעם ? וויא מיט דעם אַזוי אָהן דעם, דער עולם האָט זיך ממש מחיה געווען מען איז גאָר פרישער געוואָרען, אָט דאָס זעהט מען וואָס אַ גוטער ביסען איז ! נאָך דעם עסען האָט מען זיך געלייגט שלאָפען מיט דעם תנאי אַז מאָר־גען זאָל מען אויף שטעהן טשוט טאָג, זיך נעהמען מכח מצה באַקען.—

גאַנץ פריה זיינען דיא מענער אַוועקגעאַנגען דאַוונען וותיקין, אַ גאַנצען טאָג האָט מען פאַרבראַכט אין גאָר קיך, מען האָט שוין ב"ה אָבגעבאַקען דיא מצה, עטליכע טייגלעך זיינען געוואָרען המצ'דיג, האָט מען דערפון ווייטער געקאָכט פאַרפעל, דער כלל מען הולעט מען עסט וויא אים יום טוב.

נו ויהי ערב ויהי בוקר, עס איז שוין דינסטאַג, אַ טאָג פאַר ערב פּסח, אָט אויף דעם טאָג שטעהט די וועלט, גאַנץ פריה האָט מען זיך גענומען כשר מאַכען דעם אויוועץ כשר מאַכען, יעדע האָט בעזונדער געוואָרפען האָלץ, מען האָט אַלץ געוואָרפען אָהן אַ חשבון, וואָרום דיא באַליבאָסטע אַליין וואָס זיא וואָלט זיך פאַר אַ שטיקעל האָלץ אַ מעשה אָנגעטהאָן, האָט זיא דאַמאָלס אויך גאָר קיין דעה ניט געוואָלט זאָגען, עס פאַרשטעהט זיך, דאָ שפּיעלט מען זיך שוין מיט דער נשמה, אַלע שכנות, אפילו דיא שרות אויך, האָבען זיך בעשעפטיגט מיט דעם אויוועץ כשר מאַכען, יעדע האָט בעזונדער געוואָרפען האָלץ, מען האָט אַלץ מורא געהאַט טאָמיר איז מען נאָך ניט יוצא, אין אויוועץ האָט מען אָנגעוואָרפען שטיינדלעך כשר צו מאַכען אַלע טישען און בענקלעך, און אַ פעסעל אויף וואַ־סער, דעם גרויסען כשר שטיין האָט מען שוין אויך אַראָפּגעבראַכט (דער שטיין געפינט זיך מעהר ניט ווי ביי אייניגע אין שטאָדט, ביי די יוסטע בעלי בתים), און ער ליגט שוין אויף למזל אין אויוועץ, דאָ האָט מען שוין אָנגעהויבען אַר־בייטען מיט דיא לעצטע כוחות, עס איז געוואָרען אין שטוב אַ רעש מיט אַ מהומה, אַז איינער האָט ניט געוואוסט פון דעם אַנדערן, איין אידענע שלעפּט פונ'ם אויוועץ דיא גרויסע כשר טעפּ מיט זודיגען אָקראָפּ, דיא אַנדערע שאַרט אַרויס די קליינע שטיינדלעך, וואָס זיינען רויט וויא פייער, דיא מענער זוכען מיטלען וויא אַזוי אַרויסצונאַרען דעם גרויסען כשר שטיין, אַנדערע שטעלען אויף דיא כלים אויפ'ן גאַס צום כשר מאַכען, הוא הא, מען שרייט „היט זיך ! געהט אַוועק אין אַלדע שוואַרצע יאָהר, מען וועט אייך גאָר אָפּבריהען, איהר וועט נאָך קאַליקעס בלייבען" מען טראָגט דעם גרויסען טאָפּ וואָס מען האָט שוין אין איהם אַריינגעוואָרפען דיא קליינע שטיינדלעך, עס קאָכט וויא אין אַ קעסעל, איין מאַנספּערזאָן אַ פּראָסטער מענש אָבער אַ אָטוואַזשניק האַלט אייף אַ שטיק האָלץ דעם גרויסען כשרשטיין און לייגט איהם אַרויף אויף דעם לאַנגען

טיש, אויפ'ן טיש גיסט מען דאס זודיגע וואסער, און ער פליהט ארום מיט'ן שטיין וויא א מזיק, קולות און קללות הערט מען פון אלע זייטען, געוואלד קינדער, דא שפיעלט מען מיט'ן לעבען, אזא גיהנם א שפאס ? דרעהט זיך ניט דא ארום.— אט אזוי האט זיך געארבייט עטליכע שעה, מען האט זיך אבגעבריהט כמה פינגער, געמאכט פיעל קינדער פאר קאליקעס, איך זאג אייך דעם אמת, אזא טומעל אזא געפילדער האב איך נאך ניט געהערט ביי דעם גרעסטען פאזשאר רחמנא ליצלן, אין שטוב איז מיט סכנות נפשות, מען קען ניט אויס־האלטען דיא היטץ מיט דער פארע וויא אין א באד, אלע שרייען און וויינען, דיא אפגעבריהטע גלידער האט מען ארום געשמירט מיט לייהם, און מען ליגט אין צרות.

דיא מענער האבען זיך קוים ארויס געהאפט וויא פונ'ם גיהנם, און געמאכט פיס אין בית המדרש אריין, הערען דעם מגיד וואס ער וועט דא זאגען מכח בדיקת חמץ, נאך מנהה וואס מען האט אפגעדאווענט פאר פריה, איז דער מגיד ארויף אויף דער בימה און האט אנגעהויבען צו האלטען א רעדע מכח בדיקת חמץ.

דער שטאט בעל דרשה'ער איז געווען זעהר אויפגעראמט ביי זיך, ער האט אויך אריין געהאפט דיא צוויי גרויסארטיגע וועטשערעס, דאס איז : „איינע פון דיא מיזיסטקענע פארפעל", און דיא אנדערע „ווייצענע פארפעל" פון דיא חמצ'דיגע טייגלעך, מצה איז שוין ביי איהם אויך געווען אבגעבאקען, דיא כלי בית כשר געמאכט, אט דא האט ער אנגעהויבען שטארק צו שטאלצירען מיט יציאת מצרים גאר אויף אן אנדערן אויפ'ן, עס איז פאר איהם ווייניג געווען וואס מען איז פטור געווארען פון פרעה'ן און פון דיא שקלאפעריי, ער האט זיך ניט בעניגט מיט דעם רייכטהום וואס אידען זיינען פון מצרים ארויס, ניין האט ער גיזאגט, דיא רעכטע נקמה איז נאר געווען, וואס מען האט בעזיעגט דעם סם, מען האט צושטערט זיין גאנצע ארבייט, וואס ער האט מכח דעם גיטאהן א סך יאהרען.

דיעזער סם איז פון דיא גרעסטע און קליגסטע פאקוסניקעס אין דער סטרא אחרא, ער האט תיכף וויא מען האט דיא וועלט בעשאפען, זיך גענומען מיט אלע מעגליכקייטען נאך יאגען דיא קדושה, דיא ערשטע זאך האט ער זיך פאר־שטעלט אין געשטאלט פון א שלאנג,און עס האט איהם געגליקט ארויף פיהרען אדם וחוה אופן עץ הדעת, און דורך דעם זיי ארויסטרייבען פון דעם גן עדן— דעם קין האט ער אויך ארויפגעפיהרט גאר ניט שלעכט זיין א רוצח אויף א אייגענעם ברודער, געה זיי נע ונד ! האט ער געלאכט, געה ווער פארשווארצט אין צרות און אין שרעק—עפעס מיט דעם למך האט ער אויך אפגעטאהן א שפיצעל, מען קאן עפעס ניט דערגעהן קלאהר דיא געשיכטע, ער האט עפעס ערמארדעט א מענשען און פערוואונדעט א קינד, מען ווייס ניט וועמען ? מען ווייס ניט וואס? סטהוט זיך אפילו חושך מכח דעם אין דיא דרוש ספרים,

נאָר ניט יעצט איז דיא צייט מכח דעם מאריך צו זיין— מכח דעם חנוך האָט ער ימח שמו עפּעס אָפּגעטאָהן א מעשה גאָר הינטען ארום, מען האָט איהם גאָר פלוצלונג אויפגעהאַפּט, פרעגט פאַר וואָס ? פאַר וועמען ? קיינער ווייס ניט, אפילו דיא מקובלים שנאָרען מכח דעם גאַנץ שטאַרק, זיי האָבען עפּעס דער־שמעקט אַ שטיקעל ידיעה פון דער זייט, אַז חנוך איז גאָר מיט איין מאָל ער־הויבט געוואָרען, ער זיצט גאָר וויא א פירשט אין דיא הויכע פענסטער און מען רופט איהם פאַק גאָר מט"ט הלוואי וואָלט דאָס אמת געוועזען וואָלטען מיר אוודאי ניט גערדאַרפט זאָרגען, הא ? וויא מיינט איהר ? דאַכט זיך אַז ער וואָלט געהאַלטען שטאָל און אייזען פאַר אונזערע ליטוואַקעס, חאָטש אפילו דער גאַנצער מט"ט איז אויך א פּנים קיין גרויסער תקיף ניט אין פמליא של מעלה, וואָרום וועדליג איינער דערצעהלט (מן הסתם ווייסט ער דאָך) האָט מען איהם גאָר במחילה אריין געשמיסען בעת דער געוויסער אחר 1) איז אריין אין פרדס, אמת ניט קיין גלאַטע שמיץ, נאָר פייערדיגע, נאָר וואָס מאַכט דאָס אויס ? אַבי געשמיסען, איהר מיינט אַז דער סם קאָן א מאָל ניט בשעת ער צוקריעגט זיך מיט איהם, אויס ווארפען און רופען איהם „געשמיסענער..." אַז חנוך וואָלט באמת געוועזען מט"ט וואָלט פאָרט ניט געווען שלעכט, נאָר וואָס מאַכט מען ? אַז מען קאָן קיין טאָלק ניט דערגעהן, אין מיטען איז גאָר דאָ א ידיעה פון א זייט אז חנוך איז גאָר קיין מאָהל ניט געווען מט"ט, נאָר וויא דיא מעשה איז דער סם האָט דאָ עפּיס גיטאָהן.

נאָר דאָ איז נאָך געווען אַלעס סיאַק טאַק, אָט בימי נח האָט ער יא אויף געטאָהן א רציחה, ער האָט זיך גאָר פארשטעלט פאר א שדכן, א חוץ וואָס ער האָט פארפיהרט מיאוסע געשעפטען צווישען דיא מענשען, מיט זשערעב־טשיקעס, מיט פיפערנאָטערס, מיט יאשצירקעס, האָט ער גאָר געפיהרט שידוכים צווישען דיא חיות, א בער מיט אַ האָלענדערקע, אַ באָק מיט אַ טאָ־טערקע, א קליאַטשע מיט א טוקערקע, און נאָך אזעלכע קרומע שידוכים, וויא רש"י שרייבט אין דעם פסוק „כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ" אָט אַזוי האָט דער ממזר צומישט דיא גאַנצע נאַטור, דיא זאַך איז אַזוי ווייט געקומען ביז עס געוואָרען גאָר א מבול, אָט דא האָט שוין דער סם געמיינט אז ער איז איז שוין גאָר תקיף, אָבער צום גליק איז נח א פּנים קיין מחותן ניט געווען מיט דעם סם ער האָט גאָר ביי איהם אין שטוב קיין שום דריסת הרגל ניט געהאַט, נאָ דעריבער איז נח געבליעבען איין אָרענטליכער מענש און איז ניצול גע־וואָרען פון דעם מבול, אָט דאָ איז איהם געוואָרען ווייטער זויער און

1) דער געוויסער „אחר" איז איינער פון דיא 4 גרויסע תלמודיסטען וואָס זיי זיינען אריין אין „פרדס": ר' עקיבא, בן עזאי, בן זומא, און דיעזער אחר, דער אחר איז ארויס פון פרדס שטאַרק גיחאַפּט, ער איז גיוואָרען איין אפיקורוס און צוליעב איהם האָט דאָס נעבאך דער מט"ט גיהאַט דעם גוטען פסק, חלעבען א רחמנות, עס שניידט טאַקי ביים הארצען—

פיסק, איז ער זיך געווארען א שטיקעל מחותן ביי נח'ס קינדער אין שטוב און האט פארט אבגעמאכט א שטיקעל ארבייט דורך דעם שארלאטאן חם, וואס ער איז געווען א גראבע יארמולקע, דער פאדלע חאמעניע האט נעבאך דעם אלטען פאטער נח א שיין פעקיל אבגעטאהן.....

נאך דער געשיכטע איז ער גאר געפאהלען אויף א נייעם פלאן, זיך פאר־שטעלען פאר איין ארכיטעקטאר, צוריידען דעם עולם מאכען א הויכען טוהרעם ביז אין הימעל און מאכען דארט א מלחמה מיט דיא מלאכים, פאר וואס האבען זיי געשיעקט זייערע קינדער אויף דער ערד, און דורך זיי איז געווארען א מבול, איהר פארשטעהט פלענער פון א סימבירניק? גאט ווייסט וואס דערפון האט זיך געקאנט אויסלאזען, נאר השי"ת האט זיי צומישט דאס לשון דא איז גע־ווארען א מהומה, דער בעט א האק, טהוט יענער איהם א ווארף א קעלנע לעהם און טרעפט איהם גלייך אין פנים (דער עולם ווערט צוזעצט פון געלעכטער) אט אויף אזא אופן איז צושלאגען געווארען דער גאנצער פלאן פון דעם ימח שמו'ניק.

נאך דעם אז ער האט א קוק געטאהן אז מען קאן מיט א מאהל ניט מאכען קיין רעשעניע, האט ער זיך מישב געווען גלאט פיהרען דעם עולם אין חדר אריין, מאכען זיי פאר געצען דיענער, און דורך דעם זיי אריין שטופען אין דער בלאטע ביז דער האלדז, און ארויסשטעלען זיי דערנאך א צונג, אזוי וויא דער שטייגער איז געווען פון דיא לצים, איידער דער באהן איז נאך געווא־רען פלעגען זיי קריעגען עפעס א וועגסמאן, פלעגען זיי איהם ארומפיהרען ביז האלבע נאכט, דערנאך אז דער האן האט א קרעה געטאהן פלעגט דער ליץ ארויסלאזען א צונג אויף כמה מייל, פלוצים ניט ווערען, און דער אורח נעבאך פלעגט זיך ארום זעהען אז ער שטעהט גאר אין א בלאטע, נישטא קיין וועג, נישטא קיין שטעג, אט אזוי האט דער סם ארום געפיהרט יענע דורות, ער האט זיי שוין גוט פערשטופט טיעף אין דער בלאטע.

דער אלער תרח איז אויך נאך איהם נאכגעגאנגען, ער האט שוין גיהאל־טען דערביי ארויס צו שטעלען דיא צונג, האט דערוויל א קרעה געטאהן דער האן, מרעפט יודען אדרבה ווער איז דאס געווען דער האן? ווער האט דאס גע־קרייעט, אז דער סם איז דערפון צומישט געווארען? דאס איז אברהם אבינו, א גומער האן, הא? (דער עולם שטיקט זיך פון געלעכטער, עס איז טאקי א גוט ווערטעל), ער האט א קרעה געטאהן מיט א שטארקע שטימע, ער האט אין איין קול געשריען אז אלע געצין זיינען הבל הבלים, אט דא איז דער סם גע־בליבען א ביסעל בע..... ער הא אפילו אבגעטאהן אברהם אבינו א שטיקעל קונץ, פון וואנען שרה האט נעבאך דעם טויט בעקומען ער האט ביי דער עקדה גי־קעהרט דיא וועלט, געפיהרט רכילות, אמאל פון אברהם'מען, אמאל פון יצחק'ן, דא איז ער געלאפען צו שרה'ן, ער איז דאמאלס אומגעלאפען וויא א פערסאמ־טע מויז (דער עולם שמייכעלט אונטער) און שרה נעבאך איז טאקי געשטאר־

בען דורך זיין בשורה רעה מכח דער עקדה, נאר פון דעסטוועגען איז ער געלע־גען אין דער ערד וויא א בארג.

את דא מיט יצחק'ן איז איהם עפעס יא אביסעל אבגעגאלטען ער האט איהם אריין גערוקט א גוטען באנדיט „עשו הרשע“ אבער דערפאר יעקב איז איהם געוועזן וויא א ביין אין האלדז (דער עולם האט שטארק הנאה), נאר וויא עס האט זיך געמאכט אז יעקב האט געמוזט מאכען פליטה אוועק קיין חרן צו בלייבען 20 יאהר ביי דעם גוטען שווינדלער לבן, את דא האט זיך שוין דער סם געשארפט דיא ציין אז ער וועט שוין דורך דעם לבן מאכען חלילה א כליה (ניט דערלעבען וועט ער דאס) אזוי וויא עס שטייט „ולבן בקש לעקור את הכל“ נאר מיט אונזער פאטער יעקב מאכט מען ניט קונקעל מונקעל, ער האט איהם גאר נישט געהערט אפילו אין דער פיאטע, דער סם האט שוין דאמאלס געאר־בייט אויף אלע כלים, געזעהן ארויס פראווען דעם גוטען שווער נאך יאגען זיין איידעם, געשיקט געגען איהם זיין ברודער עשו, אבער דערפון האט זיך אויך אויסגעלאזט גאר נישט מיט גאר נישט.

נא וויא ער האט דערזעהען אז ער בלייבט חוזק קראגאם. איז ער געווארען א מחותן ביי דיא שבטים, געפיהרט רכילות פון יוסף הצדיק צו דיא בריעדער ביז ער האט זיי ארויף געפיהרט פערקויפען איהם פיר א קנעכט און דורך דעם אריין פיהרען אלע אידען אין מצרים, את דארטען האט שוין דער סם געפונען זיין גאנצע חברה, ער האט דארטען אזוי פיעל געשווינדעלט געארבייט, ביז ער האט דיא יודען טאקי אריין געפיהרט טיף אין דער טומאה אריין, זיי זיינען שוין געוועזען דורך געגאנגען מ"ט שערי טומאה, און ווען נאך איין ווייל̇ע ח"ו דיא יודען וואלטען געוועזן זיין אין מצרים, וואלטען מיר ח"ו שוין ניט ניצול געווארען פון זיינע הענד, דער סם איז שוין אין מצרים ארום געגאנגען זעהר תקיף, ער האט געמיינט ער איז שוין פארטיג, נאר א מכה אין דיא זייטען (דער פראסטער עולם האבען הנאה פון אזא אויסדרוק), משה רבינו האט איהם מיט זיין שטעקען אויסגעשלאגען אלע ציין, את דא איז ער קוים פערקראכען ערגיץ און געשוויגען וויא א הונד.

פון דעסטוועגען האט ער' זיך ניט געפוילט און איז נאך געקראכען וויא א חזיר אין דער מדבר, און האט טאקי כמעט אונז גאר אונגליקליך געמאכט, ער האט געוויזען גאר א פלאן צו מאכען אן „עגל“ ער האט געקראגען דארטען א סך חברה לייט וואס האבען דערצו מסכים געוועזן און עס האט איהם אזוי גוט געגאלטען, אז אהרן אליין איז געוועזן דער מאכער דערפון, נאר משה רבינו האט אונז דאמאלס מציל געוועזן פון א כליה ח"ו, את פון דער גאנצער געשיכטע זעהט מען ארויס, וויא וויט דער סם סטארעט זיך אונז צו קוילען, (אזוי לאנג זאל ער ווארטען וויא לאנג ער וועט ניט אויספיהרען).

אחרי הדברים האלה, נאך דעם גאנצען שמועס, וועל איך אייך דערקלעה־

רען דעם פּלאַן פון בדיקת חמץ און בעור חמץ, דער סם איז דער רעכטער חמץ, ער איז דער שאור שבעיסה וואָס איז מעכב דיא גאולה ווען זייט פון יציאת מצרים אָן, וואָלט מען געווען מאַכען דעם בדיקת חמץ, וויא דיא מקובלים האָבען דאָס אויסגעקיגצעלט, וואָלט שוין דער סם לאַנג פאַרלוירען זיין כח, נאָר דער עולם איז נעבאַך פאַרטראָגען, אָט מען קומט אַ היים מע נעהמט אַ לעפעל מיט אַ פענע און א וועקסען ליכטעל, און מע קלייבט אריין עטליכע שטיקלעך ברויט, וואָס מען האָט זיי אַליין אונטערגעלייגט און דאָס איז שוין בדיקת חמץ וועדליג אין פשטות, נו דעריבער איז מען נאָך עד היום פון איהם ניט פטור, מען איז מבער חמץ אַלע יאָהר, וואָס? שטיקלעך ברויט, און וואָס וועט זיין מיט'ן סם? וועניג האָט ער אונז געטאָהן נאָך דער מעשה פון דעם עגל? ער איז דעם ירדן אויך אריבער, געמאַכט אַ „פּסל מיכה“ אויף געשפּיעלט א מעשה (אַזאַ יאָהר זאָל ער האָבען) מיט פּלגש בגבעה, געוואָרען א שטיקעל איינגעהער ביי דוד המלך און האָט דאָרטען אויך געמאַכט אַביסעל צרות, עס איז ניט כדאי צו ריידען, בקיצור ער איז גאָר געוואָרען א שטאַרקער דיפּלאָמאַט, און האָט פאַרפיהרט א פּאָליטישע מחלוקת ירבעם בן נבט מיט שלמה המלך, ביז ירבעם איז גאָר קעניג געוואָרען איבער צעהן שבטים און דאָס האָט איהם געבראַכט צו מאַכען צוויי עגלים.

אָט דאָ האָט איהם אָפּגעגאָלטען, מיט דעם האָט ער יאָ געמאַכט דיא יודען אונגליקליך, דיא צעהן שבטים מיט דיא 2 שבטים האָבען זיך שטענדיג געקריגט ביז עס האָט זיך אויסגעלאָזט א טייך פון ביידע, דאָס בית המקדש איז פאַרברענט געוואָרען, דיא יודען זיינען פערטריעבען געוואָרען אין בבל, נאָ ווען אפילו מיר האָבען זיך דערנאָך עפּעס וויא עס איז יאָ צוגעשלאָגען צו א שטיקעל ממשלה, געמאַכט ווייטער אַ בית המקדש, נאָר עס איז שוין ניט געווען דאָס, דער סם האָט געפּראַוועט זיינע שטיק, געמאַכט ביי אונז צדוקים, מינים ואפּיקורסים, געפיהרט שנאת חנם צווישען קמצא ובר קמצא, ביז דאָס צווייטע ביהמ״ק איז אויך חרב געוואָרען, און מיר זיינען פערטריעבען געוואָרען אין אַלע עקען פון דער וועלט, איך האָב פיינד צו זאָגען, דערווייל איז ער תקיף.

דער הויפּט חסרון איז, וואָס מע נעהמט זיך ניט צו איהם, איינער איז געווען וואָס ער האָט זיך יאָ גענומען צו איהם אפילו גאַנץ שטאַרק מיט אַלע כלים, ר' יוסף דילה ריינש, ער זכרונו לברכה האָט גאָר געמאַכט א נסיעה צו איהם אַזש אונטער דיא הרי חושך, ער ז״ל איז צו איהם ניט געקומען וויא א נאַר און אַ שלימעזאַלניק, ער האָט געוואוסט מיט וועמען ער האָט צו טאָהן, דער כלל ער ז״ל איז צו איהם טאַקי געקומען וויא א העלד, פאַרשיעדענע מיטלען האָט ער מיט זיך מיטגענומען, דורך דעם צו בעזיגען פריהער דעם שוואַרצען הונד 1).

1) טרעפט איהר יודען מיט וואָס איז ער געגאַנגען צו איהם? נישט קשה

נאָר וואָס איז דיא פעולה ? אז ער ז"ל האָט זיך צום סוף בענאַרישט, מן הסתם איז נאָך ניט בעשערט געוועזן פון זיין ליעבען נאָמען, איהר פאַרשטעהט א מעשה ? אז ער האָט איהם שוין גענומען אין פלען, נאָ האָט ער בעדאַרפט אויף איהם גאָר רחמנות האָבען ? מיר דאַכט אז ער וואָלט זיך אפילו אויסגעצויגען וואָלט איך איהם געהערט טאַקי וויא דעם הונד, נאָ ער ז"ל איז אָבער געוועזן. א ווייכער מענש, און דער סם דער שווינדלער האָט פאַר איהם געקלאָגט און געוויינט, וואָס איז ? ער וויל אז ער זאָל איהם געבען א שמעק צו טאָהן אַביסעל וואַריך. עס איז איהם טאַקי געוועזן ניט גוט, נאָר וואָס האַרט דאָס דיר ? ווען איך וואָלט געוועזן דערביי וואָלט איך בעסער געטאָהן, איך וואָלט איהם א שמעק געגעבען אַן אַנדער זאַך, אָט דאָ וואָלט ער נחת געהאַט, נאָר וואָס רעדט מען ? ער ז"ל האָט איהם טאַקי א שמעק געגעבען דעם וואַריך, נאָ נאָ, וויא מיינט איהר ? ער האָט זיך אַביסעל אויף איהם אַרויפגעחאַפט, און די שפיעל איז געוואָרען פאַרן טייפעל, און דער סם איז געבליעבען ביי זיין שליטה 1).—

שרעקט זיך ניט, ער האָט זיך גוט בעוואָרענט, ער ז"ל האָט אָנגעטאָהן אויפן האַרצען צוויי מויער קעפּלעך פרישע פון צפת, פון בעסטען סאָרט, אויף אַלע פינגער פינגערלעך פון לולב, אויף איין פוס א חליצה שיכעל, אויפן קאָפ דיא יום כפור'דיגע יאַרמולקע, אויפן גוף א קיטעל דורך אוים מיט געלע פלאַמעס פון דיא ארבע כוסות, און דיא אויערן פאַרשטעקט פון דיא געשטעפּטע פלודערן פון דעם אַלטען צדיק, אין האַנד האָט ער געהאַלטען דעם מלכה קאַנטשעק פון בית הכנסת הגדול, אונטערן גאַרטעל איז געוועזן פאַרשטעקט אַ שופר א שוואַרצער א ביסעל פאַרדרעהט פון א באַראַן פון צפת, הלואי זאָל מען ניט בעדאַרפען אין דיא קעשענעס האָט ער פאַרפאַקט שטערין שוסליך, קראַמפּף פינגערלעך, ראַקעווי אייגלעך,וואָלף ציינדליך, ציגענע באָבקעס, קרעלען פון א הינדיק, א נאָדעל טעשיל מיט פראַטערס, א פוסטע שלעסיל, נויט שוויים פון א ב"ד שמש, אַביסעל האָר פון א פאָטיליצע און דווקא פון א גרוש, אַ שטיקעל ריקען פון א אַמסטערדאַמער של"ה, א עק פון א משוגען קעלביל, שתי שערות פון א טוקערקע אַ בלינדע אויף איין אויג, א שטריקעל פון א ערוב, האַ ? וואָס זאָגט איהר ? ער ז"ל איז טאַקי ניט געגאַנגען וויא אַ שלימעזאַלניק, ער האָט טאַקי רעכט געווהר מיטגענומען.

1) חאָטש איך בין אַ שטאַרקער מתנגד, פון דעסטוועגען האָב איך ליעב צו זאָגען אַן אמת, אַז דיא חסידישע צדיקים טוהן פאָרט מכח דעם סם, זיי זוכען פאָרט עצות און תחבולות איהם שוואַך צו מאַכען, און פון איהם גאָר פטור צו ווערען, הגם עס האָט נאָך ביז יעצט קיינעם ניט מצליח געוועזן דער פלאַן, ולהיפך, דער סם ימח שמו ווערט נאָך אַלע מאָהל שטאַרקער און פעסטער, נאָר מע קאָן זיי אויך ניט בעשולדיגען זייער כוונה איז דאָך גוט, איינער

על כן ברידער! איז דיא בעסטע עצה, מען זאל נאר חאטש דערוויל איהם אנטהאן צרות, מיט'ן בדיקת חמץ און בעור חמץ, עס איז אפילו דא אין דעם א סך צו ריידען, נאר עס איז שוין שפעט, מען דארף שוין באלד בודק חמץ זיין, עס איז שוין צייט דאווענען מעריב — דערמיט האט דער מגיד געענדיגט דיא דרשה, דער עולם האט טאקי באלד אבגעדאווענט, אהיים, אהיים, געשווינד, דער גאנצער עולם. —

מיט גרויס חשק און פול נקמה האט דער עולם זיך געוואלט א נעהם טהאן אין בדיקת חמץ מכוח דעם סם, אויף צרות האט דער מגיד ניט געזאגט וואס מען קען דעם סם טהאן, ער האט נאר גלאט געדולט א קאפ, אז דיא מקובלים שושקען זיך שטארק אז מיט בדיקת חמץ קען מען איהם פערוקען א גוטע קאנע, נו,וויא רוקט מען איהם? אדרבה, פאר וואס האט דער מגיד ניט געוויזען דעם עולם דאס ערשטע מאל ווי מען טוט? חלעבען דער עולם וואלט זיך אוודאי ניט געפוילט און וואלטען איהם פאררוקט איזי טיעף אז דער שווארצער יאהר וואלט איהם גענומען, נאר וואס מאכט מען אז מען ווייסט ניט קיין שום פלאן, דערי־

א געוויסער צדיק אין מיינע צייטען האט זיך צו איהם גענומען גאר מיט אלע כלים, דער פלאן איז אפילו געווען זעהר א גוטער און א געשמאקער,ער האט זיך מישב געווען צו גיין מיט א פרישען דרך, עס הייסט: אלעס זיך צו שמייכלען צום סם מאכען מיט איהם כלומרשט איין האנד, שלאגין מיט איהם בלאט, ווייזען שטארקע הפקרות, און אז עס וועט שוין האלטען גאר ביי דעם שפיץ, אט דא וועט ער איהם אנפייפען, און פון דעם וועט דער גאנצער כח הטומאה נישטאזשניט ווערען, און עס וועט ווערען ליכטיג אין דער גאנצער פמליא של מעלה אט אויף דעם אופן האט איהם דער סם פארגעגעבען א פלאן זיך מטמא צו זיין מיט דעם חטא פון אשת איש ר"ל, דער צדיק איז דערצו מרוצה געווארען, און האט זיך טאקי משתדל געווען וויא ער זאל קומען צו אזא נסיון, ער האט זיך מפורסם געמאכט פאר א בעל מופת, פיל וייבער האבען איהם גערופען צו זיך אהיים העלפען זייערע קראנקע קינדער, אט דא האט ער געקראגען א מקום צי טאהן להכעיס דעם סם, צו ווייזען איהם אז ער האט שוין געקאנט ממלא זיין זיינע תאוות, און ער וועט זיך מתגבר זיין, און דורך דעם געבען א כח אין דער קדושה, נאר ער איז אבער צופיעל געקראכען אין סכנה, דער סם דער צייגיינער האט איהם טאקי גוט פערפיהרט טיעף אין בלאטע, ער איז טאקי נעבאך נכשל געווארען אין כמה הטאים, א סך וויבער זיינען גע־גט געווארען איבער דעם צדיק, דיא מעשה האט זיך געטראפען אין דער שטאדט פ', אין דער גר־בערניע מ', דיא זאך איז דאמאלס געווען מפורסם אין דיא צייטונגען.

נאך פיעל צדיקים גאר פון דיא מפורסמים ביי דער יעצטיגער צייט ארביימען ממש מעשים מכח דעם, זיי געהן אויך מיט דעם גאנג, נאר ניט אויף אזא שרעקליכען אופן וויא דער צדיק פון פ', זיי גיבען נאר א ביסעל נאך דעם

בער האָט מען דערווייל בודק חמץ געווען נאָך דער אַלטער מעטהאָדע.

יעדער שכן האָט זיך אָנגעצונדען אַ סטאַטשיק, וואָס דער קנויט איז פון גאָרען פון פעלד מעסטען, אנידער געלייגט אויף אַלע פענסטער צו שטיקלעך ברויט, אַ טהייל זיינען מדקדק עס זאָל זיין 10 שטיקלעך ברויט, גענומען אַ הילצערנעם לעפעל (אַ טריפה'נעם פון אַ שאלה) מיט עטליכע פעדערען, און אַ טיכעל מיט אַ פאָדעם, געמאַכט אַ ברכה „על בדיקת חמץ“ און האָט תיכף אָנגעהויבען צו זוכען דעם חמץ, אַלע קינדער לויפען נאָך דיא רעוויזאָרן, ביי זיי וויזט דאָס אויס עפּעס וויא אַ שפּילעכעל פון „שלעפּע באַבע“ פון אַלע זייטען געהט קולות „טאַטע! קום אהער“, אָט דאָ האָט מען דאָך אויך געלייגט אַ שטיקעל ברויט? אַלע קינדער אין איין געלעכטער „טאַטע גענוג שוין זוכען“ אויף דיא פענסטער איז שוין מעהר נישטאָ, דוא ווייסט ניט אַ פּנים, אַז עס ליגט אַלעס אין דער רעשעטע? די מיזיסעטקענע בולקעס וועסטו אויך צונעהמען? האַ? וויא וועסטו זיי אריינלייגען אין דעם לעפעל? זעה טאַטע נעהם זיי ניט, איך וויל עסען, דיא מאַמע זאָגט דאָך אַז מאָרגען וועט מען דאָס עסען מיט

סם, פיהרען זיך אין כמה ענינים גאָר אייראָפּייאיש כדי דער סם זאָל זיין גענאַרט, און זאָל זיך ניט שטאַרק היטען פון זיי און זאָל זיך ניט סטאַרען מיט זייגע תחבולות אַראָפּ פיהרען זיי ח"ו גאָר פון דרך הישר, און אריין ברייגגען זיי גאָר אין דער כפירה ר"ל—מע האָט דאָך שוין געזעהען דיא פּראַקטיק נעבאַך פון דעם „בער“ וויא ער האָט יאָ געוואָלט גליקליך מאַכען דעם גאַנצען כלל ישראל, און האָט זיך מיט דיא ציין גענומען צום סם ער זאָל נאָר איהם דערגעהן דעם עק, נאָ האָט מען דאָך געזעהען דעם סוף וואָס דער סם האָט איהם אָבגעטאָהן, ער איז שוין כמעט געווען אויף יענער זייט בענקעל.... מיט גרויס מיהע און מאַטערניש האָבען אַלע צדיקים ארויס געריסען דעם בער פונ'ם סם, ווי ביי א הונד פון דיא ציין, באמת זיינען דיא פלאַנען אויך אפילו קאַלטע רפואות, דער סם איז קליגער פון זיי, דערווייל דאָס וואָס זיי גיבען איהם נעהמט ער צו, און פון דעסטוועגן היט ער זיך גאַנץ שטאַרק און מען קאָן מיט איהם גאָר נישט מאַכען, נאָר וויא דיא מעשה איז, טהוען זיי דאָך עפּעס, מען זעהט חאָטש אַז מען טראַכט וועגען איהם, מען ריזיקירט זיך צו טהאָן אָפט מאָל אַ רעכטע עבירה, אַבי איהם חאַפּען ביי דער טשאָפּראָנע.

אָבער אונזערע גדולים ווילען גאָר מיט איהם קיין שום עסקים מאַכען, הגם זיי גיבען ניט קיין כוח דער סטרא אחרא, אָבער זיי גיבען ניט קיין כוח אין דער קדושה אויך, מחמת זיי ווילען זיך ניט ברייגג'ן לידי נסיון... אי עס שטייט דאָך „במקום שבעלי תשובה עומדים, אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד“ און נאָר דיא בעלי תשובה קאָנען דעם סם מעביר זיין פון זיין ממשלה, נאָר א ליטוואַק אָבער האָט זיך פיינד ריזיקירען, דערווייל וויא דיא מעשה איז דער סם בושעוועט און ער איז תקיף, ה' ירחם! —

מילך? דער טאַטע בייזערט זיך אָן מיט שטום לשון, ער טאָר ניט מפסיק זיין, און אין אמת שמייכעלט ער אונטער די וואָנצען, ער פאַרשטעהט אויך אַ ביסעל אַז ער מאַכט זיך גוט נאַריש, אַלע ווייבער טרייבען אָב די קינדער כלומרשט מיט כעס און אין גרונד חאַפּט זיי אויך אָן אַ געלעכטער.

נו, ב״ה דאָס אויך געפּאַטערט, דער לעפעל אין זיין פאַלנעם קאָסטיום ליגט שוין אויפ'ן הענגלייכטער, נו, וואָס טהוט מען ווייטער? מען האָט געבראַכט די סטופּע און מען נעהמט זיך שטויסען מצה מעהל למזל, ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט מען פערבראַכט מיט דעם שטויסען די מצה, און זאַלץ אויך, עס גליסט זיך שוין דעם עולם אפילו שטאַרק עסען, מען האָט אַ גאַנצען טאָג אין מויל ניט געהאַט, נאָר ווער? ווען? עס איז אפילו קיין שטיקעל ברויט אויך נישטאָ, נו ווייטער שלאָפען אויף דער ערד שוין די לעצטע נאַכט, מען וועט שוין פטור ווערען פון די עופות אויך, עס איז שוין גרינגער אויפ'ן הארצען, עס נעהמט אפילו קיין שלאָף ניט, נאָר וואָס טהוט מען? אָט ליגט מען און מען דרעהט זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער זייט, אַבי איבערשטופּען די נאַכט, און זיך צוחאַפּען צו די כל המירה'ניקעס. —

.11

ערב פסח למזל טוב.

כמעט האור השחר, עס איז נאָך ניט ליכטיג געוואָרן, איז שוין דער עולם אויפגעשטאַנען, תיכף ומיד אָבגעדאַווענט דעם ערשטען מנין, געחאַפּט נאָך אין בית המדרש אַ גוטען שנאַפּס, ביי אַ סיום פון אַ בכור, געגאַנגען געשווינד אַהיים אָבגעגעסען די מיזיסעטקענע בולקעס, מיט אַ האַלבע גלאָז מילך, (אַ גאַנצע גלאָז מילך טאָר מען זיך ניט פערגינען, עס קאָסט דאָך אַ גראָשען אַ גלאָז). איך האָב פיינד צו זאָגען אַ בילקע אפילו אַ גרויסע, די קינדער האָבען דאָס נעבאַך ניט געקאָנט אויפעסען אין גאַנצען, די ווייבער זיינען דעמאָלט געווען אַ ביסעל אויפגעראַמט, און האָבען איינגערעדט די מאַנען זיי זאָלען עסען נאָך אַ בילקע „עס, עס, דאָס איז דאָך שוין ביז נאַכט", האָט זיא איהם געזאָגט, אין דעם אָרט אַשטייגער וויא זיא האָט אויף איהם רחמנות, און זשאַלעוועט איהם ניט די בילקעס, וואָס מען וועט זיי באַלד גאָר מוזען אַרויסוואַרפען פאַר די הינד, „אין אמת", האָט ער געענטפערט, קאָן איך נאָך ניט עסען, מען איז ניט געוואָהנט צו עסען אַזוי פריה, אָט שפּעטער וואָלט גאָר קיין עולה ניט געווען צו קאָכען אין פסח'דיגען אַביסעל קאַרטאָפעל, „זעה, זעה! אַ טרפה האַלז, ער האָט נאָך ניט פאַספּייעט אויפפרעסען, און פערזאָרגט שוין אויף שפּעטער, זיין גאַנץ עסק איז נאָר די אכילה, נאַ דיר אַ נאַטור אַ ביסעל! —

תיכף נאָכ'ן עסען, האָבען זיך די מענער גענומען מאַכען (רשימות) צעטלען פון זייער חמץ, איבער געבען דעם בעל הבית מיט אַ קבלת קנין כדין וכדת, ער זאָל דאָס פערקויפען ביים רב, יעדערער שרייבט זיין רשימה, טרעפט וואָס?

אַדרבה, קוקט זיך צו, וואָס ער שרייבט דאָ? וועדליג מיר ווייסען דאַכט זיך, אַז עס איז גאָר גיטאָ וואָס צו שרייבען און וואָס צו פערקויפען, קיין ברויט, קיין מעהל, קיין גערשטענע גרויפּען, נו, וואָס דען דרייט ער אַ מוח? וואָס איז ער דאָ אַזאַ שטאַרקער מוכר פון חמץ, און מאַכט נאָך דעם בעל הבית פאַר אַ קאָמיסיאָנער מיט אַ קבלת קנין? ניין, ער האָט פאַרט חמץ, ער מוז דאָס פאַרקויפען, וואָס פאַרט? ער האָט אַ מולטער, אַ לאָקשען ברעט, איין אַלט פעסעל, און דעסטגלייכען! אָט דאָס איז דיא גאַנצע רשימה, עיקר שכחתי דעם טאָפּ פון'ם קרופּניק, חלעבען אַ רעכט געשעפט, וואָס זאָגט איהר דערצו? בקיצור דער בעל הבית האָט איבערגענומען דיא קאָמיסיאָן, ער האָט זיך אָנגענומען מיט געלד וויא גרויס ער איז ביי יעדען שכן אַ קאָפּיקע, און איז געגאַנגען צום רב ענדיגען דיא מכירה.

ביי דעם רב אין שטוב, איז פול און פול פון מוכרי חמץ, אַזוי וויא אויף דער בירזשע, דער רב מיט דיא דיינים זיצען אַרום אַ לאַנגען טיש, און מען נעהמט צו דיא צעטלען, און מען איז מיט יעדערען מקבל קנין, דער רב פון זיינער זייט איז זעהר ספּראַווגע אין'ם געשעפט, ער האָט שוין מיט'ן באָד גוי געעקט, און זיך צושריעבען, געמאַכט אַ פאָרמאַלנע קאָנטראַקט און בעוואָרענט אַלעס וויא אַ מענש, וויא איין אַלטער סוחר, געהאַפּט בייא איהם אַ רעכטען אדרויף ניט וועניגער פון 30 קאָפּיקעס, אַ שפּאַס אַזוי פיעל סחורה, חמץ פון אַ גאַנצער שטאָדט? עס טרעפט עפּעס אָן טאַקי אַרעכטע סומע, מוז מען לכל הפּחות האָבען האָטשי אַ פעסטען אדרויף, ער זאָל טאַקי באַלד נאָך פּסח געבען געלד,און צונעהמען דיא סחורה, נאָר אין אמת, האָט דאָס נאָך ניט געטראָפען אַז דער באָד גוי זאָל אויסהאַלטען דעם קאָנטראַקט, ער איז אַ פּנים תמיד אין דער צייט שרעקליך פאַרענגט אין געלד, און ווידער איז ער גלאַט קיין שטאַרקער געשעפטסמאַן, ער האָט גאָר ליעב אַ ביסעל דעם טרונק, נו, אַז עס קומט נאָך פּסח, און דער ליעבער קויפמאַן ברויכט טאַקי מסלק זיין איינעגע טויזענד רובעל און צונעהמען דיא אַלע מולטערס, לאָקשענברעטער, און דאָס גלייכען און קרעדיט האָט ער ניט דאָ אפילו אויף איין גראָשען, מילא איז ניט דאָ קיין אַנדערע עצה, נאָר אַרויסלאָזען איהם פון געשעפט, מען מאַכט דאָס מיט איהם זעהר לייכט, וויל דער בית דין שמש איז ביי איהם אַ גרויסער תקיף, גוט בעקאַנט פון איינעגע יאָהרען, ער קאָן שוין זיין כאַראַקטער, ער ווייסט מיט וואָס מען קאָן איהם נעהמען, מאַכט ער מיט איהם איינעגע גוטע שנאַפּסען, און ווייזט איהם אַ פּלאַן, אַזוי וויא ער איז שרעקליך געדריקט יעצט אין מזומן, דיא בענק פון באָד געבען שוין אויך ניט קיין קרעדיט, לכן איז פאַר איהם דער בעסטער פּלאַן צו זיין רוהיג אין אַזאַ צייט, ניט צו האַנדלען, און בעסער זיך צוזעהען מיט דעם מזומנעם רובעל דעם אַדרויף (אייגענטליך איז דער אדרויף אויך ניט זיינער, דער ב"ד שמש האָט איהם געגעבען במתנה גמורה ער זאָל זיך האָבען מיט וואָס צו קערעווען) און נאָך מיט אַ רובעל אָבטרעט געלד, דער באָד

גוי חאפט א שווייג, און חאפט ארויס דיא צווייא רובעל, און טרינקט בראנפען אויף וואס דיא וועלט שטעהט, אין אמת איז דער באד גוי א סך קליגער פון'ם ב"ד שמש, דען דער גוי האט נאך פאר פסח געוואוסט אז עס וועט זיך אזוי אויסלאזען גאר וואס ארט דאס איהם, אז ער האט זיך אביסעל נאריש גע־מאכט, אט האט ער געמאכט עטליכע גוטע שנאפסען און געקריעגען צוויי רוב'ל מזומן אויך, א שלעכטער עסק, הא ? —

בקיצור, ביי דעם רב קאכט אין שטוב, אויף און אב מענשען, מען טרייבט דאס געשעפט גאר אויף א גרויסען אופן, א פושקע שטעהט אויפ'ן טיש, יע־דערער נאך דער מכירה ווארפט אריין דיא עטליכע קאפיקעס,— אין מיטען איז שוין דא ווייבער און מיידלאך, דיא מיט א הינדיג, דיא מיט א הינדיטשקע, אנדערע מיט הענער, אייניגע גאר מיט קאטשקעס, וואס איז ? א שאלה ! דער דין וואס זיין קאפ ליגט אצינד גאר אין דער פושקע, נעהמט צו ביי א אידענע איהר הינדיטשקע (וואס זיא האט נעבאך פון איהר געליטען 4 קיילעכדיגע וואָ־כען, וועניג איז זיא פון איהר זיך אויסגעשטאנען ? וועניג בלוט האט זיא פון איהר אויסגעטרונקען) און קוקט גאר ניט אויף דער אידענע וואס זיא שטעהט נעבאך בלאס וויא דער קאלך, און מאכט דאס גאר קאלטבלוטיג טרפה, אלע ווייבער גיבען נעבאך אב זייער בלוט אט דעם צוטראגענעם דין, וואס פסק'עט וויא עס פאלט איהם אריין אין מויל, דער דין האט דעמאלט אנגעטהאן גענוג צרות, א שטאדט מענשען מיט צובראכענע הערצער, איז מען גלייך געלאפען אין יאטקע נאך פלייש, א קלאג ! א געשריי ! 20 קאפיקעס א פונט סטערווע, גאלע ביינער, דיא קצבים זיינען שכור, שעלטען און זידלען דיא שוחטים מיט דעם בעל טאקסע אין טאטענס טאטען אריין, דיא בעסטע אקסען זיינען טרפה געווארען, געוואלד ! מען דארף בדלות ווערען, דיא ווייבער פארשעלטען זיך דאס געביין, וואס עסט מען דא ? וואס וועל איך דא האבען פון דיא דריי פונ־טעלאך פלייש ? קיין וואג איז ב"ה אויך נישטא, מאגערע וויא פאדלע, אט אזעלכע זמירות האט מען געהערט זינגענדיג אין יאטקע. —

איהר ווייסט ליעבע לעזער ! איך האב איך מורא איבערצושרעקען מיט א בשורה רעה ר"ל, ביי אונזער זאגערקע נעבאך, איז אויך טרפה געווארען דיא הינדיטשקע, איהר פארשטעהט איין אונגליק ? זיא וועט דארפען קויפען פרעמד שמאלץ, איך וויים ניט וויא אזוי זיא וועט דאס אויסהאלטען, געוואלד ! ניטצען שמאלץ פון אזא הינדיטשקע וואס האט ניט געפראוועט קיין נקיות ביי איהר אויף דעם אויבערבעט ? מילא א כפרה דיא הינדיטשקע, פאר איהר מיט איהר מאן און דיא קינדערלעך, נאר מיט דעם שמאלץ איז טאקי א הארץ ווייטאג, איבער אלעמען איז נאך דיא הינדיטשקע געוועזן אזא געראטענע, וועדליג דיא זאגערין בעריהמט זיך איז דאס גאר געווארען פון א בייז אויג, זיא ווייסט אפילו פון וועמען, זיא איז גראדע אריינגעקומען בשעת דעם פליקען.

בקיצור, דיא ווייבער זיינען נעבאך שטארק צורודערט, עס איז טאקי ממש

ניט דא וואס צו קאכען, פיש איז בלוט יקרות, פלייש קדח ת מיינע שונאים, שמאלץ נימער ערגער. — אין מיטען זיינען געקומען דיא מענער פון מרחץ, רויטלעך אויפ'ן פנים, דיא קעפלעך אפגעגאלט, דער אונטערשטער האלבער קאפ, מיט סימנים פון באנקעס און דווקא געהאקטע, עס גיט צו חן, וויא עס ווייזט אוים האבען זיי א פנים גאר ניט געוואוסט פון דעם אונגליק, דיא ווייבער האבען נאר געווארט אויף אסלוטשאי, אז מען זאל זיך עפעס נאר מיט זיי זאטשעפען, אט דא וועלען זיי שוין אויסלאזען אלע בייזע חלומות אויף זייערע קעפ, דיא מענער האבען זיך עפעס דערוואוסט, און האבען דאס פערשטאנען זעהר גוט, זיי האבען זיך גענומען ארויסווארפען דאס היי פון'ם שטוב, גוט אויסגעקערט, אריינגעטראגען דיא בעטען, מיט פרישען היי, דיא טישען און דיא בענק, עס פינקעלט אין אלע ווינקעלאך, דיא פסח'דיגע כלים אריינגעטראגען מיט איין ווארט, עס וואלט אין אמת געווען גאר א מחיה, ווען עס וואלט זיך ניט געטראפען דיא מעשה מיט דיא הינדעטשקעס, וואס טהוט מען אבער? עס איז ניט בעשערט קיין מנוחה, יעדער שכן האט גענומען מיט זיך זיינע עלטערע צווי אינגלעך מיט דריי פלעשלעך, און מארש נאך משקה ארבע כוסות. —

ליעבע לעזער! לייגט צו דעם מוח, און הערט דיא השגה פון א ליטוואק אין משקה.—פאר זיך זעלבסט האט ער גענומען א גאנצע קווארט ווייז געמישט שטארקען מיט זיסען, אויף 15 קאפיקעס א קווארט, הוילע זיסע א קווארט פאר דער ווייב במקח 10 קאפיקעס, איין קווארט מעד אויף 7 און א האלב קאפיקע פאר דיא קינדערלאך, נו געמאכט דיא פאקופקע, דאכט זיך ניט שלעכט? אלעס מיט שכל, מיט טאלק, געקומען מיט דעם טראנספארט אהיים, אריין אין שטוב מיט דיא פלעשלאך בשלום, — דאס ווייב שטעהט ביים אויוועז שווארץ וויא דיא סאזשע, דער שלייער אן א זייט, דיא סמאהע אויף דיא ליפען, דיא נאז בעט זיך אויסשנייצען, נאר עס איז נישטא קיין צייט, זיא לייגט דאס אב צום סדר, קללות ליגט אין זאפאס אונטער דיא ליפען נאר וואס זיי שיטען זיך ניט אוים.—

דער מאן האט זיך געוואלט אביסעל צושמייכלען צו דער יפת תואר, מחמת ער האט געוואוסט אז דא איז געשפיעלט מיט דער נשמה, דא געהט שוין אין נפשות, דארום האט ער גענומען א ביסעל וויין אין א כוס, און איז פארגעקומען דער פרינצעסין מיט דיא ווערטער: „פארזוך נאר א ביסעל וויין, איך האב דעם וויין גענומען טאקי נאר פאר דיר לחלוטין, דאס איז גאלע זיסער, אפשר געפעלט ער דיר ניט? האב איך נאך צייט איבערצובייטען, איך האב מיט דעם שענקער אזוי אויסגערעדט", „טשעפע זיך אב פון מיר", האט זיא איהם געענט־פערט מיט א חן, עס איז מיר שוין זים ב"ה אהן דעם ווייי טאקי פאר מיר דארפסטו אנגרייטען כוסות, איך וואלט זיך דאכט מיר קאנען אריין האפען אין בעט, וואלט איך מיך בעסער אביסעל אויסגערוהט, ניט זינדיגען זאל מען מיט דיא רייד, מען האפט פסח! פסח! לסוף וועט מען קיין כוח ניט האבען אפילו

צו עסען, אין אמת. געשמועסט, עס איז ב"ה ניט דא וואס צו עסען, נאר פון הונגער וועט מען ניט שטארבען, קיין פיש קאך איך ניט אויף ביי נאכט, בעסער אויף מארגען, וואס זאגסט דו? קניידלאך? וואלט איך אפילו געמאכט. עס איז אבער דערוויילי גאר קיין שמאלץ נישטא, ב"ה געהארעוועט אויפ'ן שווארץ יאהר 4 וואכען, מען טהאר ניט זינדיגען מיט דיא רייד, נאר אויף מאר־גען האט מען מיר צוגעזאגט אקוואטירעל שמאלץ, איך קלעהר חאטשי אריין טאהן עטליכע קארטאפעל אין יויך, וואס דען? גאר גאלע וואסער? פון דעם שטיקעל גאוויאדינע קאן עפעס א טעם האבען? פאסאליעס טאר מען ניט, קאכט מען אב פאר יעדערען איין איי, איז דאס אויך א שטיקעל פאדפארע, כ'איז דאך פסח! איבער אלעמען איז אייער אויך א יקרות גדול, אזוי חלעבען פאר דיר האב איך מורא וועל איך מוזען אבקאכען א גאנץ איי, וואס דען? וואס וועסטו עסען? דאס ביסעל יושקע, גאט זאל מיך ניט שטראפען פאר דיא רייד, „נו, מיין ווייב", האט א זאג געטהאן דער מאן האלטענדיג דעם כוס, אז ער האט פערשטאנען נאך דיא רייד אז זיא איז אצינד אביסעל וויכער. „נו, נעהם פארט א ביסעל וויין, אט דערקוויק זיך, טהו מיר אויך צוליעב, וואס קאן דאס שאדען?"

בקיצור, דיא יפיפיה האט גענומען א ביסעל וויין און האט זיך בעלעקט, און דערוויילי האט ער אריין געווארפען א פאר ווערטער. אפשר איז א סברא אבקא־כען אביסעל קארטאפעל? ביז נאכט איז נאך א היבשע צייט, עס קלעמט זעהר דאס הארץ, נו נאך דעם ביסעל וויין האט זיא שוין ניט געקענט אזוי פיעל מעיז פנים זיין אונהאטצוגעשטעלט א טעפעל קארטאפעל.

דער מאן, האט דערוויילי אלעס מכין געווען וואס מען בעדארף צום סדר, אנגעריבען חריין, געמאכט חרוסת, אויסגעביטען 6 מצות אויף שמורה, אנגע־גרייט דיא הגדות, איינגעמאכט ציצית אין דיא נייע ארבע כנפותען, דערווייל איז דיא קארטאפליעס פארטיג געווארען, מען האט זיך טאקע ממש מחיה גע־ווען, ווער עס האט ניט געזעהען דיא שמחה פון דיא מענשען בשעת עסען דיא קארטאפליעס, האט קיין שמחה ניט געזעהען אין זיין לעבען.

עס איז שוין געווען קרוב צו מנחה, מען האט געלייגט א ווייס טישטוך אויפ'ן לאנגען טיש, ארויף געשטעלט א סך שבת'ניקעס אויסגעפוצט (מחמת אלע שכנים וועלען אבריכטען דעם סדר אין איינעם) אויסגעבעט יעדערען זיין הסיבה מיט קלארע קישענס, אויפן טיש אויסגעשטעלט פיל כוסות, מיט פלעש־לעך וויין, דער כלל איז עס בלישטשעט אין אלע זייטען, דער עולם האט זיך אנגעטהאן נייע העמדער, און ניי פלודערען, מיט נייע לייבצודאקעס, נייע שיך און זאקען, אויך יארמולקעס שפאגעל נייע, און מען האט געמאכט פיס אין דיא בתי מדרשים. דארטען איז אויך זעהר קלאהר און ווייס, אלע חענגלייכטער בלישצען. דיא טישען אבגעהובלעוועט, עס איז נחת וואו מען קעהרט זיך, אין דער היים האבען זיך דיא ווייבער אויך ארום געוואשען, אויסגעשלעיירט, אויס־

געפוצט, גענומען דאס יום כפור'דיגע טיבעלע אויפ'ן קאפ, טאקי וויא א מלכה, געבענשט ליכט, עס איז רוהיג, ליכטיג, און ציכטיג, אלע צופריעדען, אבי ב"ה שוין איבערגעקומען! —

.12

דער ערשטער סדר.

אלע מאנסבילען זיינען אהיים געקומען פון'ם בית המדרש. „גוט יום טוב, גוט יום טוב!" אלע זיינען פרעהלאך, חלעבען, עס איז דאך עפעס פארט געווארען א נייע וועלט, עס איז אין שטוב א טיש, א באנק, א בעט, ריין, פיין, מען האט דאך פארט עפעס געקאכט, א יסעל וויין איז אויך דא ב"ה, טאקי מעשה פירשט אלע קינדער אין נייע יארמולקעס, נייע העמדלאך און שיכלאך, אין שטוב איז ליכטיג ווייס און זויבער, דיא בעל הבית'טע האט שוין ב"ה דיא נאז אויך אויסגעשנייצט גאר מעשה מלכה, וואס קאן מען מעהרער פערלאנגען?—

בקיצור, מען הויבט זיך אן מכין זיין צום סדר, זאלץ וואסער, עפעס אויף א ברכה פרי אדמה, און אלעס וואס נאר נייטיג איז, — אלע מענער האבען זיך אנגעטהאן אין דיא קיטלען, דיא קינדערלאך האבען דאס דערזעהען האבען זיי א געשריי געטהאן, טאטע! טאטע! דוא ווילסט אויך זיפען מעהל? דאס זעקעל איז דאך שוין נישטא? (אלע לאכען מיט גרויס געלעכטער), זיי האבען זיך ארום געבונדען אויף דיא קיטלען מיט שלייערס, און אין בוזעם אריין געטהאן די פושקע טאבאק, א נאז טיבעל, און מען האט זיך איינגעפונדעוועט יעדערער אויף זיין ארט, איינגעזעצט זיך זעהר פעסט, דער וועכטער נעבאך האט זיך אויך געמאכט א שטיקעל הסיבה, אוודאי ניט מעשה שכן, נאר עפעס מוז ער דאך אויך מאכען, מען דארף דאך בעהאלטען דעם אפיקומן אונטערען קישען? —

נו, אלע זיצען שוין אין ארדנונג, דיא מצות זיינען שוין איבערגעלייגט אין דריי פאכען אין א קלאהר האנדטיכעל, כדי מען זאל זיך טרעפען צו יעדער מצה, מען זאל ח"ו קיין טעות ניט האבען, מחמת עס טרעפט אמאל, הלוואי זאל זיך ניט אזוי טרעפען וויא עס טרעפט, אז נאך כורך אז מען טרייסעלט שוין אויס דעם האנדטוך פאלט ארויס גאר א גאנצע מצה, דערום האט מען דאס אלעס גוט בעווארענט, אז דער שטן זאל דא גאר קיין שום שליטה ניט האבען, דעם האנדטוך מיט דיא דריי מצות האט מען ארויפגעלייגט אויף א גרויסען טעלער, אויף דיא מצות פון אויבען ארויף געשטעלט א שאל מיט אלע פריפאסען, איין איי, א זרוע, שטיקלעך ציבעלע און קארטאפעל, חריין צוריבענע, און אויך אויבערשטע קעפלעך פון חריין, און דיא חרוסת, דאס אלעס איז אויסגעלייגט מיט א פלאן נאך דער ארכיטעקטורע פון דיא פוסקים, איהר שפיעלט זיך מיט דער זרוע, און מיט דער ביצה? אזא פאסטרויקע איז ניט קיין קלייניגקייט? דיא מקובלים מאכען גאר משוגע דעם קאפ מכוח דעם, נאר אונזערע ליטוואקעס געהען טריט ביי טריט נאכ'ן שלחן ערוך, אויך נישט קשה.....

אויף געעפענט דיא הגדות, אנגעגאסען דיא כוסות, פריהער דער בעל הבית, און דערנאך דיא שכנים, איינער נאך דעם אנדערען געמאכט קדוש בקול רם, אלע ווייבער ענטפערען „אמן!“ מיט'ן פולען מויל, און מען טרינקט, דיא מע־נער האבען א ציה געטהאן פון'ם כוס געשמאק טאקי על פי דין א רוב כוס, דיא ווייבער האבען נאר כמעט פארזוכט אטראפען, האבען זיי זיך באלד פארקרימט, זיינען ניט געוואהנט צו וויין, דיא קינדער האבען נאך אין מיטען קדוש אויס־חלאפטשעט דיא כוסות ביז דעם דנא, דיא ווייבער קוועלען גאר אן פון דיא קינדער, דיא מענער שמייכלען אויף אונטער, נאר אויסריידען טהאר מען ניט.

נו „ורחץ“ האט דער בעל הבית א זאג געטהאן מיט א שטארקער שטימע, אין דער ארט, וויא דער פעלדפעבעל בשעת ער מושטירט זיין ראטע, און שרייט „שאגאם מארש!“ דא האט באלד יעדע אשת חיל געבראכט צו צום מאן א שיסעל, און א קווארט וואסער, מיט א האנדטוך, עס איז מקוים געווארען זיין פריקאזאניע.

ליעבע לעזער! איהר וועט אפשר פרעגען, פאר וואס איז ער דא געווארען אזא גרויסער גראף? קראנק איז ער אליין געהן צו דער פאמאיניצע? ערשטענס מוז איך אייך ערקלערען, אז עס איז טאקי אפילו פאר א גימנאסטיקער אויך ניט גרינג אראפקריכען פון אזא סיעדעלע, און צווייטענס איז דאס א רמז, עס הייסט: ער איז יעצט מעשה פירשט, דיא ווייבער האבען קיין פאראיבעל ניט אויף דעם, עס פארשטעהט זיך, אז אין מיטען יאהר, וואלט זיא איהם קדחות דערלאנגט וואסער, ער איז ניט קראנק אליין צו געהן און זוכען דיא קווארט, און דעם האנדטוך וואס ער איז שווארץ וויא דיא בלאטע, ולסוף אז ער געפינט דעם האנדטוך אויך ניט, מוז ער גאר אמאל אהן הרפה, ארויסשלעפען דאס העמד פון דיא הויזען און אפווישען זיך, שרייען און פרעגען קאן ער דאמאלס ניט, ער טהאר ניט מפסיק זיין, נו, וואס קאן מען מאכען, א שטומע צונג? ער ווינקט, מריקעט, און קריצט מיט דיא צייהן, קיינער ענטפערט איהם ניט א גוט ווארט נו, גיט ער זיך איין עצה וויא א למדן, אבער אין דער נאכט, פיהרט זיך דאס עסק מיט גרויס דרך ארץ, איך האב פיינט צו זאגען, פארט א מלך...

דער בעל הבית שרייט „כרפס!“ טוז דער עולם צו דער ציבעלע מיט דיא קארטאפעל, איינגעטונקט אין זאלץ וואסער, און געמאכט בורי פרי האדמה, און געגעסען, א שפאס הונגער! דער עולם קייעט דיא קארטאפעל גאנץ גע־שמאק.

פלוצלינג האט דער בעל הבית א קלאפ געטהאן וויא מיט א באראבאן „יחץ!“ אט דא זיינען נעבאך אנדערע שכנים וואס זיי זיינען ניט שטארק גע־לערענט, און ביותר דער וועכטער, זעהר צומישט געווארען, וואסער מצה צו־ברעכט מען דא? קלעהר אהין, קלעהר אהער, עס איז נישטא קיין צייט כמעט זיך מישב צו זיין, דער בעל הבית שרייט ראפטאם נאר „יחץ!“ זיי האבען נעבאך געפלאנטערט מיט דיא הענד אין האנדטוך, דער גאנצער נס איז וואס קיינער

זעהט ניט וואס זיי שווינדלען דארטען, בקיצור זיי האבען אויך ארויסבעקומען א'ן ערך פון א האלבע מצה, און ארונטערגערוקט אונטער'ן קישען, גאט ווייסט וואס זיי האבען דארטען אנגעמאכט פאר א חורבן, אבי קיינער זעהט חאטש ניט דיא צרות.

דער בעל הבית בבחינת ראטנע קאמאנדיער, שרייט וויא אין א מאן הויז „מגיד!“ דיא קינדער האבען אנגעהויבען צו שרייען „טאטע! וואס האסטו עפעס בעהאלטען דיא מצה אונטערן קישען? גיב אונז אויך, מיר ווילען עסען, „שווייגט, שקצים!“ האבען דיא מאמעס כלומרשט א געשריי געטהאן און האבען דערצו א ביסעל געשמייכעלט, דער עולם האט אויפגעהויבען דיא שיסלען מיט דער מצה, איינינע האבען זייערע מלכות געהאלפען, אנדערע האבען נעבאך אליין געמוזט הויבען אזא משא, אלע מיט א העלע שטימע „כהא לחמא עניא.... ביז לשנה הבאה בני חורין“.

מען גיסט אן דעם אנדערען כוס, איינינע איינגלאך האבען געפרעגט „מה נשתנה“ און די טאטעס האבען געענטפערט „עבדים היינו לפרעה במצרים“, דער עולם האט זיך געזאגט דיא גאנצע הגדה, ביז אין גרויסען „לפיכך“, דא האבען זיי זיך אלע אויפגעשטעלט (דיא קינדער אלע מיט א געוויין, טאטע, דוא געהסט שוין שלאפען, מען האט דאך נאך ניט געגעסען דעם קרופניק? אלע לאכען) מען האט גענומען דיא כוסות אין דיא הענד און מען שרייט „לפיכך“, אז דיא ווענט ציטערען אזש, דיא קינדער האבען זיך צוכליפעט, עס האט זיי דיא סצענע זעהר שרעקליך אויסגעוויזען, עס שטעהען מענשען אין העמדער איבער'ן קאפטען, גלעזלעך ווײן אין דיא הענד, און מען שרייט אהן א'ן אויפהערונג, א חוץ דעם איז ביי זיי עפעס ניט גלאט געווען דער גאנצער פאראדאק, מען האט שוין דא פארבראכט באלד צוויי שעה, האט מען ערשט בסך הכל געגעסען א ברעקעל ציבעלע מיט א שטיקעל קארטאפלע, נו, דיא סדר פראוועך האבען זיך קוים ווייטער בעזעצט רוהיג, די כוסות אנידערגשטעלט און געזאגט ביז גאל ישראל, געמאכט הגפן און געטרונקען אנגעשפארט וויא א גראף.

רחץ!“ איז ארויס זעהר העל פון דעם בעל הבית מויל, דיא מענער ריהרען זיך ניט פון דעם ארט, מען האט זיי צוגעטראגען נאך א מאל וואסער, געוואשען זיך מיט א ברכה און גענומען ווייטער פלאנטען אין האנדטוך, דיא פראסטאקעס האבען דארטען אוודאי אנגעמאכט צרות איבער צרות, נאר א כפרה, אבי יעדער האט ארויסגערוקט צוויי שטיקלעך מצה, און האט זיי צוזאמען צונויפגעלייגט און געמאכט צוויי ברכות, און ווייטער געגעסען ווי א גראף, נו, דער עולם האט אביסעל איבער געחאפט מיט דער המוציא, און דער בעל הבית האט א בעפעהל געגעבען „מרור!“ אט דא איז אריבער וויא א פראסט איבער דיא ביינער ביי אלע מענער, יעדער האט זיך שטארק פריגאטאוועט צו דעם עסק, מען האט געמאכט פון דעם חריין א גאלקע וויא א זית דיא גרויס, איינגעטונקט

אין חרוסת, געמאַכט דיא ברכה „על אכילת מרור“ און אריינגעוואָרפען אין מויל מיט איין מאָל.

אהאַ! עס טהוט זיך שוין חושך, דער גלאָצט מיט דיא אויגען, דער וואַרגט זיך, אַלע האָבען זיך שרעקליך צוהוסט, גוט פאַרסמאַרקעט, טרעהרען האָט געגאָסען פון זייערע אויגען, „דיא אייגענע זאַך איז ב״ה אַלע יאָהר“, האָט זיך אָנגערופען דיא זאָגערין, ער בעדאַרף אויך עסען חריין? איך בין דאָך אַ אידענע, פון דעסט וועגען ווייס איך אויך אַ דין, מען קאָן מיט סאַלאַטע אויך יוצא זיין, חלעבען ניט זינדיגען זאָל מען מיט דיא רייד, מען דאַרף נאָך מרור עסען, עס איז ב״ה ביטער אָהן מרור, נאָר וואָס רעדט מען מיט איהם? ער וויל דאָך זיין פרימער וויא אַלע. (באמת טהוט דאָס איהר גרויס הנאה, זיא האָט פאָרט אַ פרומען מאַן, נישקשה דער שוואַרצער יאָהר וועט איהם נישט נעהמען) קאָנסט נישט? עס נישט, גאָט אליין האָט אויך ניט געהייסען זיך ממית זיין, אַ שפּאַס אזאַ חריין, ערשט כמעט אָנגעריבען, און נאָך דערצו דיא קעפּלעך?

נאָך אַ היפשע צייט זיינען זיי געקומען צו זיך אַרום געווישט זיך, גוט אויס געשנייצט דאַ נעזער, און עס וואָלט שון גאָר גוט געווען, אָבער דער “כורך” שטעהט נאָך אין וועג, ווייטער חריין. אמת דאָס איז שוין אַביסעל גרינגער וויל מיט מצה אין איינעם, דאָך אָבער חריין, און נאָך תיכף נאָך דער ערשטער פאָרציע כריין, נאָר וואָס העלפט דאָ דער ישוב הדעת? אז דער בעל הבית שרייט אין איין קול „כורך“ האָטש טהו זיך אַ מעשה אָן, סלוושבע: דער עולם האָט אַ טאַפּ געטאָהן אין האַנדטוך, מען האָט אַרויסגעהאַפּט שטיקער מצה גאָט ווייס פון דער דריטער מצה צו ניין איך האָב מורא אַז דער וועכטער האָט דאָס געמאַכט גאָר קאַק פּאַפּאַלע, נאָר אַ כפרה, איך בין שוין גערן אַז מע זאָל זיך צושלאָגען צו עפּעס אַן אכילה, יעדער האָט אַנידערגעלייגט אַ גרויס שטיק מצה, אויסגעבעט גוט מיט חריין פון דער פולער האַנד, פאַרדעקט דעם חריין ווייטער מיט אַ שטיק מצה, און אַז אַלע זיינען געווען פאַרטיג האָבען אַלע געגעבען אַ זאָג „זכר למקדש כהלל. . .“ און האָבען זיך אַ וואָרף געטאָהן אויף דער לינקער זייט וויא דיא פּאָמעשטשיקעס און האָבען געגעסען דעם געפילטען פלאָדען, געגעסען און געהוסט, און אַלעם אָנגעשפּאַרט מעשה גראַף, נאַ שוין פטור גיוואָרען דעם כורך אויך, חלעבען עס איז שוין צייט פאָרט עפּעס עסין הא?

אַראָפּ פון דעם טיש דיא פלעשלעך מיט דיא כוסות, דיא קערה מיט דער זרוע, און דיא חרוסת, און גיגעסען זאָל ווערען, אַי עס איז ניטאָ וואָס? וויא הייסט עס? וואָס דען האָט דאָס אזוי געקאָכט 4 וואָכען דורך אַנאַנד? איהר פרעגט מיך? אדרבה איך פרעג אייך?—

מילא בקיצור, לאָזין שוין דיא ווייבער געבען דאָס וואָס עס איז דאָ, מע גיט טאַקי איין איי אויף צווייען, אָבער דעם מאַן דעם סולטאַן אַ גאַנצע איי, מען האָט געמאַכט זאַלץ וואַסער, אָנגעשטאָפּט זיך מיט מצה, וואָס דען זשע זאָל מען

טאָהן ? מע איז דאָך הונגעריג, נאָך דיא אייער האָט מען דערלאַנגט דיא יויך,
דאָס הייסט אַ שיסעל הייסע וואַסער מיט קאַרטאָפּעל, פאַרשאָטען מיט מצה־
פאַרפעל, קיין ריח פון פלייש האָט דאָס אויך ניט געהאַט, וואָרום וואָס פאַר אַ
טעם קאָן האָבען אַ האַלב פונט פלייש אין אַ גאַנץ גרויסען טאָפּ ?

„איך וויס ניט" האָט אַ שכנה אַ זאָג געטאָהן„איך וויס ניט, איך בין עפּעס
אַ קנאַפּער מאמין אַז דיא היינטיגע שאלות זיינען געווען מיט אַ טאָלק", איהר
ווייבערלעך האָט אַכטונג געגעבען וויא דער דיין איז געזעסען שאַפּקע נאַ באַקע,
ער האָט דאַכט מיר גאָר אפילו ניט געקלעהרט מכח דיא שאלות, ער האָט נאָר
געקוקט אין פושקע אריין, מען זאָל וואַרפען דיא קאָפּיקעס, גאָט זאָל מיך ניט
שטראָפען פאַר דיא רייד.

נאָ מען האָט שוין וויא עס איז אָפּגעגעסען, דיא קינדערלעך זיינען נעבאַך
איינגעשלאָפען געוואָרען אויף דיא היסבה בעטען, דיא ווייבער האָבען אויך ווי
עס איז אָפּגעבענשט און גיגאַנגען שלאָפען, דאָ זיינען דיא מענער געבליעבען
אַליין זיצען ביי דעם טיש, זעהר רוהיג און שטיל, נאָ פאַר וואָס זאָל מען אין
אמת אַביסעל ניט שמועס'ן ? דיא נאַכט איז נאָך גרויס מען וועט זיך נאָך אויס־
שלאָפען, נישקשה ! —

„הערט איהר, ר' נחום !" האָט געזאָגט ר' חיים דער זאָגערען'ס מאַן, איי־
נעכטען האָב איך מיך געזעהען מיט ר' שלמה ניחאַמקעס, האָט ער מיר דער־
צעהלט אַ שמועס פון דעם אפיקורוס, וואָס ער האָט געמאַכט היינטיגען שבת
פאַר מעריב אין בית המדרש, איך זאָג אייך דעם אמת, אַז עס האָט זיך מיר
אויפגעשטעלט דיא האָר קאַפּויר הערענדיג אַזעלכע רייד, דאָס האָט מיר אַזוי
פיעל צורודערט דעם מוח אַז איך געה אַרום פון דעם ווי אַ משוגענער, איך האָב
ביז יעצט גאָר ניט געוואוסט אַז דער ימח שמוניק איז אַזוי פול אין אַלע ספרים,
איך האָב איהם געהאַלטען ביז יעצט גלאַט פאַר אַ מופקר, און דערצו פאַר אַ
פּראָסטאַק, ערשט זעה איך, אַז איך האָב געלעבט אין טעות, מען קאָן איהם
אונטערן האַנד ניט אַוועקמאַכ'ן,היינט בין איך גיוועזן ביי נחמן שענקער נאָך
משקה, האָב איך איהם גראַדע דאָרטען דערזעהען, בין איך אַ בעלן געווען מאַ־
כען מיט איהם אַ שטיקעל שמועס, איך קאָן זיך מיט איהם אַביסעל שוין פון
לאַנג אָן, נאָ האָב איך מיט איהם דאָרטען פאַרבראַכט אַ היפּשע צייט, גירעט פון
פערשיעדענע ענינים, וואָס זאָל איך אייך זאָגען, ער איז אַ רעכטער למדן, ער
האָט זעהר פיעל ספרים געזעהען, ער איז גוט קלאָהר אין דער יודישער געשיכ־
טע פון עק ביז עק, עס איז באמת מיט איהם אַ פערגעניגען צו ריידען.—

דער כלל איז ר' נחום : איהר קאָנט דאָך מיך, איך בין דאָך ב"ה אַ שטי־
קעל איד, נאָר הערט איהר, וואָס זאָל מען זיך נאַרען, ער איז אין אַ סך ענינים
זעהר גערעכט, מען ווערט טאַקי פאַרשוואַרצט אין אַ סך זאַכען גאָר אומזיסט,
אין אמת גערעט איז דאָס אַ לעבען ? וויניג איז מען דאָס אויסגעריסען געוואָ־
רען פון פורים אָן, פרעגט וואָס ? נאָר איבער דיא פאַרשימעלטע מנהגים, וואָס

זיי האָבען קיין שום ווערטה ניט, לויט דעם ריינעם דין פון דער תורה און אפילו פון דער גמרא, וואָס וואָלט דאָ געוועזן וואָס צו טאָהן ? און וואָס האָט דאָ זיך אויסגעלאָזט פון דיא אַלע צרות ? אַ שיסעל וואַסער מיט קאַרטאָפעל, געוואַלד ! עס שטעהט דאָך "ושמחת בחגך" זאָלסט דיך פרייען אין דיין יום טוב, און אונזערע חכמים האָבען דאָס גאָר פערשטאַנען אין פשטות, אַז „אין שמחה אלא בבשר", עס הייסט: מען קאָן ניט זיין פרעהליך אַז מען האָט ניט געגעסען א רעכט שטיקעל פלייש.

נאָ אדרבה ! פרעג איך אייך, ווער איז אין דעם שולדיג ? דיא תורה אָדער דיא גמרא האָט אונז געהייסען מאַכען אַ טאַקסע ? עס איז זעהר ריכטיג וואָס דער עולם זאָגט אַ ווערטעל, „אַז קיין מענש קען אַזוי פיל ניט טאָהן שלעכץ דעם אַנדערען, וויא פיעל דער מענש טהוט זיך אַליין", עס א־ז טאַקי אמת, זעהט וואָס מיר אַליין האָבען זיך געטאָהן ? מיר האָבען מיט געוואַלד אויף זיך אַרויף געצויגען אַ טאַקסע, און זיא זויגט אויס דאָס לעצטע ביסעל כוחות פון אונזערע אידען, אויף אונז ביי יעצטיגער צייט איז מקוים געוואָרען דיא קללה פון דער תוכחה „שורך טבוח לעיניך ולא תאכל ממנו" (דברים כ"ח ל"א) דאָס הייסט: דיין אָקס ליעגט פאַר דיר געקוילעט אָבער דוא ועסט פון איהם נישט עסען, וואָרום ווער עסט באמת פון דיא אַלע אָקסען וואָס מען קוילעט שטענדיג? אָדער עס ווערט טרפה דורך דיא פיעל חומרות וואָס דיא פוסקים אַחרונים האָבען זיך ניט געפוילט נאָר מחמיר צו זיין, האָטש זיי פיהרען איבער דורך דעם יודיש געלד, זיי פאַרגעסען אַז דורך איין טראָפען טינט וואָס זיי האָבען אָנגעשריעבען „ויש להחמיר" (מען דאַרף מחמיר זיין) גאָר אויף רש"י כתב האָבען זיי חרוב געמאַכט ששים רבוא שטעדט, נאָ דאָס איז אַז עס ווערט גאָר טרפה, אָבער למשל אַז עס טרעפט שוין גאָר אַ גליק אַז דער שוחט דער גרויסער בהמות דאָקטער איז מסכים, אַז דער אָקס איז געוועזן געזונד, נאָ דאַכט זיך איז שוין גאָר גוט, אָט דאָ קומט דיא טאַקסע און שטעלט בדלות דעם עולם, פון דעם איינעם אָקס וואָס ער איז דאָ על פי נס כשר געוואָרען וויל מען אַלע לעבערדיגע זעק אָנשטאָפען, דעם קצב מיט'ן שוחט, דיא נאמנים מיט דיא שטאָט אויפזעהער, דעם רב מיט דיא דינים, און דעם בעל טאַקסע נאָך מעהר פון אַלעמען, דיא אַלע ציהען נאָר פון דעם איינעם אָקס, פאַרשטעהט מען דאָך אַז עס איז קיין וואונדער ניט וואָס עס קאָסט 20 קאָפיקעס אַ פונט פלייש.

נאָ ווער קאָן אין אמת אונז העלפען אין אַזעלכע גישעפטען ? דאַכט זיך נאָר דער רב זאָל לעבען, אין אמת געשמועסט דיא קליינע רבנים אָדער דיא מורי הוראות האָבען טאַקי מורא אפילו פאַר אַ פסוק גאָר איין אחרון, ביי זיי איז תורת אמת וואָס דער „תבואות שור" האָט אויף אונז גוזר גיוועזן, פון דער גמרא אליין האָבען זיי ניט בכח ארויס צו נעהמען אַ פסק הלכה, אַנדערע בעציהען גאָר דינים פון דעם „חיי אדם און חכמת אדם" זיי קענען במחילה זייער וועניג לערנען, און בפרט דער שוחט ער ווייסט גאָר ניט פון זיין חיות צו זאָגען,

אָט מאַכט מען נאָר טרפה און טרפה, אָבער אַ רב א גאון מיט א גוטען קאָפּ, ער ווייסט דאָך יאָ דעם מקור פון גאַנץ הילכות טרפות, ער דאַרף ניט קוקען דעם „תבואות שור“ און דעם „זבח שמואל“ אין דיא ציין, ער ווייסט וויא דיא תורה איז חס אויף יודיש געלד, ער דאַרף פאַרשטעהען דיא צייט, מען דער־צעהלט פון הגאון ר׳ חיים פילעפּאָווער ער איז גיוועז אַ שטאַרקער מיקל, ער האָט גאָר ניט געקוקט אויף קיין שום פּוסק, ער פלעגט נאָר הערען דיא גמרא אַליין, א סך שאלות וואָס אין אַנדערע שטעט זיינען טרפה געוועזען, זיינען ביי איהם געוועז כשרות, מען זאָגט אַז ער האָט גימאַכט א ספר „מתיר אסורים“ אוים צו ווייזען אז דיא אַלע חומרות פון דעם רמ״א און פון נאָך פיעלע פּוסקים האָבען גאָר קיין שום אָרט ניט אין דער גמרא,נאָר ווער־ווער דרוק׳ן אזא ספר? גלייכער דרוקען שאלות תשובות מכח עגונות, מכח קאָלטענעוואַטע בתולות, מכח דעם גר׳ם צואה, פלפולים של הבל, דרשות פון פערפוילטע מגידים, זויערע פּרושים אויף תנ״ך, אַלע יאָהר א פרישען פּירוש אויף דער הגדה, אָבער וואָס טויג א ספר וואָס קאָן א טובה טאָהן דעם עולם וואָס איז נוגע אין לעבען. —

נאָך מיין שכל דאַכט מיר אַז אַלע גאונים וואָלטען זיך בעדאַרפט אויף קלייבען אין איין אָרט, און מאַכען עפּעס א שטיקעל טאָלק מכח דיא חומרות, מבטל צו זיין א סך נאַרישע מנהגים און אויפגעבען א פּלאַן מבטל צו זיין דיא ביטערע טאַקסע אויף, צו וואָסערע צרות דאַרף מען זיא ? אי וואָס ? פון וואַנען וועט מען נעהמען שכירות פאַר דעם רב ? דעם קאַזאָניע רב ? די דינים? אויף ביקור חולים ? ערשטענס געהט דאָך דיא טאַקסע 10 מאָהל אזוי פיעל ווי דיא סומע וואָס מען גיט אוים אויף דיא אַלע זאַכען און צווייטענס, צו אויף אזעלכע געשעפטען ברויכט מען גאָר זיין א משוגענער און מאַכען א טאַקסע פון אזא פּרעדמעט וואָס איז דער עיקר חיות פון דעם מענשען ? און דער נאַלאָג פאַלט נאָר נעבאַך אויף דעם אָרימען מאַן, דיא גאַנץ גרויסע זיינען ב״ה פּטור געוואָרען דיא טאַקסע, זיי גיבען זיך ב״ה אַן עצה. . . . א סך גלייכער צו מאַ־כען אַ נאַלאָג שטעלען יעדען נאָך זיין ערך, דיא גבירים וואָלטען אַליין גיוואָלט מחזק זיין א בקור חולים, צאָהלען דעם רב און דיא דינים, אַזוי וויא עם פיהרט זיך אין אויסלאַנד, דאָרט איז שוין לאַנג בטל געוואָרען דיא פליישׁ פּאַכט. —

נאָ ר׳ נחום ! וואָס זאָגט איהר, איז ער דען נישט גערעכט ? היינט מיט דער קינדער ערציהונג וואָלטען דען דיא גאונים ניט געדאַרפט זעהען מאַכען עפּעס אַ פּאַראַדאָק ? דאָס איז דען א פּנים פון אַ תלמוד תורה ? דאָס פיהרט עפּעס צו א תכלית ? און וואָס ווערט שוין אפילו פון דיא בעלי בתישע קינדער ? מען האָט דאָך באמת פאַר דעם געלד וואָס עס קאָסט, גיקאָנט מאַכען פון זיי מענשען, בעלי מלאכות פון כל הסאָרטען, לומדים געלערענטע, וואָס זיי וואָל־טען געקאָנט פאַרדינען זייער פּרנסה בכבוד, און וואָלטען פאַרשפּאָרען צו זיין פּוסטע פּאַסניקעס, אָפּלעבען אין דחקות און אין ענגשאַפט, וואָס מיינט איהר, אַז אַלע וואָלטען דאָס געוואָלט פאַרשטעהן, וואָלט מען דאָס אפשר ניט געקאָנט

אויספיהרען גאָר גרינג ? נאָר מען איז טאַקי ב״ה גוטע בחמות, מען געהט אום אין עולם התוהו, מען מיינט אז עס מוז שוין אזוי זיין, עס איז אזוי באַשערט פונ׳ם הימעל.

הערט נאָר ר׳ חיים! האָט זיך אָנגערופען ר׳ נחום, אָט מכח דער טאַקסע, איהר זאָלט אויף מיר קיין פּראַיבעל ניט האָבען, ווייסט איהר כמעט גאָר ניט וואָס איהר רעדט, וויא הייסט מבטל זיין דיא טאַקסע ? עס ווענדעט זיך עפּעס דיא זאַך נאָר אָן אונז ? דאָס איז דאָך געמאַכט בפקודת הממשלה, איהר זעהט דאָך אַז דאָס געלד צאָהלט מען דאָך אויס אין קאַזנאַטשייסטוואָ ? אָט דערפון זעה איך וואָס פאַר אַ בהמה דער אפיקורוס איז, ער נעהמט אָן דיא טאַקסע אויך פאַר אַ מנהג, אַ שטייגער וויא כפרת שלאָגען, זעהט איהר אָט אויף דעם מנהג פון דיא כפרות גיב איך איהם אויך אַביסעל גערעכט, חאָטש אין אמת האָט דער מנהג אַ גרויסען אָרט אין חכמת הקבלה, זיי מאַכען דערפון גאָר אַ גאַנץ גרויס געשעפט, נאָר וועדליג מיר מענשען האָבען קיין שום ידיעה ניט אין זייערע סודות, מיר ווייסען גאָר פשוט אַז כפרות איז ניט קיין דין פון דער גמרא, זאָלען זיי זיך מאַכען וואָס זיי ווילען, דיא מקובלים זיינען ביי אונז קיין פוסקים ניט, נאָר דער עולם איז אין דעם אזוי פאַרפיהרט אַז דיא כפרות זיינען ביי זיי אזוי וויכטיג אַקוראַט וויא יום כפור אליין. אפילו אַזעלכע וואָס עסען שוין גאָר אום יום כפור, פון דעסטוועגען כפרות מוז׳ן זיי האָבען, איך האָב פיינד צו זאָגען, אמת דער מנהג גיט אויך ניט צו קיין נחת אונזער עו״ם, אָבער מכח דער טאַקסע איז דאָך גאָר ניט דאָ וואָס צו ריידען, דאָס איז ניט קיין מנהג וואָס ליעגט ביי יודען אין דיא הענד.

אָט ר׳ נחום ? האָט זיך אָנגערופען ר׳ חיים, אָט דערפון אליין קאָנט איהר זעהן, וויא יעדער זאַך וואָס עקסיסטירט נאָר אַ לאַנגע צייט ווערט שוין אזוי שטאַרק איינגעוואָרצעלט אינ׳ם הארצען, אַז עס דאַכט זיך, אַז עס מוז שוין אזוי זיין, אָט פון דעם מנהג כפרות זעהט איהר שוין אליין, וויא בלינד מען איז, וויא מען מאַכט זיך נאַריש, אָט איך וועל אייך אויפקלעהרען, אַז דיא טאַקסע איז ניט וויא איהר מיינט, דאָ איז גאָר ניט קיין געזעץ פון דער ממשלה, נאָר זי איז שוין ביי אידען אַ מנהג של תורה,— פאָרהער אַז דיא ממשלה האָט גענומען פּאָדאַט פון יעדער נפש, האָט זיא מסכים געווען צו דעם פּלאַן פון דער טאַקסע, וואָס איניגע רוצחים האָבען דאָס אויפגעטאָהן צו מאַכען דאָס זיך פאַר אַ גע־שעפט, דיא ממשלה האָט געזעהען, אַז דיא פּאָדאַטקעס איז שווער אויפצונעה־מען, יעדעס שטעטעל בלייבט שטענדיג אַ בעל חוב, און קומען אָב דעם חוב נאָר מיט מאַניפעסטען, האָט דיא ממשלה מקבל באהבה געווען דעם פּראָיעקט, דער־פון איז זיכער געוואָרען דיא סומע פון דעם פּאָדאַט, און דערווייל האָבען שוין דיא בעלי טאַקסעס מיט דיא שטאָט בעלי טובות בדלות געשטעלט דעם עולם גאָר אָהן אַ חשבון, אָבער היינט, אַז קיין פּאָדאַט עקסיסטירט שוין מעהר ניט און דיא ממשלה האָט דאָס איבערגעגעבען אין דיא הענד פון דיא אידען, דאָס

גאַנצע געלד געהט שוין גאָר אוועק אויף זייערע הצטרכות, נאָ איז דאָך דיא קשיא, וואָס וויל מען האָבען פון אָרימע לייט, צו וואָס האָט מען מסכים געוועזן אז דיא טאַקסע זאָל שוין אזוי בלייבען ביז משיח'ן (און אפשר איז א סברא זי נאָך אריין פיהרען קיין ירושלים מיט מוזיקע? חלעבען פאַר דיא ארץ ישראל גבאים וואָלט דאָס געוועזן א גוט געשעפט), נאָר דיא מעשה איז, אז דיא טאַקסע האָט שוין ביי אונז א פנים ניט וויא א פּראָסט מיטעל צו ליעב געלד, נאָר זיא ווייזט אונז שוין אויס גאָר וויא א צדקניות מיט א פנים של קדושה, עס הייסט: זיא היט אָב אידען פון טרפה פלייש, דיא טאַקסע איז געוואָרען איין קשר מיט דיא שוחטים און רבנים, און עס ווייזט אויס שוין באמת, אז אָהן דער טאַקסע וועט נעהמען אַן עק פון דיא שוחטים מיט גאַנץ הלכות טרפות,— נאָ יעצט פאַרשטעהט איהר שוין, אז דיא טאַקסע איז יעצט נאָר אַלס מנהג ישראל? אָבער איין זאַך אַרט מיך שטאַרק, פאַר וואָס אויף אַלע דינים פאַרלאָזט מען זיך אויף דעם יודען אַלין, מען ברויכט איהם גאָר ניט היטען, מן הסתם וויל יעדער איד מקיים זיין דיא תורה, נאָר אין הלכות טרפות איז מען זיי שטאַרק חושד? אז מען וואָלט זיי בעדאַרפט אָבהיטען אין אַלע זאַכען, וואָלט מען בעדאַרפט מאַכין א טאַקסע אויף דברים שבצנעה אויך?—

נאָר וויא זאָגט מען, וואָס קומט אַרויס פון אזעלכע חקירות? מיט וועמען איז דאָ צו טאָלקעווען? אפשר מיט'ן רב? ניין א טעות, ער נעהמט דערפון שכירות, פלייש עסט ער אויך אָהן טאַקסע, און דווקא פעטס, מחמת דער קצב מיינט, אַז עס ווערט אמאָהל כשר אַן אָקס, האָט איהם דאָס דער רב א טובה געטאָהן, מיט דיא תקיפים און דיא עזי פנים פון דער שטאָט, זיי האָבען שכל, זיי נעהמען שוין שטענדיג פון דער טאַקסע א געוויסע מטבע, און ווער רעדט שוין פון פלייש, אפילו די עפענטליכע לעהרער וואָס זיינען אין די אידישע שולען, וואָס האַלטען זיך אויף דער רעכנונג פון דער טאַקסע, למשל אַדעסער תלמוד תורה, לאָזען אויך אַ פול ניט פאַלען אויף דער טאַקסע, זיי מיינען אז אָרימע לייט וועלען האָבען אַ שטיקעל פלייש וועלען זיי קיין ברויט ניט האָבען, אפשר מיט דיא עטליכע נגידים? זיי קלעהרען דאָך זאָל זיך דאָס גאַנצע שטעטעל שלאָגען קאָפּ אָן דער וואַנד, אַבי מי טשעפּעט אונז ניט אויף דיא שטאָדטזאַכען: פאַר'ן רב, אויפ'ן בקור חולים, נאָ גלאַט מיט דיא מיטעלע בעלי בתים? הערט אַ חשבון, פיעל פון זיי זיינען גרויסע שוטים, זיי קוקען אויף דער טאַקסע וויא אויף אַ דבר שבקדושה, אַנדערע וואָלטען שוין אפשר יאָ פאַרשטאַנען, זיינען זיי נעבאַך ביי זיך אַליין געפאַלען, זיי האָבען מורא אָנצוהויבען מיט אַ שטאָדט, אָט אַזוי געהן אַוועק דיא טעג מיט דיא יאָהרען אין צרות און אין דחקות.

הערט איהר, עס איז גאָר א חרפה אויס צו זאָגען, מען האָט דאָך שוין אָבגעגעסען, מיר ווילען שוין בענטשען, על אמונתי זאָג איך אייך, אז איך בין טויט הונגעריג, וואָס זאָגט איהר יודען? איך בין דאַכט מיר אויך ניט אזא פרעסער

און מען איז ב"ה שוין טאַקי געוואָהנט געווען אומגעהן שטענדיג כמעט וויא הונגעריג, איך זאָג אייך, אַז מען טראַכט ניט מכות דעם, איז נאָך סיאַק טאַק, אָבער אַז מען בעקלערט דאָס מיט'ן שכל קרענקט דאָס גאָר אַ שרעק....

„עס איז שוין אפשר גאַנץ שפּעט? הא? מען דאַרף שוין עסען דעם אפיקומן?" יא, יא, האָבען אַלע געזאָגט, „עס איז שוין באַלד 12 דער זייגער", אַז מען האָט אָבגעגעסען דעם אפיקומן, האָט מען געבענשט מיט מזומן על כוס שלישי, מען האָט געזאָגט דיא הגדה, ביז מען האָט זיך קוים דערשלאָגען צום „חד גדיא".

„איהר האָט געווים געהערט ר' נחום!" האָט אַ זאָג געטהאָן ר' חיים, דעם דרוש אויף חד גדיא, פון אונזער שטאָדט מגיד? „וואָס זאָגט איהר דערצו?" וואָס זאָל איך זאָגען, האָט געענטפערט ר' נחום, ווער פאַרשטעהט דאָס ניט, אַז אין חד גדיא ליגען סודי סודות, קאַרג פּשטים האָט מען געמאַכט אויף דעם? עס איז ביי מיר גאַנץ זיכער, אַז אַ סך מעהר וויא פיעל עס איז שוין אָבגעדרוקט איז אוודאי דאָ בכתב יד, באמת וואָלט געווען אַ יושר און זעהר ניצליך, אַז איינער זאָל אויף קלויבען אַלע פרושים געדרוקטע און געשריעבענע און אָב־דרוקען חד גדיא מיט אַלע פרושים, מהיכא תיתי, פאַר וואָס זאָל דאָס ערגער זיין פון כתבי קודש? מן הסתם אַז דאָס האָט אַ זכיה אַז אַלע אידען זאָגען דאָס, און פיעל גאונים ודרשנים מוטשען זיך צו פערשטעהען דעם ענין דערפון, איז דאָס געווים קודש קדשים, דעריבער פאַרשטעה איך ניט אייער שאלה „וואָס זאָג איך אויף דעם מגיד'ס פירוש?" מהיכא תיתי, מען קען זאָגען אַלעס. דיא תורה ווערט דאָך אויך גערדרשה'ע אויף זיעבציג אופנים.....

איי ר' נחום! האָט איהם איבערגעשלאָגען ר' חיים, איהר רופט גאָר דעם זד גדיא תורה? וואָס פאַר אַ תורה האָט איהר פאָרט געזעהען אין חד גדיא? און זאָל שוין אפילו זיין, אַז דער מחבר פון דעם האָט עטוואָס בעהאַלטען אין יין רעטעניש, וואָס איז דאָס פאַר אַ קונץ? וואָס פאַר אַ טובה האָט ער דערמיט עטהאָן אידען? ווער איז ער? ווען איז דאָס געמאַכט געוואָרען? און צו וואָס איז אַזוי נעטהיג זיך צו מוטשען און צו טרעפען וואָס ער האָט געמיינט מיט זיין גאַנצען חד גדיא? —

„הערט ר' חיים!" האָט זיך אָנגערופען ר' נחום מיט כעס, „אָט דערפון זעהט מען טאַקי אַרויס וויא אפיקורסית קלעפּט זיך שטאַרק, איהר מעגט אויף מיר אפילו שטאַרק תרעומות האָבען, דאָס איז אַלעס דיא רייד פון דעם אפיקורס, ער האָט שוין אין אייך אַריינגעלאָזט דעם גיפט פון אפיקורסת, פע! איהר מעגט זיך שעמען גאָר אַזעלכע רייד איבעררייִדען.

„איהר זייט אַ פּנים גוט אין כעס", האָט געזאָגט ר' חיים מיט אַ שמייכעל, איהר מוזט געווים מיינען, אַז דעם חד גדיא האָבען נאָך אידען געזונגען אין דער מדבר? נו, וואָס וואָלט איהר אַ שטייגער געזאָגט, אַז איהר וואָלט געזעהען איין הגדה פון דיא גאַנץ אַלטע דרוקען וואָס דאָרטען שטעהט נאָך גאָר ניט

קיין זכר פון דעם חד גדיא? נו, איז דאָך דאָמאָלסט רעכט געווען זיך לייגען שלאָפען אָהן חד גדיא? הא? און וואָס וואָלט איהר א שטייגער זאָגען, אז מען זאָל אייך וויזען איין אַלט ביכעל אַ דייטשעס וואָס איז פול מיט קינדערשע לידעלאַך, און דאָרט געפינט זיך דער חד גדיא גאָר אויף דייטש? נו וואָס פאַר אַ פּנים וואָלטען דערנאָך ביי אייך געהאַט דיא אַלע פּרושים? איך זאָג אייך דעם אמת, איך האָב פריהער אויך גאָר ניט געוואוסט פון דיא אלע זאכען, נאָר אַ מענש איז דאָך ניט קיין בהמה, מען קאָן דאָך ניט אָבלייקענען אַ זאַך וואָס מען זעהט ממש מיט דיא אויגען, ער האָט טאַקי מיר אויפגעקלעהרט און געוויזען מיט ראיות ברורות, אַז דער חד גדיא קומט גאָר ניט אַרוים פון אידען, נאָר בפירוש פון איין ניט אידישען דיכטער (משורר) וואָס האָט אויפגעשטעלט ליעדלעך פאַר קינדער צום זינגען, און אזוי וויא אין דיעזער נאַכט זיינען געמאַכט געוואָרען פיעל צערעמאָניעס כדי דיא קינדער זאָלען פרעגען, און נאָך בעסער, כדי דיא קינדער זאָלען ניט שלאָפען, דעריבער האָט זיך איינער מישב געווען, און האָט איבערגעזעצט דעם חד גדיא אויף תרגום לשון (וואָס אידען האָבען דעמאָלט גערעדט), בכדי אַז דיא קינדער זאָלען דאָס זינגען אום ניט צו שלאָפען, באמת האָט דער חד גדיא בעדאַרפט שטעהן אין אָנהויב פון דער הגדה ניט צום סוף, עס זאָל אויסקומען צו זינגען בשעת דיא קינדער זיינען שוין לאַנג אַנשלאָפען געוואָרען, נאָר מיט דער צייט האָט מען דיא גאַנצע געשיכטע דערפון גאָר פאַרגעסען, און מען האָט אָנגעהויבען גאָר צו מאַכען אויף דעם פּרושים, און מען וויל אַלץ טרעפען ווער איז דיא קאַץ? ווער איז דער הונד? חאָטש אין אמת, איז דאָך קיינער ניט מחויב גאָר צו קלעהרען אויף דעם געדאַנקען וואָס דער מחבר האָט געמיינט, וואָרום אויך מיין באָבעס דאגה איז דאָס, איך האָב אַ פּנים ניט וואָס צו טהאָן?

נאָר ווייל דאָס שטעהט שוין פאָרט אין דער הגדה, און דעם מעתיק איז גיפעלען גראַדע דאָס איבערצוזעצען, נו, מן הסתם האָט ער דאָך אין דעם עטוואָס געזעהען וויכטיגקייט, דעריבער וועל איך אייך איבערזאָגען, וואָס דער אפיקורס האָט מיר בעמערקט, איהר וועט מיר דאַכט זיך מודה זיין, אַז דאָס איז דער בעסטער פּירוש. —

ער זאָגט, אַז דאָס גאַנצע לידעלע איז געגרינדעט אויף דעם אייגענעם געדאַנקען וואָס געפינט זיך אין פּרקי אָבות, „אַף הוא ראה גלגולת אחת שצפה על פּני המים, אָמר על דאטפת אַטפוך, וסוף מטיפיך יטופון“, דאָס הייסט: ער (הלל) האָט געזעהען אַ קאָפּ שווימט אויפ׳ן וואַסער, האָט ער איהם געזאָגט, דערפאַר וואָס דוא האָסט אַנדערע דערטרונקען, האָט מען דיך דערטרונקען, און אויך דיא וואָס האָבען דיך דערטרונקען וועלען דערטרונקען ווערען. — דער מחבר פון׳ם חד גדיא האָט געוואָלט אויפקלעהרען דיא גאַנצע וועלט, אַז זייא זאָלען זיין געהיט פון רציחה, ווייל עס איז דאָ אַ גאָט וואָס ער איז אַ בוחן כליות ולב, ער ווייסט אַלע מחשבות פון אַלע בעשעפעניסען, ער שענקט ניט קיינעם,

און איהם קאָן מען ניט אָבּנאַרען, איינער וויל דערטרינקען דעם אַנדערען, און נאָך מיט דעם אויסרייד אז ער טהוט דאָס נאָר מחמת ער וויל זיך נוקם זיין אָן דעם רוצח, אָבער אין אמת איז דאָס אַ שקר מוהלט, ער טהוט עס נאָר מחמת ער וויל זיך זוכען זיינע אייגענע נוטצען, און דעריבער האָט ער אויך דעם פּסק פון דעם אַנדערען רוצח, און דאָס מיינט דיא מליצה, וויא ער האָט געזעהען אַ קאָפּ שווימט אויפ'ן וואַסער, האָט ער צו איהם געזאָגט מיט חכמה, דיך האָט מען דערטרונקען, פאַר וואָס דו האָסט דערטרונקען עמיצען, נאָר ווייל דיינע דערטרינקער האָבען דאָס אין אמת אויך ניט געטהאָן אויס יושר נאָר צו טויטען אַ רוצח, זיי האָבען אויך נאָר געהאַט זייער אייגענעם אינטערעס דערבּיי, דעריבער וועלען זיי אויך דערטרונקען ווערען.

אָט דעם וויכטיגען געדאַנק האָט אפשר דער דיכטער אויך געמיינט מיט דיעזען ליעד, ער שטעלט פאַר פאַר אַ קינד למשל! וויא זיין טאַטע האָט געקויפט אַ ציגעלע פאַר צוויי גילדען, איז געקומען דיא קאַץ און האָט דאָס אויפגעפרעסען, חלעבּען אַ רציחה, דוא קאַץ! וואָס פאַר אַ מחותן ביזט דו צו דעם טאַטענס ציגעלע? דעם הונד האָט דאָס פעררדראָסען און האָט דערפאַר אַ בּיס געטהאָן דער שונרא, נאָר ווייל דער הונד איז דאָך באמת ניט אַזוי אַ שטאַרקער בעל מידות טובות, נאָר אַלס הונף האָט ער זיך געוואָלט צושמייכלען צום טאַטען און האָט זיך נוקם געווען אָן דעם שונרא, גלייך ווי ער וואָלט גאָר קיין עולה ניט געקענט צוזעהען, דערפאַר איז געקומען דער שטעקען און האָט גוט געבּראָכען דיא ביינער דעם הונד, פאַר וואָס ער האָט געבּיסען דיא שונרא, אָבער דער שטעקען איז אויך ניט אַזוי איין עהרליכער מאַן, אַז ער זאָל וועלען שטעלען דיא וועלט אויפ'ן אמת, געוויס האָט ער עפּעס אַ שנאה געהאַט צום הונד, און האָט דאָ געקראָגען אַ געלעגענהייט זיך נוקם צו זיין אָן דעם הונד, דעריבער איז געקומען דאָס פייער און פאַרבּרענט דעם שטעקען, און אַזוי האָט דאָס וואַסער פאַרלאָשען דאָס פייער, דער אָקס אויסגעטרונקען דאָס וואַסער, דער שוחט האָט געקוילעט דעם אָקס, און דער מלאך המות האָט געקוילעט דעם שוחט (דאָ ליעגט אַ טיעפע קריטיק, וויא עס קען נאָך גאָר זיין, אַז דער מענש האָט נאָך אפשר גאָר קיין רעכט ניט צו קוילען בעלי חיים אום זיי אויפצופרעסען......)— דאָס איז דער גאַנצער זינן פון דעם ליעד, באמת האָט דער דיכטער דאָס געקענט פאָרשטעלען אין געשמאַקערע פּרעדמעטען, וואָס פון זיי וואָלט דער געדאַנק העלער זיך ארויסגעוויזען, נאָר ווייל דאָס איז אָבער גימאַכט גיוואָרען פאַר קינדער, האָט ער געמוזט אויסזוכען אַזעלכע פּרעדמעטען וואָס דעם קינד איז דאָס לייכט צו פערשטעהן. —

„נו, ר' נחום! געפעלט אייך דער פּירוש?" ניט בעסער וויא דיא אַלע פּרושים וואָס איהר האָט שוין געזעהען זייט איהר לעבּט? זאָגט דעם אמת, און גרונד געשמועסט, בּרויכט מען גאָר ניט דעם גאַנצען חד גדיא, אפילו מיט אַזאַ פּירוש, גענוג פאַר אונז וואָס מיר דאַרפען זוכען פּרושים אויף וואָס בּיי אונז

איז באמת וויכטיג, ניט זוכען פּרושים גאָר אויף חד גדיא, חלעבען א פּלאַן, אז עס איז ניט דאָ וואָס צו טהאָן איז דאָס אויך א געשעפט. —

נו, עס איז שוין שפּעט, עס שלעפערט זיך שוין, אלזאָ ר׳ נחום, איהר קאָנט זיך זאָגען חד גדיא, אויב איהר זייט דערויף א גרויסער זולל וסובא, איך וועל שוין דאָס ניט זאָגען כל זמן איך וועל לעבען, איך קאָן זיך ניט נאַריש מאַכען וויא א קליין קינד, אָדער וויא א משוגענער, ממה נפשך, בין איך א מענש, דאַרף איך זיין א מענש מיט שכל. —

„א גוטע נאַכט, ר׳ נחום!“ ר׳ נחום האָט א זיפץ געטהאָן און האָט גאָר ניט געענטפערט, ער איז טאַקי אויך א ביסעל מבולבל געוואָרען, מיט וואָס אָב־שלאָגען דיא רייד, האָט ער ניט געהאַט בכוח, און האָט אין איין וועגס מורא געהאַט מסכים זיין דערצו, אפשר איז דאָס מעשה שטן א קראַפט פון דער סטרא אחרא רחמנא לצלן! —

דער עולם שלאָפט זעהר געשמאַק, זעהר רוהיג, יעדען זיינען אָבגעגאַנגען דיא ביינער, א שפּאַס אז מען ווערט פּטור אזוי פיעל שמוטץ? היינט פאַר געסט ניט, אז זיי זיינען שוין זיכער געוועז אז דיא ווייבער וועלען שוין צוויי טעג נאָך אנאַנד קיין געלד ניט פערלאַנגען, זיי האָבען זיך געקענט פאַרשלאָפען אויפ׳ן טאָג, און נאָך פאַרזאַמען דאָס דאַוונען, נאָר איינער האָט זיך אויפגע־חאַפּט און אָנגעמאַכט א טרעוואָגע: „שטעהט אויף שכנים! עס איז שוין שפּעט, מען האָט שוין לאַנג אין שוהל גערופען“, אלע שכנים ניט טויט, ניט לעבעדיג, האָבען זיך אויפגעחאַפּט, אָנגעטהאָן און מאַרש אין דיא בתי מדרשים.

דער גאַנצער עולם האָט אָבגעדאַווענט יעדער אין זיין קלייזעל, אלע מיט איין מאָל האָבען זיך א שאָט געטהאָן גלייך אין דער גרויסער שוהל הערען דעם שטאָדט חזן,*) נו, ב״ה, דער חזן האָט געקאָנטשעט דעם מוסף, און האָט שטאַרק

---

*) איבערהויפּט האָבען זיי זעהר חשק געהאַט צו הערען דעם נייעם חזן זיין מן המצר אין טאָטעריש, חלעבען עס איז טאַקי גאָר א מחיה צו הערען וויא אזא גוטער חזן בעט זיך אויף טאָטעריש, פאַר נויט חאָטש אויף בעטלעריש, „לא אָמות, איך וויל ניט שטאַרבען, כי אחיה, נאָר לעבען“, און אין אמת איז דער שטאָדט חזן געוועזן אין דער נגינה גאָר א מזיק, דיא פּסוקים: „עזי וזמרת יה ויהי לי לישועה, קול רנה וישועה באהלי צדיקים“, פלעגט ער מיט דיא קליינע זינגערלעך, און מיט דעם פייפער גאָר זינגען וואַלעכעש, אזוי פרעהלאַך, אז עס האָבען זיך כמעט געהויבען ביי איטליכען דיא פיס צום טאַנצען, ניט נאָר ביי קעסט קינדער, נאָר אפילו ביי בעטאָגטע בעלי בתים, אפילו ביי מערידאַלני־קעס און יאַדעשליווע, אָבער דערפאַר צום „לא אָמות כי אחית“ האָט מען גע־קאָנט שטאַרבען אונטער זיינע הענד, אפילו דיא וואָס האָבען געהאַט שטיי־נערנע הערצער, א שטייגער: בעזדיעטניקעס, וואַכערניקעס, זבאָרשטשיקעס, שוהטים, העקערס, בעלי טאַקסעס, פלעגען אויך קלאָגן אויף זייערע יאָהרען,

קונה שם געווען, דער גאַנצער עולם איז אַרויס פון דער שוהל העכסט צופרידען, אונזערע שכנים זיינען שוין אויך ב״ה דאָ אין דער היים, מען האָט זיך געזעצט צום טיש, און מען האָט טאַקי געגעסען א גוטען מיטאָג, א שטיקעל פיש, אַבי־סעל יויך מיט מצה פאַרפעל, איך האָב אייך מורא איבער שרעקען מיט דער בשורה טובה, מען האָט געמאַכט קניידלעך אויך פון איין איי, איין פלאָמען צי־מעס מיט קאַרטאָפּעל איז אויך געווען, אָט זעהט איהר־דאָס איז שוין טאַקי לייטען גלייך, מען האָט אַביסעל געשמועסט ביים טיש, געזאָגט מבינות מכח דעם חזן, און מען האָט זיך א ביסעל צוגעלייגט שלאָפען.

וואָס זיי זיינען געבוירען געוואָרען, ער האָט זיך געבעטען וויא ביי א גזלן אויף טאַטעריש, געוואַלד! „לא אָמות, נאָר כי אחיה״, דער גאַנצער קונסט זיינער איז געווען נאָר דערמיט, אז ער פלעגט מיט זיין זינגעכץ כמעט אָבטייטשען דאָס וואָרט, ער האָט א פּנים גוט פאַרשטאַנען פּירוש המלות.

איבערהויפּט זיינען געווען אויף איהם דיא רעכטע מבינים, שניידער, שיס־טער, און פּועלים אפילו פון אַנדערע מיני מלאכות, מחמת זיי זינגען שטענדיג ביי דער מלאכה, איינער איז דאָרט געווען א שניידער טאַקי שוין א בעל הבית, איז ער געווען א גרויסער מבין אויף זינגען און ניט קיין גרויסער פּראָסטאַק, ער איז געוואָרען א שטיקעל למדן, נאָר ווייל ער פלעגט שטענדיג געהען הערען מגידים, ער פלעגט שוין גאָר אָפּט אונטערחאַפּען ביי דעם מגיד א פּסוק, א שטיקעל אגדה, מיט איהם צו ריידען האָט מען געמיינט אז ער איז א רעכטער יודע ספר, ער פלעגט זיך ניט ריהרען אָהן א פּסוק, אָהן א ווערטעל פון דער גמרא, ער איז אמאָל געווען אויף א בן זכר, וואו מען האָט געגעבען „ניסלעך״ דער עולם קנאַקט אויף וואָס דיא וועלט שטעהט, און ער זיצט און שווייגט, אָט דאָ האָט איהם איינער א פרעג געטהאָן, „פאַר וואָס קנאַקט איהר ניט קיין נים?״ אויף דעם האָט ער תיכף א זאָג געטהאָן „אָזנים לכותל״, „נישטאָ קיין צייהן״, ער האָט זיך א מאָל מיט איינעם שטאַרק געקריגט און כמעט געשלאָגען, האָט ער צו איהם א זאָג געטהאָן מיט כעס „געה אַוועק פון מיר, אז ניט, וועל איך דיך מאַכען „תחת ושתי״ (ער האָט געמיינט „תחת חרב״), א מאָהל אום שבועות האָט זיינער א'ן אַרבייטער געמאַכט קדוש און האָט געזאָגט „זמן חרותינו״, נו, האָט ער איהם תיכף אָבגעלאָזט א פּאָר פּעטש, און האָט צו איהם אזוי געזאָגט: „דו עם הארץ! מילא פּסח זאָגט מען „זמן חרותנו״ איז דאָס נאָך סיאַק טאַק, מען עסט דאָך פּאָרט „חרוסת״ אָבער וואָס איז היינט פאַר א חרותנו אויף דיין קאָפּ?—

אָט דער איינגענער ליטעראַט פלעגט שטענדיג זאָגען מבינות אויף דעם חזן, ער האָט אמאָהל דערצעהלט אין א געזעלשאַפט, וויא ער האָט דעם דאָ־זיגען חזן געהערט אמאָהל דאַווענען אים ראש השנה, האָט ער פון זיין זינגעכץ פערשטאַנען דעם פּשט פון יעדען וואָרט, למשל: ער האָט א געשריי געטאָהן

נאָך דעם שלאָף איז דער גאַנצער עולם געגאַנגען אין גרויסען בית המדרש, הערען דעם שטאָדט מגיד, וויא ער זאָגט ווייטער שיר השירים, ער האָט שוין געהאַלטען אין דער לעצטער פרשה פסוק ח׳, דאָס הייסט: „אחות לנו קטנה ושדים אין לה“ אין בית המדרש איז זעהר פול אָנגעפּאַקט מענשען פון כל הסאָרטען, מען שוויצט גאָר געשמאַק, דער ריח איז אויך זעהר אַנגענעהם, נאָ מאַך בעסער, מען מוז הערען דעם מגיד !—

„עוז בידך“ האָט מען ממש גיזעהען וויא ער האָט געהאַלטען אַ ציג אין דער האַנד, ער האָט געזאָגט צו כל נדרי דעם „ונסלח“ האָט מען פשוט גיזעהען וויא שלוחים פליהען ארום אין אַלע ווינקעלעך פון דער שוהל.

יעצט אים פסח, אַז דער גאַנצער עולם איז אָנגעקומען אין שוהל און מען האָט פערזאַמט הלל, איז אוודאי נעבאַך דיא בית המדרש לייט ניט גוט געוואָרען אויפ׳ן הארצען, זיי האָבען שטאַרק מקנא גיווען דיא שוהל מענשען וואָס זיי האָבען טאַקי געהאַט איין עונג יום טוב צו הערען דעם הלל, האָבען זיי אָנגעהויבען פאַנאַנדער פרעגען דיא בעלי מלאכות, נאָר ווער וועט האָבען אַ העזה צו זאָגען אַ וואָרט, אַז עס געפינט זיך דער גרויסער שטאָדט מבין ? האָבען זיך אַלע אַ קעהר געטאָהן צו איהם, וואָס זאָגט איהר צו היינטיגען הלל ? איהר זיינט דאָך יע אַ מבין ? „וואָס זאָל איך אייך זאָגען ?“ האָט ער גיענטפערט, „איך הער דאָך שוין דעם אַלטען חזן ב״ה מעהר וויא 20 יאָהר, ער האָט דאָך שוין געזאָגט הלל אויף אַלע אופנים, איך האָב איהם שוין אַמאָהל געהערט זאָגען מן המצר גאָר פּראָסטע יודיש, מיינט איהר איז דאָס ניט גיווען וויא געבוירען, ער איז אויך אַ קינסטלער, נאָר וויא דער האָט היינט געזאָגט איז דאָס נאָך ממש ניט געהערט געוואָרען, איך וויים ניט צו דער בעל הלל אַליין, דער גוטער יאָהר וויים איהם ווער ער איז גיוועזען, נאָר מן הסתם האָט ער דאָך אוודאי געקאָנט גוט זינגען, וויא דען ? ער האָט גלאַט געזאָגט די ווערטער ? וואָס פאַר אַ פנים האָט דאָס געקאָנט האָבען ? איהר פיהלט עפּעס אַ טעם אים ראש חודש אַז עס שטעלט זיך אַנידער גלאַט אַ יוד פון אַ גאַנץ יאָהר און זאָגט הלל ? פון דעסטוועגען קאָן איך אייך זאָגען אַז דער בעל הלל אַליין האָט בעסער געווים ניט געזאָגט, וויא דער חזן היינט.—

בקיצור, וואָס זאָל איך אייך דאָ שטאַרק מאריך זיין, איהר וועט מיר אפשר ניט גלויבען, נאָר מה לי הכא מה לי התם (ער האָט געמיינט מה לי לשקר) וואָס איז ? עס שטעהט מיר אוודאי דערפון אַ בעל הבית צו ווערען ? ער האָט אַ זאָג געטאָהן אויף טאָטעריש „כי אמילם“ הערט איהר ! איך זאָל אַזוי נחת האָבען, איהר און אַלע יודען, אַז מען זאָל טאַקי עפּעס זעהען פיעל ישועות און נחמות, מיט איין וואָרט, עס זאָל טאַקי אין גיכען זיין תוהו ובוהו וויא מען האָט טאַקי ממש גיזעהען בחוש, אַ פערדס מיהעל, אָדער אַ ווינד מיהעל מיט אַלע פישטשעווקים, אַ שאָד וואָס איהר האָט היינטיגען הלל ניט גיהערט,

13

דער דרוש פון דער קליינער שוועסטעריל.

דער מגיד איז שוין ווייטער אויף דער בימה, און דוקא מיט'ן אחור צום ארון קודש, און נאך אביסעל הכנה, פתח את פיו, האט ער געעפענט זיין מויל און האט אזוי געזאגט: איך בעט דעם עולם, עס זאל זיין שטיל, איך וויל אייך זאגען א גאנץ טיעפען דרוש, עס ווערט זיין וואס צו הערען.—

שלמה המלך דערצעהלט אונז אין שיר השירים, אז מיר האבען א קליין שוועסטערל, און זיא האט ניט קיין שדים, און דערום פרעגט ער אונז, וואס וועט מען מיט איהר מאכען אז מען וועט קומען ריידען איהר א שידוך?

איהר וואלט הנאה גיהאט וואס הנאה הייסט. —

איך האב זעהר פערגעניגען געהאט צו הערען דיא לעצטע פסוקים וואס מען זאגט זיי צוויי מאהל, ער האט געארבייט אין טאקט, אלע משוררים זיינען גיגאנגען נאכען טאק, דער באס איז געפלויגען מיט זיין בערישען טאן אין מיטען, ער האט געוויזען שרעקליכע קונצען, געמישט האלבע טאנען מיט פערטיל, אריין פון דייטש קיין וואלעכיש, און בחזרה גאר אין קאזאטשקע גיזאנג, דער חזן האט זיך אריין געהאפט אלע מאהל מיט א רעבט ביסעל טרעליכליך, און געשמאק געפלויגען דא ארויף דא אראפ, אמאהל זיך פארשלאגען אין איין קוויטש גאנץ טיעף, אז איך האב געמיינט ער וועט ח"ו גאר דערשטיקט ווערן, אבער ער איז פון דעם קוויטש ארויס מיט א גאנצע האליאסטערע טרעלען, אז מען איז כמעט טויב געווארען פון דעם טרעלעריי, אלע זיינען ארויס פון דיא כלים, מילא וואס זאל איך אייך מאריך זיין? בקיצור איך בין דאך שוין ב"ה ניט קיין יונגער מאן, איך האב שוין אין מיין לעב'ן איבערגיהערט אלע וועלט חזנים, וואס האבען גערידערט גאנץ ליטא, אשטייגער: קאשטאן, גאטס וואונדער, קאנאריק, פאסטערנאק, קלאג מוטער, שקודער, פידעלע, דראנג, דאס בעל הבעסיל, זאג איך אייך אז דיא אלע חזנים ליעגען אין איהם אליין.—

בקיצור, מען האט זיך שטארק פארטיעפט אין חכמת המוזיקע מיט דעם שניידער ביז דער חזן האט אנגעפאנגען מוסף, נא אין אבות האט ער אין אמת געוויזען קונצען איבער קונצען, ער האט שטארק גערודערט מיט'ן ביי קול, גענייעצט אביסעל דאס פידעל קול, אלע משוררים האבען נעבאך געהארעוועט וויא אין טאטשקעס, געשוויצט, געפייפט, געבריהמט, געהאפט אין טאקט, און דער חזן פליהט דורך אין דעם רעש ווי א רוח, אפט און אפט מיט א ווארט, נא ב"ה מען האלט שוין ביי „נעריצך" דא איז ארויס דער טענאר וויא איין אקטאר מיט א שטעלע אין איטאליעניש, „כבודו מלא עולם" האט ער געזאגט מיט געמישטע טעננער, אביסעל אונטער דער נאז אין קוויטש אריין, און פארקראכען ניט ווייט אין ביי קול, נאר אין דעם ווארט „איה" האט ער געלייגט די גאנצע כוחות, געארבייט מיינע שונאים מיט דער גאל, א גוט פערטעל שעה

נאָ ברידער ! וויא געפעהלט אייך א שמועס פון אזוינעם וואָס ער איז געוועזען קליגער פון אַלע מענשען ? וואָס הייסט עס ? דאָס שוועסטערל איז דאָך נאָך א קליינס, נאָ בעדאַרף זיא דאָך נאָך גאָר ניט האָבען קיין שדים ? און נאָך וואָס זאָל מען שוין זאָרגען וועגען א שידוך ? אַז זיא וועט גרעסער ווערען, איז צו גאָט א האָפענונג אַז זיא וועט מן הסתם זיין מיט אַלע אידעשע טעכטער גלייך ? און ווידער איז א פליאה, ווער איז דאָס קליינע שוועסטערל, וואָס מען דאַרף פאַר איהר זאָרגען ? פון וועמען רעדט מען דאָ ? היינט לאָמיר זעהען, וואָס ער זאָגט ווייטער „אם חומה היא" איז דאָס שוועסטערל א מויער „נבנה עליה טירת כסף" לאָמיר אויף איהר בויען א זילבערנעם פאַלאַץ, „ואם

איז ער ארום געפלויגען מיט'ן האַלדז ביז ער האָט זיך אַליין קוים דערשלאָגען צום וואָרט „איה" און האָט איהם פלוצלונג ארויס געוואָרפען פון דעם מויל— „ממקומו הוא יפן ברחמים" האָט ער געזאָגט גאָר אין בעטלעריש אַז עס איז אַזש אריבער אַ קעלט איבערן לייב, פאַר „שמע ישראל" האָט דער באַס געמאַכט אַ שטעהל אין אידעש, און דער חזן טוז נאָך איהם און האָט געשריען „שמע ישראל" אַז די פענסטער האָבען געציטערט, די הענגלייכטערס האָבען זיך אַזש געשאָקעלט.—

אין שוהל איז דערווייל איין ענגשאַפט אַז גאָט זאָל זיך מרחם זיין, איי־נער דעם אַנדערען קוועטשט אַרויס ריא נשמה, דיא העמדער זיינען געוועזען אוים צו דרעהען, עס איז שוין נאָך איינס דער זייגער, קיינער האָט נאָך אינ'ם מויל נישט געהאַט, יאָ איין עונג יום טוב ? וויא געפעהלט אייך איין השגה פון אונזערע ליטוואַקעס ! שוויטצען און דאַרען אום יום טוב ביז צוויי דעם זייגער ? אפילו נאָך דער נעכטיגער וועטשערע קאָן מען שוין אביסעל וואַרטען, איך האָב פיינט צו זאָגען מען האָט זיך טאַקי גוט אונטערגעפּאַקט, חלעבען אַ גאַנץ איי, וואָס לויט דער גמרא איז מען דערמיט יוצא וויא מיט אַ פערטעל פונט פלייש, און אַ שיסעל זודיגע וואַסער מיט מצה פאַרפעל, היינט פאַרגעסט ניט טאַקי דיא דריי זיתים מצה אַליין, די המוציא, דער כורך און דער אפיקומן, נאָר גלאַט לכבוד יום טוב האָט מען שוין געמעגט עפּעס פאַרזוכען, נאָר אויך דיא אייגענע מעשה, דעם אַנדערן איז גוט צו זאָגען, וויא וואַרפט מען אוועק אין מיט'ן און ניט הערען דעם „ומפני חטאינו ?" מען איז טאַקי פאַרשוויצט געוואָרען נאָך אַ גוטע שעה, עס איז אָבער כדאי געווען, דער חזן האָט אַ שיט געטאָן מיט טרעלען פינ'ם האַלדז דעם „חטאינו" האָט זיך ממש געשיט חטאים וויא פון א זאַק, דערנאָך אַז ער האָט אַ געשריי געטאָהן „גלינו מארצנו" האָט מען טאַקי ממש געהערט וויא ער זאָגט פונ'ם האַרצען אַרויס, און עס איז נע־באַך אמת, דאָס קול האָט מען אוודאי געקאָנט הערען פון דאַנען ביז אויסלאַנד, דער גאַנצער עולם האָט זיך צוחליפּעט אופן קול אזוי וויא אים יום כפור.

דלת היא“ איז זיא א טיהר, „נצור עליה לוח ארז“ לאָמיר זיא בּעלעגערן מיט א בּרעט פון צעדער האָלץ.— נאָ פרעג איך אייך, האָט דאָס עפּעס א טעם אָדער א ריח ? נאָך אַ מאָהל אויב א קליין שוועסטערל איז אַ מויער, וויא איז דאָס א שוועסטערל א מויער ? נאָר לאָמיר שוין רעכענען אז דאָס שוועסטערל איז א מויער, מילא וואָס זשע ? זאָל מען אויף איהר בּויען אַ זילבּערנעם פּאַלאַץ ? וואָס זשע וועט זיין דערפון? און אויב זיא איז א טיהר, זאָל מען אויף איהר אַני־דער לייגען א בּרעט, און דווקא פון צעדער האָלץ, נאָ אַז דאָס שוועסטערל וועט שוין אומגעהן מיט אַ בּרעט, וועט דאָס שוין זיין א מעלה צו אַ שידוך ? חאָטש זיא האָט ניט קיין שדים ?—

דער כּלל בּריעדער ! די פּרשה איז דיא שווערסטע אין גאַנץ שיר השירים, גענוג פּענעם זיינען שוין צובּראָכען געוואָרען, גענוג טינט איז פּאַרגאָסען גע־וואָרען, אויף דיא שווערע פּסוקים, אָט דאָ האָב איך אַ נקמה אויף דיא פּשטנים, זיי זאָגען שטענדיג, אַז מיט פּשט אַליין קאָן מען דורך געהן גאַנץ תנ“ך, און בּרענגען דערצו א שטאַרקע ראיה, וואָס איז ? דיא גמרא זאָגט „אין המקרא יוצא מידי פּשוטו“ דאָס הייסט : דוא מעגסט זיך זאָגען דרשות וויא פיעל דו ווילסט, אָבּער דער פּסוק וועט פון זיין פּשט ניט ארויס בּשום אופן, לאָזען זיי אדרבּה ווייזען זייער קונץ בּיי דעם פּסוק, לאָזען זיי איהם ערקלעהרען על פּי פּשט, נאָר מיינט ניט אַז איך האָב שון אלע קשות אויס געפּרעגט, ניין ! אָט הערט נאָר גוט צו דיא תשובה פון שלמה המלך, אויף דער שאלה „מה נעשה לאחותינו ביום שידבּר בּה ?“ דאָס הייסט : וואָס וועלען מיר טאָהן מיט אונ־זער שוועסטער, אַז מען וועט איהר ריידען אשידוך? „אני חומה ושדי כּמגדלות“ איך בּין אַ מויער און מיינע שדים איז וויא טוהרמעס, נו, וויא געפעלט דאָס אייך ? פּאָרהער האָט ער דאָך געזאָגט אַז זיא האָט גאָר ניט קיין שדים, און צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז זיא האָט שוין גאָר גרויסע שדים וויא טוהרמעס ? און אויב עס איז יא אַזוי, נו, וואָס זשע איז דאָ געווען דיא שאלה, וואָס מען וועט טאָהן אַז מען וועט איהר ריידען א שידוך ? (דאַכט מיר אַז א כּלה... מעג גאָט בּענשען אַלע אידישע קינדער), היינט הערט דעם סוף, „אָז“ דעמאָלט (ווען דעמעלט ?) „הייתי בּעיניו“ בּין איך געוועזן אין זיינע אויגען (אין וועמעס אויגען ?) „כּמוצאת שלום“ אַזוי וויא דיא וואָס געפינט פריעדען, — איך זאָג אייך דעם אמת, אַז איך האָב ניט אַזוי פיעל האָר אויף מיין קאָפּ, וויא פיעל פּרושים איך האָב שוין געזעהען אין מיין לעבען אויף דיא פּסוקים, — וואָס פאָרט מיינט איהר איז שוין ניט געוועזן דאָס קליינע שוועסטעריל בּיי דיא מפרשים אין דיא הענד ? „דער פּסל מיכה, דיא עשרת השבטים, דער בּית שני, דיא תורה שבּעל פּה, דער ריש גלותא, דיא שומרונים מיט זייער בּית המקדש אויפ'ן הר גריזים, דער בּית חוניו אין אַלכּסנדריא של מצרים“, אַנדערע זאָגען אַז דאָס קליינע שוועסטעריל זיינען גאָר דיא קאַראַאימעס, וואָס האָבּען ניט קיין שדים, דאָס הייסט : זיי האָבּען ניט די תורה שבּעל פּה ? אַנדערע זאָגען אַז דער פּסוק געהט

אויף אזעלכע חכמים וואָס זיינען אָהן תורה, מחמת עס שטעהט „אמור לחכמה אחותי את", זאָג דער חכמה: דיא ביזט מיין שוועסטער, און דיא חכמה אליין אָהן תורה, איז זיא גלייך טאַקי וויא אָהן שדים.

נאָר דיא אלע פירושים זיינען נאָך אלץ ניט גענוג רעכט צו מאַכען דעם פסוק, ווער רעדט שוין פון דיא פשטנים, מיט זיי קאָן מען גאָר נישט מאַכען, א פשטן זאָגט, אַז שיר השירים איז גאָר פשוט, דאָ שמועסען א חתן מיט א כלה, ער ריהמט זיא, און זיא איהם, אַי נאָך וואָס זאָגט מען דאָס אלע ערב שבת פאַר נאַכט? און ניט נאָר אינגלעך אָדער איידעמס, טאַקי יוסטע בעלי בתים, און פרושים פון טיעף זאַמעט אויך, וויא פאַסט דאָס פאַר זיי נאָך זינגען מיט טראָפ א ליעבע, און קומען דורך דעם צו א הרהור ח"ו? דאָס אַרט דעם פשטן גאָר ניט, פון זיינעט וועגן איז רעכט, אַז מען זאָל טאַקי ניט זאָגען, און ניט לייענען שיר השירים פסח אויך, — נו, הא, איז ער גערעכט? אדרבה זאָל ער זיין א בריה און מפרש זיין אין פשט דאָס קליינע שוועסטעריל? —

חאָטש א חוץ דעם איז גאָר אונמעגליך, אַז דער הייליגער שלמה המלך זאָל גלאַט מאַכען א שיר פון א חתן מיט א כלה? טאַקי א טיעפער ענין פאַר אַזא חכם וויא ער ע"ה איז געוועזען, א שפּאַס שלמה המלך! געוואלד געשריגען, ער וועט זיך נאַריש מאַכען מיט אַזוינע זאַכען? —

דיא פשטנים האָבען נאָך א העזה, אויף דעם צו ענטפערען, וואָס אין פסוק שטעהט אויף שלמה'ן אַז ווייבער האָבען איהם אראָבגעפיהרט פון'ם דרך הישר, בכן פאַסט שוין פאַר איהם מאַכען א שיר פון ליעבע אויך? ניין, דיא גמרא זאָגט אונז אין דער מסכתא שבת „כל האומר שלמה חטא, אינו אלא טועה", דער וואָס זאָגט אַז שלמה האָט געזינדיגט האָט א טעות, זיין גאַנצער חטא איז מעהר ניט געוועזען, נאָר וואָס ער האָט ניט געשטערט זיינע ווייבער פון עבודה זרה דיענען, אָבער ער אליין, האָט געוויס ח"ו ניט אָבגעטרעטען פון גאָטעס וועג.

דער כלל איז, פשטות קאָן טאַקי אמענשען פאַרפיהרען אין'ם תהום אריין, וואָרום נאָך דעם גאַנג פון פשטות וואָלטען מיר געדאַרפט דענקען, אַז דוד המלך איז דאָך געוויס געוועזען א שטאַרקער חוטא, (און דאָס פאַסט גאָר ניט פאַר איהם וואָס האָט שטענדיג געזאָגט תהלים), דיא קינדער פון עלי הכהן חוטאים ופושעים, און וואו? נאָך אין משכן, דיא קינדער פון שמואל הנביא זיינען גאָר געוועזען פראָסטע האַבאַרניקעס, חלעבען א גוטער תכלית פאַר אונזערע קדמונים? (אַזא יאָהר זאָל זיין מיינע שונאים, וואָס פאַר א חן דאָס האָט).

אָבער דיא הייליגע גמרא פאַרזאָגט אונז גאַנץ שטרענג, אַז מיר זאָלען דאָס גאָר ניט קלעהרען, מיר טהאָרען דאָס ניט לערנען פשוט, דעריבער קאָן מען זיכער זיין, אַז שיר השירים איז אויך ניט וויא דיא פשטנים זאָגען.

נאָר אין דעם איז פאַרהאַנדען א טיעפער נמשל, און וויל דער נמשל ליעגט טיעף פאַרשטעקט אין א משל פון א ליעבע, דאַרום זיינען דאָ אַזוי פיעל בעלנים צו טרעפען דעם נמשל, מען זאָל וועלען אָבדרוקען א שיר השירים מיט אלע

מפרשים, וואלטען אפשר א פאר אקסען ניט געקענט דאס ריהרען פון'ם ארט, נאר דאס זעהט איהר איז יא ריכטיג, אז איידער מען ווייסט נאך דעם נמשל, מוז דאך דערווייל דער משל האבען א פשט, אט דעריבער זיינען דיא פסוקים פון דעם שוועסטעריל זעהר שווער, זיי האבען גאר אין משל קיין שום פשט ניט, נו, וויא קאן מען זוכען דעם נמשל, אז מען פארשטעהט גאר דעם משל ניט ? —

ליעבע לעזער ! דער מגיד איז הפנים צו דיא אלע מעלות נאך א שטיקעל שווינדלער אויך, ער האט מיט כוונה אזוי פיעל מאריך געווען אין זייטיגע רייד, כדי דערווייל זאל שוין ווערען שפעט, און מען זאל דארפען דאווגען מנחה, ער האט טאקי זיינם אויסגעפיהרט, עס איז שפעט געווארען, און נאך איידער ער איז געקומען צום פסוק, האט ער א קוש געגעבען דאס פרוכת, און דער דרוש איז שוין געקאנטשעט געווארען, אי דער פירוש אויף דעם שוועסטעריל ? אהן סכנה, וויא האט מען ביז יעצט געלעבט אהן א פירוש ? חלעבען ! מען וועט אפשר ניט קאנען עסען א גאנץ יאהר קרופניק מיט גישט, אז מען וועט ניט ווי־סען דיא מעשה מיט דעם קליינעם שוועסטעריל ? דער עולם האט דאס אפילו איהם גאר ניט פארגעהאלטען, פון א יריד האט ער זיי ניט אראפגעפיהרט, א דאגה, אבי פארבראכט א גאנצען טאג אין ענגשאפט, גוט איבערגעשוויצט.

אין אמת'ן געשמועסט, ווען ניט דער מגיד, וואס דען וואלט מען געטהאן ? א גאנצען טאג שבת יום טוב, גלאט זיצען און גענעצען ? איז נאך ערגער, קיין מלחמות הערט זיך שוין אויך ניט, נו, פון וואס רעדט מען ? אט האט דער מגיד א ביסעל געפלאנטערט מיט דער צונג, דער כלל איז ! מען לעבט אין ליטא א גאנץ יאהר וויא דיא פירשטען מיט כל טוב, און אזוי אויך אום יום טוב, דאס גאנצע פארגעניגען אין דער ליטא, איז נאר דער חזן מיט זיין טאטערשען מן המיצר און דער מגיד.

מען האט אבגעדאווענט מנחה, דער עולם האט זיך אויף גענומען אין רעד־לעך, און מען האט געשמועסט איבער וויכטיגע ענינים, איהר מעגט אוודאי מיינען וועגען חנוך נערים, א רעמעסלעני שוהלע, וועגען גוטע פאראדקעס ? שטאדט זאכען? פע, חלילה ! וואס פעהלט דען די אלע מנהגים און פאראדקעס? יעדער בעל הבית האט שוין ב"ה א פרישען מלמד פאר זיינע קינדער נאך כמעט פון חנוכה אן בעשטעלט, דער מגיד וועט תיכף נאך פסח אנהויבען זאגען „רות", עס וועט זיין מן הסתם וואס צו הערען, ער וועט זיך נוקם זיין אן דער מואבית „ערפה" מיט א שטייגער, ער וועט פון איהר דיא הויט אראפציהען, פאר וואס זיא האט זיך ניט מגייר געווען, עס וואלט טאקי דעמעלט א סך פרייהליכער גע־ווען, מען וואלט טאקי דעם ערשטען טאג שבועות געלייענט „רות" און דעם אנדערען טאג „ערפה" — און ווידער וויא וועט זיך ניט טאכען עפעס א פאר רעכטע הספדים חלעבען,וועט מען זיך קאנען אביסעל אויסוויינען דאס הארץ— דער חזן וועט אפשר מאכען א פרישען „מן המצר", אח א נייעם „מפני חטאינו" אוודאי — עסען וועט אפילו ניט זיין וואס, נאר וואס איז דיא דאגה? זומער־

לעב, איז גאָר ניט אזוי וויכטיג דאָס עסען, דיא לופט אליין איז מחיה נפשות, ווייטער הויבט זיך אָן א יונג ציבעלקעלע, א רעטיכעל, א שווארצע יאגדע, נישקשה, מען קען שוין וויא עס איז איבערשטופען דעם טאָג, דעריבער האָט דער עולם פון דיא זאכען גאָר ניט געהאט וואָס צו ריידען, עס איז אלעס אין אָרדנונג, וואָס דען? מען האָט זיך גלאט געשמועסט אביסעל אין הויכע ענינים, אנדערע וועגען דיא חזנים, געזאָגט מבינות, געשפּאַרט זיך, א ביסעל געקריגט זיך אויך, אנדערע פון'ם מגיד, דיא לומדים מכוח דער תורה וואָס דער רב האָט געזאָגט אין דער פריה, דער פּראָסטער עולם מכוח דיא וויבּאָרעס וואָס מען וועט מאַכען אום חול המועד אין דיא חברות: הדלקת הנר, שומרים לבוקר, מגידי תהלים, חברה קטנה, דער כלל איז, עס האָט געקאָכט אין גאנצען בית המדרש, אלע האָבען געשמועסט, געלאַכט, געזידעלט זיך, געזאָגט וויצען און שטעכ־ווערטלעך, פאר וואָס ניט? עס איז פּאָרט גוט אויפ'ן הארצען, עסען און טרינ־קען איז ב"ה דאָ לרוב, מאָרגען וועט דער חזן ווייטער אָבגעבען קאָנצערט, דער מגיד וועט געווים מאָרגען קאָנטשען מיט דעם קליינעם שוועסטעריל, אין דער היים, פון דיא עופות איז מען שוין ב"ה אויך גוט פּטור געוואָרען, אזא יאָהר אויף וועמען איך וויים...... חלעבען גאָר א מחיה, נו, דארף מען עפּעס זאָרגען?—

נו, ליעבע לעזער! לאָמיר לאָזען דעם עולם פארגעניגען האָבען, פון זייערע שטותים, און מיר זאָלען זיך בעסער פארקלויבען אונטערן אויווען, אפשר וועלען מיר נאָך אמאָל דאָרטען טרעפען יענע צוויי מענשען מיט דעם אפּיקורס, דאָר־טען וועלען מיר פּאָרט אפשר הערען עפּעס א וויכטיגען שמועס, דער עולם זאָגט א ווערטעל: בעסער מיט א קלוגען צו פערליערען, איידער מיט א נאר צו גע־ווינען, אָט א קלוגער זאָגט פּאָרט עפּעס א דבר חכמה, לאָמיר געהען, זיי מוזען געווים דאָרטען זיטצען, חלעבען טאַקי געטראָפען, גוט! גוט! —

.14

נאָך אמאָל א שמועס אונטער דעם אויווען.

דיא ערשטע צוויי, און אונזער שכן ר' חיים, האָבען צוגערופען דעם אפּיקורס, און האָבען צו איהם געזאָגט מיט גרויס דרך ארץ: זייט אזוי גוט, זעצט זיך א ביסעל לעבען אונז, אָט לאָמיר א ביסעל טאַקי פארברענגען, עס איז ממילא יום טוב, מיר האָבען אייך געוואָלט פרעגען מכוח דיא שווערע פסוקים, וואָס דער מגיד האָט דאָ געטאָלקעוועט א גאנצען טאָג, און איז געבליעבען ביי גאָר נישט, איהר זייט דאָך יא א בריה אין תנ"ך נאָר על פי פשט, וואָס קאָן דאָ אין אמת'ן זיין דיא מעשה מיט דער „אָחות לנו קטנה ושדים אין לה?" עס האָט דאָך טאַקי גאָר קיין פשט ניט? —

„אויב איהר ווילט וויסען און פארשטעהן דעם ענין דערפון", האָט ער זיי געענטפערט, מוז איך אייך פאָרהער געבען א בעגריף פון דעם גאנצען שיר השירים, נאָר לייגט צו דעם מוח, וועט איהר דאַכט מיר מודה זיין אז איך בין גערעכט, איך וויים אפילו, אז איהר וועט זיך שטעלען דובאָם, מחמת איהר האָט

דערפון גאָר אַנאַנדער בעגריף פון קינדוויים אָן, נאָר עס מאַכט ניט אויס, יעדער מענש האָט דאָך שכל, מוז מען דאָך פאָרט פאַרשטעהן וואָס גלייך און אמת איז.

איהר זאָלט וויסען אַז דער גאַנצער ענין פון מאַן און ווייב, וואָס אין דעם בעשטעהט דער גאַנצער קיום המין, און דאָס גאַנצע גליק פון דעם מענשען'ס לעבען, און וואָס דיא הייליגע תורה האָט זיך אויסגעדריקט „והיו לבשר אחד", דאָס הייסט: מאַן און ווייב זאָלען זיין וויא איין גוף, איז דאָס ביי אונז גאָר פאַרדאָרבען געוואָרען, ביי אונז איז דאָס דווקאַ ניט וויא „בשר אחד", נאָר צוויי פערשיעדענע נפשות, איינער פון דעם אַנדערען אַ מרחק רב, ביי אונז האָט מאַן און ווייב גאָר אַ פנים וויא אַ שותפות, צוויי מענשען אַז זיי מאַכען שותפות אין איין עסק, איז דאָך ניט דערפאַר וואָס איינער האָט באמת ליעב געקראָגען דעם אַנדערען, וואָס דען? נאָר וויל יעדערער בעזונדער קאָן דאָס געשעפט אַליין ניט הויבען, דארום מוז ער צונעהמען נאָך איינעם, און דורך דעם וועט מען קאָנען דאָס געשעפט מאַכען, דעריבער אויב דאָס געשעפט געהט ניט גוט, ווערט צווישען דיא שותפים גרויסע מחלוקת, און יִס געהט אַזוי ווייט ביז דאָס שותפות ווערט צוריסען און דיא שותפים ווערען איינער דעם אַנדערן שונאים גמורים אויפ'ן לעבען, אָט אַזוי מוז זיך אויסלאָזען איין אהבה וואָס זיא איז תלויה בדבר, דאָס הייסט: אַז יעדער איז נאָר אינטערעסירט מכוח זיין טובה, ער מיינט ניט יענעם נאָר זיך אַליין.

נו, ביי אונז איז דאָך דער קשר פון מאַן און ווייב, ניט וויל איינער האָט געקראָגען איין אהבה צום אַנדערען, וואָרום זיי האָבען זיך גאָר ניט געקענט פאָרהער, נאָר וואָס דען איז דאָ געוואָרען אַ קשר פון אַ זכר מיט דער נקבה? גלאַט, דער זכר קאָן דאָך אַליין ניט עקזיסטירען אויף דער וועלט, און דעסט־גלייכען דיא נקבה אויך, נו, האָט איינער אַ שדכן אָבגעשלאָסען אַ שידוך, (אַ שטייגער וויא אַ מעקלער שליסט אָב אַ שותפות), ייר האָט אַ ביסעל געלד און זיא האָט אויך אַביסעל, ער וועט פאַרדיענען, זיא וועט עוסק זיין אין שטוב זאַכען, זיי ביידע וועלען דאָך קאָנען דערלעבען קינדער, נו, מהיכא תיתי, ניט קיין קרום שותפות, אָבער אַ חוץ דעם אינטערעס, האָט איינער צום אַנדערען גאָר קיין שום ליעבע געפיהל ניט, ווען איינעם פון זיי וואָלט זיך געמאַכט אַ בעסערע שותפות מיט בעסערע אופנים מיט מעהר געלד, וואָלט ער אוודאי גע־מאַכט יענע שותפות און נישט דיזע, וואָרום ער, למשל, האָט דאָך ניט דווקאַ ליעב נאָר דיא פרוי און ניט קיין אַנדערע.

דעריבער, אויב דאָס עסק צווישען דיא שותפים געהט ניט וויא צום בעס־טען, איז דאָך טאָג און נאַכט קולות און קללות, איינער דעם אַנדערען וואָלט גערן געשאָכטען, אַמאָל געהט דאָס אַזוי ווייט ביז עס ווערט גאָר אַ פירוד, און דאָס שותפות ווערט בטל ומבוטל.

אָבער דאָס מוזט איהר דאָך מודה זיין, אַז ניט דער שכל און ניט דיא תורה זיינען מסכים אויף אַזאַ לעבענסאַרט, ניט אומזיסט רעדט שלמה המלך אין

משלי, אַזוי פיעל פון דער „אשה רעה", פון דער „אשת מדנים", דאָס איז טאַקי

דאָס גרעסטע אונגליק אויף דער וועלט,שלמה המלך אַ חוץ זיין חכמה איז ער נאָך זעהר פּראַקטיש געווען, ער האָט געקאָנט דעם כאַראַקטער פון דיא ווייבער, און ווייל ער האָט געהאַט אַליין טויזענד ווייבער, דאַרום האָט ער געזאָגט „אָדם אחד מאלף מצאתי, ואשה בכל אלה (עס הייסט אין מיינע טויזענד) לא מצאתי", ער האָט גוט בעמערקט, אַז כמעט ניט איינע איז איהם פאַרבונדען אוים וואַהרע ליעבע, עס הייסט, זיא זאָל איהם ליעב האָבען אָהן אַ שום אינ־טערעס, נאָר וואָס דען? דיא צוליעב זיין עשירות, דיא צוליעב כבוד, זיין אַזוי אַ בעריהמטען קעניג'ס פרוי, אָבער זיי זאָלען איהם אַליין ליעב האָבען, ניט זיין אָבסטאַנאָווקע, דאָס האָט ער ניט איינגעזעהען אפילו ביי איינער פון דיא אַלע טויזענד. —

און דאַרום האָט ער געמאַכט דעם שיר השירים, פאָרגעשטעלט איינע אַ גרויסע יפת תואר, וואָס זיא האָט געקאָנט צוליעב איהר שיינהייט אַריין אין היכלי מלכים, חאָטש זיא איז געווען גאָר אַ הירטהין, געפּאַסעט שאָף, נאָר זיא האָט זיך פאַרליעבט אויף אין אַ פּאַסטוך, עס פאַרשטעהט זיך, אַז פיעל פירש־טען און גראַפען האָבען געוואָלט זיא בעקומען צו זיך, נאָר זיא, ווייל זיא האָט געהאַט דיא וואַהרע ליעבע צו דעם פּאַסטוך אָהן אַ שום אינטערעסע, דאַרום האָט זיא גזאָגט: „הביאני המלך חדריו", דער קעניג האָט מיך געבראַכט אין זיינע צימערן, פון דעסטוועגען „נגילה ונשמחה בך", איך האָב נאָר שמחה פון דיר אַליין, דיא אַלע בנות ירושלים האָט זיא זיי בעשוואָרען „אם תעירו ואם תעוררו את האהבה עד שתחפץ" מחמת דיא אַלע פרויען נעהמען זיך מאַנען צו־ליעב זייטיגע זאַכען, אַ שטייגער געלד, כבוד, און זיי ערוועקען זיך כלומרשט ליעב האָבען אַ מאַן, דאַרום האָט זיא געזאָגט „זייט ניט מעורר דיא אהבה צו־ליעב אַנדערע פּריטשינעס, נאָר דיא אהבה זאָל פון זיך זעלבסט נתעורר ווערען", זיא האָט דאָס אין זיך זעלבסט געפיהלט, מחמת קיין יאָך האָט דאָך ניט געקאָנט איהר מעורר זיין ליעב צו האָבען דעם פּאַסטוך, קיין געלד, קיין כבוד, נאָר דיא אהבה זעלבסט האָט זיך אין איהר ערוועקט, אָט דאָס איז דיא וואַהרע ליעבע, מיט אַזאַ פרוי קאָן מען שוין לעבען גליקליך ביי אַלע צושטענדע, מיט אַזאַ פרוי קאָן שוין דאָס שותפות ניט בטל ווערען, ווען אפילו דער עסק געהט ח"ו גאָר ניט גוט, וואָרום וויא למשל אַמענש קאָן ניט אָבטרעטען פון זיך אַליין, ער מוז פאַר־שוואַרצט ווערן למשל פון איין קראַנקע האַנד, אָדער איין פוס, אַזוי קאָן דער מענש זיך ניט שיידען מיט זיין ווייב, וואָס זיי זיינען אופגעקומען אין איינעם פון גאָלע ליעבע, אָהן אַ שום פניה, נאָר אַ סעקרעטנער כוח האָט זיי צוגעצויגען איינעם צום אַנדערען. —

אָט אַזאַ פרוי האָט שלמה פאָרגעשטעלט אין שיר השירים, פאַר איין בילד און אַ מוסטער וויא עס ברויכט צו זיין אַ פרוי, ער האָט דיעזע הירטהין גע־שטעלט העכער, וויא אַלע זיינע גרויסאַרטיגע פרינצעסינס און קעניגליכע טעכ־

טער, וואס זייער ליעבע צו איהם איז געוועזען נאר דורך זייטיגע סבּ ת, וואס קאנען ניט אויף אייביג זיין.

איך וויים גאנץ גוט, אז ביי אזעלכע מענשען וויא אונזערע אידען וואס לעבען אב דאס גאנצע לעבען אין מחלוקת און קללות, האבען אזעלכע רייד א פּנים פון גאלע שטותים, שלמה המלך א בעל רוח הקודש, וועט מאכען א שיר מכות א ליעבע פון א הירטהין וואס זיא האט פעראכטעט שרים און מלכים, און האט נאר געהאט א ריינע ליעבע צו א געמיינעם פאסטוך? טאקי א שארפער שמועס פאר אזא חכם? נו, דעריבער קאן זיך דאס גאר לייגען אויפ'ן מוח ביי אונזער מגיד, (וואס ער פיהרט אויך געווים א וואהרע ליעבע מיט זיין מגיד'קע) אז שלמה המלך זאל גאר טאלקעווען מכח אזוינע הבלים? אבער אין אמת, פיהרט דער שיר, נאך דעם גאנג וויא איך זאג, צו איין גרעסערען צוועק, איידער נאך אלע דרושים פון דיא מגידים.

בקיצור, אט דאס איז דער פירוש פון שיר השירים נאכ'ן גאנג פון דעם פשטן, זאגט אליין, דער מגיד האט דאך שוין 4 וואכען פארדולט אייך דיא קעפ מיט זיין זאגען שיר השירים, נו, ווייסט איהר דען שוין יעצט דעם פירוש פון דעם? מיר דאכט אז איהר ווייסט נאך גאר ניט, אקוראט וויא איידער ער האט אנגעהויבען צו זאגען, פאר וואס? מחמת זיינע רייד האבען ניט קיין ממשות, והא ראיה אז דיא אייגענע רייד וואס ער האט דא געפלאנטערט אויף שיר השירים, בעט איהם, וועלען זיי געהן אויף „רות“ און אפשר אויף „מגילת אסתר“, און פאר וואס ניט אויף „איכה“?

איהר זאלט וויסען אז גרינגער פון אלעס, איז זאגען דרוש, ווארום דער דרשן קוקט גאר ניט אויפ'ן ענין, נאר אויף עטליכע ווערטער פון'ם פסוק, דיא ווערטער וואס שטעהען פאראהער און נאך דעם הערט ער גאר וויא דעם קאטער, נו, אויף אזא אופן איז טאקי גרינג צו פלוידערן וויא עס איז, גאר אהן איין עק.

זעהט איהר! פשט צו טרעפען דאס איז יא א קונץ, נאר אוודאי איז נישט אומעדום מעגליך צו וויסען דעם פשט אין תנ"ך, דארט ווערט גערעדט פיעל מאל וועגען ענינים וואס זיינען געווען בעקאנט דעמאלט און דער שרייבער האט אין זיי מקצר געוועזען, מחמת אלע לעזער אין זיין צייט האבען זעהר גוט פאר־שטאנען זיין כוונה, אט למשל, אזא שטייגער וויא דיא פסוקים „אחות לנו קטנה וגו'“, וואס מען זעהט אז זיי זיינען געווען אנגעוויזען אויף א געוויסער געשיכ־טע, וועלכע זיא איז געווען אלעמען בעקאנט, דעריבער איז יעצט גאר אומזיסט דיא מיהע מען זאל זוכען א פשט צו אזעלכע שטעלען, זיי בלייבען שוין אויף תמיד אונפערשטענדליך, און דאס קליינע שוועסטעריל איז אויך איינע פון דיא שטעלען. —

דיעזער שמועס וואלט זיך נאך אפשר געצויגען כמה שעות, נאר מען האט אין מיטען מפסיק געווען מיט מעריב דאוונען — נו, דאכט זיך ב"ה פרייהלאך אין בית המדרש, עס איז דאך יום טוב זמן חרותינו, נאר גאר פלוצלינג האט זיך

פּאַרצויגען אַ חמאַרע פון עצבות, אַלע האָבען אַראָבגעלאָזט דיא נעז. יעדער האָט זיך מכין געווען אַ שטייגער וויא צו איין אוגאַלאָוונעם עסק, וואָס איז ? מען דאַרף דאָך צעהלען ספירה ! אייגענטליך קעהר דיא ספירה זיך גאָר נישט אָן מיט עצבות, דאַכט זיך פאַרקעהרט, דיא ספירה צעהלען ברויכט צוגעבען דעם מענשען אַ שמחה, וואָרום די תורה הייסט אָבצעהלען פופציג טעג און מאַ־כען שבועות, וואָס זשע איז דאָס פאַר אַן אונגליק ? הערט אָבער מיט וואָס פאַר אַ ביטערען טאָן מען מאַכט דיא ברכה „על ספירת העומר", און דער נאָך גיט מען אַ געשריי מיט אַ זויערער שטימע „היום יום אחד בעומר" עס זיינען גאָר פלוצלונג געוואָרען דיא ספירה טעג אַ סכנה צו פיעל זאַכען, זיי האָבען געקראָ־גען אַ פּנים וויא דיא טעג פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב, יויא געפעהלט אייך אזא מעשה ? דיא מקובלים האָבען זיך שטארק גענומען צו דעם דין פון ספירה, עס האָט זיי פערדראָסען וואָס דאָ איז עפּעס גאָר ניטאָ וואָס צו זאָגען, נאָר א ברכה מיט דער צאָהל פון דעם טאָג, ניין, ניט אַזוי גיך טהוט מען א מצוה, זיי האָבען איינגעפרעגעלט דיא ספירה צעהלען מיט עשר ספירות, איינגעפלאָכ־טען איינע אין דער אַנדערער,חסד אין גבורה, חסד אין תפארת,תפארת אין חסד גבורה אין תפארת, דער כלל געוויזען קונץ שטיק, אויסגעקליבען עפּעס א רעכמ'ן מזמור פון תהילים,פערפּאַסט אַ בכבוד'דיגען יהי רצון, נאָ יעצט איז שוין ב"ה •"אָ צו זאָגען טאַקי האָטש אוי אַ גאַנצע האַלבע שעה, מהיכא תיתי יעצט האָט עס טאַקי אַ פּנים פון אַ מצוה.

בקיצור, מען האָט מכבד געווען עפּעס א איש נכבד מיט ספירה צעהלען, אין בית המדרש האָט דאָס עסק געקראָגען א פּנים וויא יום כפור צו כל נדרי, נאָר דאָס גאַנצע גליק איז געווען, וואָס עס האָט לאַנג נישט געדויערט, איינער דעם אַנדערן האָט מוסר געווען דעם יסוד א ביסעל געקרימט זיך, און מתקן געווען דיא פגימות פון דער ספירה, און דערנאָך וויטער פרעהליך, „גוט יום טוב ! גוט יום טוב !" האָט איינער געזאָגט דעם אַנדערן און מאַרש אהיים.—

אין שטוב איז ליכטיג, דיא ווייבער קאָכען וועטשערע, געוועהנליך אז דיא ווייבער האָבען שוין עפּעס אָנגעהויבען זיך אלע צו דרעהען ארום דעם אויווען, איז שוין גאַנץ רוהיג נישט געווען, עס האָט זיך שוין געהערט אין ערטער ווייז ניט ווי אַ קללה, נאָר שטעכווערטלעך, נאָך געקריהמט זיך איינער דער אַנדערער, נאָר קורץ און שאַרף, ניט פערברייטעט דאָס עסק, אונזערע שכנים האָבען דער־וויל מכין געווען פרישען חריין, פאַר פאַרטיגט דיא הסיבה בעטין מיט דער קערה, דיא גרויסע פאָסטרויקע ! אוודא ניט אַזוי שטרענג וויא נעכטען, עס האָט שוין ניט געהאַט דעם גלאַנץ פון דעם ערשטען סדר, נישטאָ דיא נעכטיגע אָרד־נונג, דער נעכטיגער געשמאַק, מען איז שוין ניט געווען אַזוי פּינקטליך אין יע־דער זאַך, די קינדערלאַך זיינען גאָר אַלע איינגעשלאָפען געוואָרען, און גאָר ניט געזעסען צום סדר, נאָר וויא דיא מעשה איז, אַבי אָפּגעפּראַוועט ב"ה די סלווש־בע בשלום, און געלייגט זיך שלאָפען.—

מען שלאָפט ווייטער רוהיג, אויפגעשטאַנען, און תיכף אין דיא בתי מדרשים אריין, פון דאָרטען אלע אין דער גרויסער שוהל, גיהערט דעם חזן, דער חזן האָט זיי גוט אָנגעוואָליכט, געבעטלערט, א ביסעל געטרעלעלט, דער כלל עס איז גיוועזן א עונג יום טוב, מען האָט ב"ה ווידער אָבגעגעסען, זיך איבערגעשלאָפען, אין שטאָדט איז שטיל רוהיג אויף דעם העכסטען גראַד, דער עולם איז זאַט, אפילו אויף ביי נאַכט איז שוין געוועזן אָנגעגרייט ביי יעדען א טייגעכץ פון מצה, אָדער פון קאַרטאָפעל, מיט איינעם וואָרט, עס אז שוין כמעט צו גוט, דאָס עסק האָט שוין געמוזט לאָפּנען, אַ איד קאָן ניט מקבל זיין רוב טובה. יעקב אבינו! אז ער האָט שוין געוואָלט נעבאַך זיצען בשלוה, ער איז שוין פטור געוואָרען דעם גוטען שווער לבן, דעם ברודער עשו, און ניט פאַרזינדיגען ער איז שוין געווען טאַקי אַ יוסטער בעל הבית מיט אַלעם גוטען, מיט קינדער, מיט אייניקלעך, וואָלט דאָך באמת שוין גאָר גוט געווען, אַהאַ אָבער מעשה שטן, האָט זיך אויפגעשפּילט דיא געשיכטע פון יוסף, אָט אַזוי זיינען אַלע אידען אין דער בחינה פון יעקב, וויא עס ווערט עטוואָס בעסער דער שטאַנד, אהא עס גיעבט שוין עטוואָס נייעס, און עס איז שוין ווייטער ניט גוט, אָט למשל א שטייגער אונזער שטעטעל, חלעבען וואָס זאָלען מיר זיך דאָ נאַרען, ווייניג איז מען אָבגעקומען 4 קיילעכדיגע וואָכען, געליטען הונגער, קעלט און גריזאָטע איבערן האַלדז, געהאָרעוועט טאָג און נאַכט, נאָר דאַנקען גאָט דערלעבט „פסח", מהיכא תיתי פאָרט יום טוב, מען עסט דאָך עפּעס, אין שטוב איז ריין, שטיל, נאָ וואָלט דאָך דערווייל ניט שלעכט געווען, וויא זאָגט מען עפּעס א חיי שעה איז אויך גוט, אַ שפּאַס א פערגעניגען ביי אזא סאָרט מענשען, אַז ער רוהט זיך אָפּ א פּאָר טעג, און ער בעקומט סך הכל מעהר ניט וויא איין צעהנדליג קללות פון זיין ווייב, עס איז דאָך פאָרט יום טוב, שעלט זי ניט אַזוי פיעל, גאָר ניט שעלטען איז ניט מעגליך, מען טאָר איהם ניט שטאַרק נאָך געבען, ער זאָל ח"ו ניט פאַרגעסען תרבות פון גרויס ראָשקאָש.—

בקיצור דער עולם שלאָפט נעבאָך זעהר רוהיג, און האָבען זיך נעבאַך גאָר ניט געפיהלט דעם גרויסען אונגליק וואָס דאָ וועט זיך טרעפען, איהר וועט הערען א מעשה, איהר וועט נשתומם ווערען.—

.15

דער געווים ער האָבער.

אין גאַס האָט פּלוצלונג אָנגעפאַנגען צו קאָכען וויא אין א קעסעל, וואָס איז? א וואַסער טרעגער, מיט איין אָבגעגאָלטען קעפּעל, נאָר צוויי גאַנץ לאַנגע פּאות טרייסלען זיך אויףביידע זייטען, אָהן אַ היטעל אויף דער יאַרמולקע, אָהן קאַפּטען נאָר אין אַ לייוועגטענעם לאַנגען לייבצידאַק, מיט לייוועגטענע פּלודערין, אַ פּאָר שקראַבעס אויף דיא פיס, דער קראָמיסלע אויפ'ן אַקסעל, לויפט שרעקליך פאַרסאָפּעט איבערן גאַס, אַ סך בחורים קליינע און גרויסע, אין דיא פאָטערס שטריימלען (אַזוי איז געווען דיא מאָדע, שבת אָדער יום טוב

בשעת דער פאָטער איז געשלאָפען, פלעגט דאָס אינגעל חאַפּען אויפען קאָפּ דעם פאָטער'ס שטריימעל) בעלייטען איהם, וויא אַהין לויפט ער? עס מוז עפּעס זיין, גאָר פשוט ער לויפט צום רב, א גישריי אנגעפילדער, עס איז שלעכט, איין אונגליק האָט זיך געטראָפען, וואָס איז? אָט דאָס רבי! האָב איך דערזעהען אין דעם וואַסער בשעת איך האָב אָנגעשעפּט, האַ? וואָס? יאָ חלעבען, טאַקי א „האָבער" און שטאַרק צו ווייקט, „שלעכט מיט דעם שטעדטעל", וויא דיא קינדער האָבען דערשמעקט דיא גוטע בשורה, אַלע טוז אַהיים מיט אַ געוואַלד, „א האָבער! א האָבער!" אַלע אין שטוב האָבען זיך אויפגעהאַפּט ניט טויט ניט לעבעדיג, דאָס וואָרט „האָבער!" האָט זיי אַ זעץ געטאָהן אין קאָפּ וויא אַ דונער ר"ל, זיי האָבען שוין ארויסגעזעהן אַז דאָס איז עפּעס מעשה שטן, דערווייל זיינען די אינגלעך ווייטער ארויס געלאָפען אויפ'ן גאַס,א געשריי א געקוויטשעריי, וואו איז ער מיט'ן שטריימעל? לאָמיר געהן הערן וואָס עס הערט זיך? „איציקעל אַהער געה!" שרייט דיא מוטער דורכ'ן פענסטער, דוא ווילסט אַז דער טאַטע זאָל דיר דיא ביינער צוברעכען? „איך וועל באַלד געהן" ענטפערט איציקעל, דער וואַסער טרעגער איז נאָך פון'ם רב ניט אַרויסגעגאַנגען, „נאָ וואָס הארט עס דיר שאַרלאַטאַן?" שרייט ד א מוטער, „ווערסט געהן צו ניין?" א שמחה אויף זיין קאָפּ, קדחות וועסט דוא שוין עסען, ניט קיין טייגעכץ, „קום שוין, צו דיר רעדט מען?" דער כלל איז, גענוג פעטש און שלעג האָבען בעקומען דיא קינדער ביז מען האָט מיט געוואַלד ביי זיי אַראָבגעריסען דיא שטריימלעך.

נאָ, נאָ, דאָ איז אַביסעל געוואָרען אַן עולם אַרום דעם רב'ס שטוב, עס האָט דיא זאַך נוגע געוועזן א סך מענשען, דער ווייל איז דער וואַסער טרעגער ארויס מיט דער גוטער בשורה, „דיא גאַנצע גאַס איז חמץ'דיג"— גאָר ניט געקלערט האָבען תיכף אַלע בעל בתים אויס געגאָסען דאָס וואַסער פון דיא פעסער אויף דער גאַס, אַלע טייגיכצען, און אפילו קניידלעך אויך, האָט מען ארויסגעוואָרפען אין איין געוויסען גראָבען, דער כלל וואָס עס האָט זיך נאָר געפינען עסענוואַרג וואָס זיינען נאָר געמאַכט געוואָרען מיט וואַסער, האָט מען דאָס מחילה געבעטען און אַריינגעוואָרפען אין'ם גראָבען אַריין, חזרים זיינען באַלד זיך צונאַנד געלאָפען, און האָבען גענומען פאַקען דיא סעודה, אַלע בחורים פון שטעדטיל, קליין און גרוים מקרי דרדקי יונגלעך, חומש'ניקעס, גמרא יונגלעך, עילוים, יונגע אײדעמלעך, פועלים פון אַלע סאָרטן בעלי מלכות האָבן זיך אויפגעקליבען און האָבען געוואָרפען שטיינער אויף דיא חזרים, עס האָט זיי פערדראָסען וואָס דיא טייגעכצען קומען צו זיי אָן, אָבער דיא חזרים האָבען דאָס מקבל באהבה געוועזן, געדאַנקט דעם רב, און דיא בחורים אויף להכעים האָבען זיי מיט שטאַרק אַפּעטיט אויפגעפרעסען גאָר אין גאַנצען. —

עס האָט געריסען ביים האַרצען, אין אַלע שטיבער איז געוועזן חושך, אַלע האָבען אַראָבגעלאָזען דיא נעז? אין אמת איז דאָס טאַקי אין דער ליטא א

שרעקליכער אונגליק, וואָרום ווער פאַרגינט זיך אַ גאַנץ יאָהר מאַכען אַ טיי־געכץ? סיידען דער בעל טאַקסע, דער סבאָרטשיק, דער גלאַסנע פון דער דומע, אָדער אַ פּאָדראַטשיק, און איין אָנזעצער, אָבער גלאַט בעלי בתים וועלען אַזוינע שאַרלאַטאַנסקע געננג ניט פיהרען, אין דער ליטא שפּיעלט דאָס עסען גאָר קיין ראָללע נישט, דערפאַר אָבער שפּיעלט ביי זיי אַ ראָללע זייער יחוס, אַ שפּאַס אַ איד פון דער „מיר“ אָדער חלילה גאָר אַ „סלוצקער?“ ער וועט זיין אַ נאַר און זיך גלייכען צו אַ וואָלינער? ער זאָגט: דער וואָלינער איז אַ שוטה, גלויבט אין בעש“ט, היט ניט דעם שולחן ערוך מיט אַלע פּישטשעווקעס, אָט פאַר אַזוינע פּאַסט טאַקי צו זיין אַ זולל וסובא אויך, אָבער ניט פאַר אַ ליטוואַק, אַ חכם אַ למדן, ער דאַרף זיך נישט קימערען וועגען אַזעלכע פּוסטע זאַכען וויא עסען און טרינקען, אַי דוא ליטוואַק וואָס איז מיט דיר דיא חכמה? וואָס איז? דוא ווילסט ניט גלויבען אַז דער בעש“ט איז געפלויגען אויף אַ וואָלקען רייי־טענדיג, אַז אַלעקסע זיין גוי פלעגט זיצען מיט'ן אָחור צום פערד*), און ער פלעגט האָבען קפיצת הדרך, אַז דעם מעזעריטשער האָט אַ טויטער פידלער געלערענט אַ קאָזאַטסקע, און ער האָט דערמיט געזונגען „לכה דודי“ און דורך דעם מציל צו זיין דעם פידלער פון גיהנם, אַז דער בעלזער צדיק פאַר זיין התגלות האָט מחיה מתים געווען, איהר מיינט אפשר אַ אידען אַ מטופל פון קינדער, אָדער אַ בן יחיד, אָדער גאָר אַ רב אַ גאָון פון'ם שטעדטעל? ניין, פע, חלילה, נו אדרבה טרעפט צוליעב וואָס האָט ער געטהאָן להכעיס דעם בורא, מחיה זיין וואָס ער האָט ממית געווען? הערט איהר אַז איהר וועט אפילו זיין מיט טויזענד קעפּ וועט איהר אויך ניט טרעפען, דיא מעשה איז אַזוי, ער זכרונו לברכה האָט געהאַט אַ בהמה, זעהר אַ גוטע, זיא פלעגט געבען דריי טעפּ מילך אַ טאָג, פון קאַלב צו קאַלב, דיא מילך איז געווען גאָלע סמעטענע, נאָך אַ מעלה, דיא בהמה איז ניט געווען אַ הייסע מוטער צו איהרע קינדער, גאָר ניט געבענקט נאָך דעם קעלביל, נו, דער בעלזער צדיק פלעגט פון איהר שטאַרק מקבל נחת זיין, ער פלעגט זיך ממש דערקוויקען מיט דעם גלעזעל צוקאָריע מיט מילך מיט אַמאָל, אַהאַ! דיא בהמה האָט בעקומען איין עין הרע, און האָט זיך אָבגעזאָגט, אַ געוויין, אַ געשריי, מיין בעלזער איז אריין שטאַרק אין קפּידא, און האָט זיך ארויף געחאַפּט טאַקי מיט כעס צום בית דין של מעלה, געפרעגט

---

*) מחמת צוויי טעמים איז ער געזעסען מיט'ן אָחור צו דיא פערד, 1) ער זאָל ניט זעהען דיא קונסט, וויא דיא ערד ווערד פערשוואונדען, 2) ווייל עס איז טאַקי ניט קיין דרך ארץ צו זיצען מיט'ן אָחור צום בעש“ט, אַי פאַר וואָס שטעהט דער מגיד מיט'ן אָחור צום אָרון קודש? ער איז דאַכט מיר אַזאַ יחסין וויא דער בעש“ט? האַ? נו, בלייבט אַקשיא, וואָס קאָן נעבאָך דאָס אָרון קודש טהאָן? אַז דער מגיד איז פאָרט אַ מענש ניט קיין ציוויליזירטער, אָהן דרך ארץ, אָהן בושה? פאַרפאַלען! —

שאלות אויף דיא מלאכים, אויסגעווארפען וואס זיי האבען געגעסען פליישיגס מיט מילכיגס ביי אברהם אבינו ע״ה, פאר וואס זיי האבען זיך משדך געוועזן מיט דיא בנות האדם פאר׳ן מבול, פאר וואס האט יענער מלאך געהויבען דעם האלז ביי אסתר המלכה, געגעבען א שטאך ווארט גאר דעם מלאך גבריאל, פאר וואס ער האט זיך געפארעט מיט ושתי, מאכען איהר א וויא הייסט־מען־עס אויפ׳ן שטערען, דער כלל איז, ער ז״ל אלס גרויסער היסטאריקער, האט אויף יעדערען געפונען זיין שאלה, און האט זיי געוויזען אז זיי זיינען קעגען איהם כקליפת השום. —

בקיצור, ער האט גוזר געוועזן מיט א שטארקען פארזאג, אז מען זאל תיכף נעהמען א פלעשעלע מיט טל של תחיה און דערמיט מחיה זיין דיא בהמה, דיא מלאכים האבען דאס באלד מקיים געוועזן, זיי האבען שוין געוואלט זיינער פטור ווערען, זיי האבען א קוק געטהאן, אז ער איז גוט קלאהר אין דער גאנצער היימעלשער געשיכטע, האבען זיי טאקי פאר איהם מורא געהאט, און נאך אלע געשעפטען האט זיך דער בעלזער ניט אין גאנצען פארלאזט אויף דיא מלאכים און איז אליין אויך צוגעגאנגען צו דער בהמה, און מיט זיין אייגענעם שטעקען האט ער זיא א פארקע געטהאן ביז זיא האט זיך צוטשוכעט און אויפגעשטאנען און תיכף ומיד האט זיא דיא בעלזערקע אויסגעמאלקען א גאנץ שעפעל מילך, און דער בעלזער האט תיכף געטרונקען א גלעזעל ציקאריע פון תחית המתים של בהמה מילך. —

נו, דוא ליטוואק! דוא מאכסט דערפון חוזק, דוא לאכסט אין דיא פויסטען, וואס איז? דוא ביסט א הכם, אין אמת וועל איך זיך מיט דיר ניט שטארק שפארען, עס קאן אפשר זיין אז דאס איז טאקי א שטיקעל שקר, נאר איין זאך וועל איך דיך פרעגען, אז דוא ביסט יא א חכם, פאר וואס־זשע גלויבסטו אז דער גאון מיט דעם מהר״ל מפראג האבען געמאכט א גולם? מאכען א גולם איז א פנים גרינגער וויא מחיה זיין א בהמה? מיט וואס ביסטו אזוי זיכער אז ר׳ חיים וואלאזשינער אז געפאהרען פון וואלאזשין קיין ווילנא ערב ש״ק אין באד אריין, און דער בע״ג איז אויך געזעסען מיט׳ן אחור צו דיא פערד, און האבען געהאט קפיצת הדרך? מיט וואס פארדיענט דיא מעשה מעהר מען זאל זיא גלויבען וויא דיא מעשה מיט אלעקסע פון דעם בעש״ט? וואס פאר איין פאקט האסט דוא צו גלויבען אז דיא באמבע איז געבליעבען הענגען אין אסטרע׳ר שול אין דער לופטען, ווייל דער מהרש״א האט אזוי געהייסען, אדער אז ר׳ זעלמעלע איז א מאל פערטראכטערהייד אריבער געגאנגען פון א גאניק אין דער לופטען און דערנאך צוריק ארויף געגאנגען אויפ׳ן גאניק בשלום און האט גאר ניט געפיהלט? וואס האסטו אזוי הנאה פון דיא ספורים פון ר׳ חיים וויטאל און זיי זיינען ביי דיר תורת לאקשען? מיט איין ווארט אויב דיא אלע זאכען קאנען זיין, קאנען שוין זיין אויך דיא געשיכטעס פון דיא חסידישע צדיקים, און עס קאן שוין זיין אמת דא מעשה פון׳ם אלטען סאווראנער, אז ער האט גע־

שפּאָלטען אַ מולטער וואַסער מיט זיין שטעקען, ער האָט זיך געוואָלט לערנען שפּאַלטען דעם ים סוף, אָדער דעם ירדן, האָט ער געמאַכט איין פּראָבע אויף אַ מולטער, מען זאָגט, פּאַק, אַז דיא סאַווראַנירין האָט איהם דיא עצה געגעבען, ער האָט גאָר געוואָלט מאַכען אַ נסיעה צום ים סוף, זעהען אויב ער איז אין דער מדרגה צו שפּאַלטען אזוי וויא דער גרויסער „משה רבינו“ (מחמת ער האָט געהאַט דעם נאָמען „משה“) און ער איז געווען דערפון זעהר אונרוהיג, האָט זיא איהם פאָרגעלייגט אַז ער זאָל אין דער היים אַ פּראָבע מאַכען מיט דער מולטער, אַ שפּאַס דער סאַוודאַנער? ווערליג מען דערצעהלט (עס קאָן זיין אַז דאָס איז אויך אַ ליגען) האָט ער זיך אַ מאָל בעריהמט, אַז ער וואָלט נאָר געוואָלט זיך אַרויף חאַפּען אין פּמליא של מעלה, אאון אַביסעל אוים סאַווראַניוועןוועמען ער ווייסט, וואָלט באַלד משיח געקומען, נשמר? עס איז נאָך ניט דיא צייט, דער גוטער יאָהר ווייסט איהם צו ער איז געווען במחילה אַ מגזם, און אפשר אַ קשיא אויף אַ מעשה, האַ? דער כלל איז ווילסטו זיין אַ חכם, דאַרפסטו ניט גלויבען אין קיין פּזמונות אויף קיינעם, וואָס דען? זיין גלאַט אַ סלוצקער און אין איין זאַך גלויבען אַלעס וואָס אין דער וועלט, און אויף דער אַנדערער זאַך דווקאָ ניט גלויבען?*)

*) באמת איז טאַקי גאָר אַ געלעכטער צו זעהען, וויא איניגע פון דיא היינטיגע משכילים אין רוסלאַנד, און אויך איניגע אין דייטשלאַנד, ווילען גאָר איינריידען אַ קינד אין בויך, וואָס איז? „אַז דיא ערשטע חסידישע רביים, און איבערהויפּט דער בעש“ט, זיינען גאָר געווען רעפּאָרמאַטאָרען, און האָבען גאָר געוואָלט אויפּבּרעכען אַ שיטה חדשה אין יודענטהום, און דאַרום זיינען דיא חסידים פּעהיגער צו דער בילדונג וויא מתנגדים“, עס הייסט: מחמת מען האָט זיי אַ ביסעל אויפגעמינטערט, און אַראָפּגעטריבען פון דיא אַלטע סידערעס, קאָן מען דאָך שוין גרינגער מיט זיי אַ טאָלק מאַכען איידער מיט דיא מתנגדים וואָס ווילען זיך ניט ריהרען פון׳ם אָרט — נאָר דאָס זיינען זיי אויך מודה, אַז דיא יעצטיגע רביים, ווייסען גאָר ניט פון קיין שיטה, און פון אַ שום רעפאָרם, זיי ווייסען מעהר ניט נאָר צו מאַכען דיא קאָפּיקעס, און לעבען וויא דיא גראַפען, נאָכגעבען זיך כל התאוות עולם הזה. —

נו, ליעבע לעזער! וויא שמעקען אייך אַזוינע פּוסטע חקירות? מילא אויף דיא איניגע חכמי אשכנז איז נאָך ניטאָ אַזוי פיעל תרעומות צו האָבען, חלעבען פון וואַנען זאָלען זיי אַזוי גוט קאָנען דיא חסידים מיט זייערע רביים? זייא האָבען פון זיי אַ ידיעה נאָר פון דער ווייטען וואָס זיי האָבען געהערט און געזען פון דיא חסידישע ספרים, קומט דאָס חסידות אוים ביי זיי אַזוי וויא אַ מין סיסטעם, וואָס מיינט עפּעס אַ צוועק צו פאַרבעסערען דעם כלל ישראל, אָבער איהר רוסישע משכילים, איהר קאָנט דאָך יאָ גוט דאָס גאַנצע חסידות, איהר האָט דאָך יאָ געזעהען דיא גאַנצע חסידישע ליטעראַטור, נאָך וואָס־זשע

הערט איהר, איך בין אויך א ליטוואק, נאר וואס א'ן אמת איז איין אמת, וויא באלד זיין א נאר, איז שוין א סך גלייכער צו זיין א וואלינער נאר, טאקי א חסיד, דערווייל וויא דיא מעשה איז, טהוט מען א גוטען טרונק בראנפען, מען חאפט אלע מאל א גוטען ביסען אויך, מען פארטרייבט פון זיך דאס עצבות, איך פרעג אייך? וואס איז שוין דיא מעלה, אז דער ליטוואק געהט אום שטענדיג וויא א קלאג מוטער, און האט א פנים פון א נגזל, גריבעלט טאג און נאכט דעם שלחן ערוך, עסט קדחות, קלויבט א גראשען צו א גראשען, וואס איז? מאכען א תכלית, ער וויל שוין לעבען פון פראצענט, ער וויל אלעם איבער שטופען דיא יאהרען, אפשר מיינט איהר לעבען? פע! צו וואס? מען דארף נאר איבערקומען דיא נארישע וועלט, אט דעריבער וויל ער ניט זעהען עפעס א תכלית מאכען פון זיינע קינדער, זיי זאלען קאנען לעבען וויא מענשען, וואס הארט דאס איהם, אז זיי וועלען אויך עסען קרופניק דאס גאנצע לעבען, אבי זיי זאלען זיין עהרליכע אידען, אי זיי וועלען לעבען פון ווינד, זיי וועלען דאך געוויס זיין קבצנים, פאלשע מענשען, און דעסטגלייכען, נו, וואס קאן מען העלפען, אבער קדיש וועלען זיי פארט זיכער זאגען, הא? און אפשר נאך לערנען א פרק משניות אויך, און ווייטער אויך מיין באבעס דאגה, מיין טאטע האט מיך אויך ניט פארזארגט, פון דעסטוועגען שלאגט מען זיך דורך דיא יאהרען, א מאל אזוי און א מאל אזוי.

16

אין דערמיט א שמועס מיט איין עדעלען בעל הבית.

איהר פארשטעהט, ליעבע לעזער! דיא חכמה פון דיא ליטוואקעס? אזוינע

מאכט איהר זיך נאריש, און מאכט בלבולים אויף זיי, אז זיי מיינען עפעס, זיי דענקען עפעס, איהר האט שוין הפנים דאס גאנצע יודענטהום אויסגעפוצט, און עס פעהלט אייך מעהר ניט נאר דיא סעקטע חסידים אויספיינען, און מאכען זיי גאר פאר אויפגעקלעהרטע, וואס איז? זיי זיינען אטוואזשניקעס, דאווגען שפעטער א ביסעל, ניט וויא דער שלחן ערוך הייסט, נו, ניט א שארפער רע־פארם? ניט א גרויסע נפקא מינה, צו מען דאווענט פריהער אדער א ביסעל שפעטער? אדרבה וואס נאך זעהט מען פון זיי, חכמות? וואס איז? זיי לערנען ווייניגער, און קאנען טאקע כמעט גאר ניט, נו, וואס איז דאס פאר א מעלה? אט דעריבער זיינען זיי טאקי גרעסערע אבערגלויבער, מחמת זיי ווייסען גאר ניט פון זייער חיות צו זאגען, זיי קוקען ניט אן קיין רעכט ספר, למשל, א מתנגדישער יונגער מאן, חאטש ער איז א שטארקער ארטהאדאקס, על כל זה קוקט ער פארט א מאל אן א שטיקעל אבן עזרא, א שטיקעל רלב"ג, דיא הקדמה פון'ם רמב"ם צום סדר זרעים, זיין פירוש אויפ'ן פרק חלק אין סנהדרין, זיינע שמונה פרקים, א שטיקעל עקרים, נו, פון דיא אלע ענינים קאן ער דאך פארט ניט גלייבען אזא שוטה און גלויבען אלע נארישקייטען, ער הויבט פארט

חכמות אויף אַלע מיינע שונאים געזאָגט געוואָרען, נאָך מעהר פאַרדרוס איז, אז מען מאַכט גאָר מיט זיי אַ שמועס, דאַכט זיך זיי זיינען קלוג און פרום, און גלויבען אין דער גמרא וויא אין תורת משה, נו, אז עס איז יאַ אזוי, פאַר וואָסזשע פאָלגט איהר ניט וואָס אונזערע חכמים (וואָס זיינען באמת קלוג געווען און פרום) האָבען געזאָגט? ערשטענס, האָבען זיי געהייסען עסען און טרינקען, ניט שטופען דיא יאָהרען. איינער פון זיי האָט זיך גאָר גרויסאַרטיג אויסגעדריקט מיט די ווערטער: „האי עלמא כבי הילולא דמי, חטוף ואכול חטוף ושתה, ואם תאמר אָניח לבני אחרי ? בשאול מי יגיד לך? בני אָדם דומים לעשבי השדה, הללו נוצצים והללו נובלים“, עס הייסט: דיא וועלט איז אַקוראַט וויא אַ חתונה, חאַפּ און עס, חאַפּ און טרינק, אפשר וועסטו ווע‏לען זאָגען, איך וועל בעסער איבערלאָזען מיינע קינדער? ווער אָבער וועט דיר אין גרוב דערציילען וויא מיט זיי וועט זיך פּאַסירען? מענשען זיינען גלייך צו גראָז אין פעלד, דיא שפּראָצען און דיא וויאַלען“ (עירובין נ"ד), נאָך איינער פון זיי האָט זיך סאַטיריש אויסגעדריקט „באתרא דליעול ירקאָ, ליעול בשרא וכורא“, איידער אריינבריינגען אין זיך קרויט און קאַרטאָפעל, איז אַ סך בעסער פלייש און פיש. איינער אַ געוויסער תלמודיסט, האָט געוואָלט, אַלס עקאָנאָם, מאַכען אַ סדר אין'ם עסען פאַר אַלע מענשען, דער וואָס פאַרמאָגט למשל צוויי הונדערט גילדען זאָל עסען צוויי מאָל אין טאָג פלייש, דער אזוי פיעל, און דער אזוי פיעל, דערויף האָט געזאָגט איינער אַ וויכטיגער אמורא, אז דאָס איז אַלעם געשמועסט געוועזען ביי דיא פאָריגע דורות, ווען דיא מענשען זיינען געווען שטאַרק און געזונד, אָבער היינט, זאָגט ער: „כל מי שיש לו אפילו פרוטה אחת בכיסו

אָן צו פאַרשטעהן, אז ניט אזוי וויא זיין מוטער דענקט און קלעהרט, אזוי איז טאַקי דער אמת, דיא זאַך איז עפּעס איידעלער און פיינער — דאַרום ביי דיא מתנגדים געפינען זיך אָפט און אָפט מענשען משכילים, מענשען מיט וויסענשאַפט, מענשען וואָס זיינען טאַקי נוטה צו רעפאָרם אין פיעל פרעדמעטען, ניט אזוי זיינען דיא חסידים, זיי קוקען גאָר ניט, און קאָנען טאַקי גאָר ניט קוקען אין אזעלכע ספרים, זיי זיינען מענשען וואָס עס איז כמעט נישטאָ קיין רפואה צו זיי, נאָך זייער שיטה וואָלטען אידען געהאַלטען אין רוסלאַנד נאָך מיט הונדערט מדרגות נידעריגער וויא יעצט, דיא ממשלה וואָלט אונז גאָר געהאַלטען פאַר פראים, דאָך פון מתנגדים וואַקסען ארויס מענשען, דאָקטוירים, אדוואָקאַטען, וויכטיגע בוכהאַלטערס, גלאַט גרויסע ליטעראַטען, דורך זייא זעהען פאַרט אויס אידען עטוואָס פאַר מענשען, ווער שמועסט שוין פון דיא וויכטיגע מענשען וואָס געפינען זיך אין אויסלאַנד, האָט דאָס אויך ניט מיטגעבראַכט דאָס חסידיזמוס, און דער רעפאָרם פון'ם בעש"ט, נאָר לימודיות און ידיעות, קאָנען ארויף ברענגען דעם מענשען צו איין גרויסע מדרגה, אָבער ניט רעפאָרמעס מכוח זמן קריאת שמע.

ירויצנה תיכף לחנוני" ווער עס האט אפילו ניט מעהר וויא איין גראשען אין קעשענע, זאל ער איהם באלד אויסגעבען אויף עפעס איין עסען, נאך איינער האט נאך מעהר געזאגט: יעצט אין מיין צייט דארף מען אפילו בארגען און עסען, נו, וואס זאגט איהר, ליטוואקעס אויף דעם? זיי האבען א פנים נישט געוואלט אבי נאר וויא איבערקומען דיא נארישע וועלט? איהר ווייסט וואס נאך האט איינער פון זיי געזאגט אין ירושלמי: אז א מענש וועט דארפען געבען דין וחשבון, פאר וואס ער האט עפעס געזעהען זאכען אויף דער וועלט, און האט פון זיי קיין הנאה נישט געהאט, ווארום דאס וואס גאט האט נאר בעשאפען אויף דער וועלט, האט ער עס געמאכט אז זיינע ברואים זאלען דערפון פערגעניגען האבען. —

צווייטענס האבען זיי געהייסען לערנען א מלאכה, כדי יעדערער זאל זיין פארזיכערט מיט פרנסה, ניט וויא דיא שוטים זאגען „מאן דיהיב חיי יהיב מזוני" ווער עס גיט לעבען וועט געבען עסען, יא, אמת! אבער פון הימעל וועט ער אונז נישט ארונטערווארפען געבאקענע בולקעס, מען מוז דאך אין זיך האבען א קונסט דורך וועלכען מען זאל קענען בעקומען אלע בעדירפניסע דיא גמרא ברענגט א גוט ווערטיל „שב שני הוה כפנא, ואבבא דאומנא לא חליף", עס הייסט: זיעבען יאהר איז געווען א הונגער, אבער אויף דער טהיר פון א בעל מלאכה איז ער ניט פארביי געגאנגען, ווער ליידעט באמת נויט און דחקות? נאר א פוסטער מענש, אהן א פראפעסיאן, וואס לעבט פון ווינד, אבער א בעל מלאכה, וויא דיא מעשה איז, קריגט ער פארט דעם גילדען. —

הערט, ליעבע לעזער! „נאר לייגט צו דעם מוח", איין ווארט פון א מדרש וואס צו איהם איז ניט דא קיין גלייכען אין דער גאנצער אידישער ליטעראטור.

אין מדרש תהלים (מזמור ק"ג) אויף דעם פסוק „לשומרי בריתו ולזוכרי פקודיו" (תהלים ק"ג י"ח) זאגט ר' תנחומא מיט דיא ווערטער „משל לאלמנה אחת שהיה לה בן", ביי איין אלמנה איז געווען איין זוהן „כל זמן שלא נשא אשה", אז ער האט נאך קיין ווייב ניט גענומען, „היה נזקק לה", האט ער אלעס געפאלגט דיא מוטער, „כיון שנשא אשה", וויא באלד ער האט נאר א ווייב גענומען, „אמרה ליה אימיה", האט דיא מוטער צו איהם געזאגט „ידענא אנא לית את מזדקק לי כמה דהוית", איך ווייס אז יעצט ועסטו שוין ניט זיין צו מיר אזוי שטארק צוגעבונדען וויא פאר־הער, „אלא הוה דכיר לי", דארום בעט איך דיר, חאטש ניט פארגעס אן מיר „כך כל השנים שהיו ישראל במדבר", אלע יאהרען וואס אידען זיינען געווען אין דער מדבר, „היה המן יורד להם", פלעגט דער מן געהן צו זיי, „והבאר עולה להם", און דער ברונען איז זיי אנט־קעגען געגאנגען, איז „לשומרי בריתו", „שהיו זוקקין להם והיו יכולין להיות שומרין את התורה ויגעים בה", עס הייסט: ווייל דיא אידען אין דער מדבר זיינען געזעסען רוהיג מיט גרייטען מן, און מיט פארטיגען וואסער, האבען זיי באמת געקאנט היטען דיא מצות און לערנען שטענדיג דיא תורה, „אבל עכשיו

שאדם מזדקק לפרנסתו", וויא באלד יעצט אז דער איד נעבאך איז צוגעבונדען צו זיין פרנסה, איז נאר „ולזוכרי פקודיו", עס הייסט: מען זאל חאטש געדענקען אן זיינע מצות, ווארום היטען איז שוין ניט מעגליך. —

איהר פארשטעהט, ליעבע לעזער! דעם מאמר, וויא פיין און קלוג ער איז געזאגט געווארען, וויא ריכטיג דאס איז דער משל פון דער אלמנה? אז זיא האט נעבאך שוין גאר ניט פערלאנגט פון איהר זוהן נאך דעם אז ער האט חתונה געהאט, אז ער זאל זיין צוגעבונדען צו איהר וויא פאֶרהער, ווארום איידער ער האט חתונה געהאט איז ער געוועזן ביי דער מוטער אויף קעסט, ניט געהאט קיין שום דאגה, איז ער געוועזן מחויב צו פאלגען זיא אלעס וואס זיא האט איהם פארבאטען, אבער נאך זיין חתונה, אז ער איז שוין אליין א מענש פאר זיך, א בעל הבית, פיהרט אליין א הוצאה, בעדארף שוין זוכען פרנסה, קאן מען ניט פערלאנגען אז ער זאל אין זינען האבען טאג און נאכט דיא מוטער, דארום האט זיא נעבאך ביי איהם געבעטען: מיין קינד! יעצט ביסט דוא שוין ניט מחויב זיין צו מיר צוגעבונדען וויא פארהער, נאר לכל הפחות געדענק האטש שטענדיג פון מיר, פארגעס ניט דיין מוטער וואס זיא האט דיר אזוי פיעל טובות געטהאן, אזוי פיעל צרות געהאט פון דיר. —

און דאס איז פונקט דער נמשל מיט אונז אידען, דיא תורה איז אונז געגעבען געווארען אז מיר זיינען געוועזן ביי גאט אויף קעסט, גרייטער מן, פלייש וואסער, נו, מהיכא תיתי, פאר וואס זאלען ניט קעסט קינדער זיצען און לערנען און היטען מצות? דעריבער זאגען אפט אונזערע חכמים „לא נתנה תורה אלא לאוכלי המן", דאס הייסט: דיא תורה איז נאר געגעבען געווארען דעם דור המדבר, וואס האט קיינע געשעפטען ניט געהאט, געגעסען מן אהן דאגות, דער דור האט געקענט טאקי מקיים זיין דיא תורה קרוגאם וויא מען בעדארף, אבער אז מיר אידען זיינען שוין ב"ה גאנץ לאנג אראב פון קעסט, מיר האבען זיך געמוזט וואלגערען ב"ה אין פרעמדע דירות, מען האט גענוג צרות פון דיא בעלי בתים געהאט, עס איז ענג, קאלט, רויכיג, סיראסט, פול מיט וואנצען און פרייסען, וואס האבען אונז נישט געגעבען קיין מנוחה, געביסען און געגעבען א שלעכטען גערוך אויך, גענוג געלד ברויכט מען צו צאהלען פאר אזוינע שלעכטע דירות, דא לייג נישט, דא שטעל ניט און דאס טהוט ניט, און דאס איז נאך א טובה און א גליק געוועזען אז מען האט געקראגען חאטש וואו דעם קאפ אנידערצולייגען, וויא פיעל מאל האט מען שוין אונז גאר פון דער דירה אויך ארויסגעיאגט, און מיר האבען זיך נעבאך געוואלגערט אויף דיא פעלדער און אין דיא וועלדער, וויא פיעל מענשען זיינען צפרוירען געווארען, פון הונגער אויסגעגאנגען, ביז מען האט געקראגען איין אנדער שטיקעל דירה, וואו זיך דיא נשמה צו דערהאלטען, נישטא דיא דירה ביי דעם טאטען אין שטוב מיט אלע וויגאדעס, ריין, ציכטיג, טרוקען, ווארעם, און אהן געלד אויך — אט דאס האט ר' יוסי געהערט א ביטערע שטימע וויינט און קלאגט

פון דיא חורבות „אוי לי שהחרבתי את ביתי והגליתי את בני“, וועה איז מיר, אז איך האב מיין דירה חרוב געמאכט און מיינע קינדער ארויסגעטריבען אזוי וויא עס וואלט דעם פאטער אליין פארדראסען וואס ער האט דיא קינדער ארויסגעלאזט פון קעסט, און ארויסגעיאגט פון זיין שטוב, זיי זאלען זיין נע ונד, נעבאך מגולגל ווערען אלע מאל אין איין פרישער דירה, קוים קוים וואס מען זעצט זיך איין מיט צרות, מען ווערט שוין געוואהנט מיט'ן בעל הבית, מען קאן שוין זיין נאטור, אהא! מען דארף שוין איין אנדערע דירה, א חוץ וואס עס איז נישטא פון וואנען צו לעבען, עס קומט אלעס אן מיט קאפ דרע־העניש, מיט גרוים יגיעה, און כמעט מיט סכנות נפשות, נו, פון אזוינע מענשען פארלאנגט שוין גאט נאר „ולזוכרי פקודיו“, מען זאל אן איהם חאטש ניט פארגעסען, אבער ניט וויא פארהער, אין דער מדבר האט גאט פארלאנגט „ולשומרי מצותיו לעשותם“, מען זאל טאקי טהאן און היטען דיא מצות וויא ער וויל. —

נו, ברידער! פארשטעהט איהר א מעשה? גאט וואס ער איז א זן ומפרנס, האלט אונז ניט פאר קעסט קינדער, און וויל גאר ניט אז מיר זאלען זיין פון דיא „שומרי מצותיו“, נאר פון דיא „זוכרי פקודיו“, און דיא רבנים מיט דיא גאונים לעגען אויף אונז ארויף גאר פרישע מצות און חומרות, אזוי וויא מיר וואלטען געוועזן ביי זיי אויף קעסט, וואס אין אמת איז דאך גאר דער היפך, זיי זיינען דאך ביי אונז אויף קעסט, און דאס איז פאק דיא גאנצע צרה, זיי וייסען גאר ניט פון דאגות פרנסה, פארשטעהען ניט דיא צייט, האבען אויף אונז ניט קיין רחמנות, וויא דיא אלמנה נעבאך אויף איהר קינד. —

און אז ר' תנחומא האט געקענט געבען אזא משל נאך אין זיינע צייטען, וואס וואלט ער שוין למשל געזאגט ביי דיא יעצטיגע יאהרען, ביי אזא שרעק־ליכען יקרות, ביי אזא דוחק אין פרסה, אזוינע קעסט קינדער וויא מיר זיינען יעצט, וואלט אוודאי גענוג געוועזן, אז מיר זאלען נאר זיין פון דיא „זוכרי פקודיו“ און א פשיטה שוין מען זאל אויף אונז ניט מחמיר זיין טאג און נאכט חומרות און גזירות, און אפילו אז דער פוסק אליין זעהט אז דיא חומרא האט גאר קיין ממשות ניט, עס איז זיך גאר נישטא אויף וואס סומך צו זיין, שרייבט ער זיך גאר „והמחמיר תבוא עליו ברכה“, עס הייסט: וויא איינער רעדט, חאטש על פי דין מעג מען, נאר עס איז גלייכער מחמיר צו זיין, און ער זאגט דערפאר צו א ברכה, הגם דער פוסק לעגט אויף דער ברכה קיין זאלאג ניט, קיין וועקסלען אויך ניט, נאר דער ליטוואק מחמת ער האט גרויס חשק צו ברכות, אט גלויבט ער דעם פוסק אויך, מען קאן טאקי לעבען אין פריידען פון דער הבטחה פון דיא פוסקים, מען זעהט שוין ב"ה דיא דאזיגע ברכות, א שפאס דאס גליק פון זיי!...

און דאס איז נאך אלעס ווייניג פאר אונז, עס איז נאך צו גוט, קומען נאך דיא מגידים דיא שוטים שיטען זאלץ אויף דיא וואונדען, שרעקען דעם עולם,

אז דיא אלע צרות וואס מען האט דא אויף דער וועלט, איז ערשט א טיפה מן הים אנקעגען דיא צרות און דיא יסורים, וואס מען וועט נאך האבען אין דער הימעלשער ליטא אויף יענער וועלט, פרעג פאר וואס? פאר דיא פארפלוכטע קרופניקעס וואס דער ליטוואק האט זיך נעבאך איבער זיי געמוטשעט און געשוויצט זיין גאנץ לעבען? פאר דיא קללות וואס ער פלעגט זיך אנהערען אלע טאג פון דער ליטוועטשקע, דיא יפת תואר? איהר פארשטעהט וואס פאר איין גליק ער האט דא געהאט אויף דער וועלט, אז עס איז נאך כדאי דערפאר פארשווארצט צו ווערען נאכ'ן טויט אויך? האבען חבוט הקבר, אויסגעריסען ווערען פון'ם מלאך דומה, געווארפען ווערען אין כף הקלע, מגולגל ווערען אין כמה גלגולים, אין חיות, אין עופות, אין פערשיעדענע מענשען, אומגעהן א ביסעל אין עולם התוהו, טאקי אין דיא תכריכים, און אויף זיי א קאפטען, און זיך אומדרעהען אויף אלע ירידים, דערנאך ליגען אין גיהנם 12 חדשים אין גרויסע יסורים וואס עס איז ניט צו בעשרייבען, חלעבען טאקי א יושר, ניט קיין קרומע זאך בעשאפען צו ווערען א ליטוואק, זיך מארדעווען זיעבעציג יאהר, זיין א גרוש, איין אלמן, א מחוסר פרנסה, א שטיקעל חלוש, א רעכטער מטופל מיט קינדער פון עטליכע ווייבער, עסען אליין וויטאגען, ניט האבען קיין מנוחה, טאג און נאכט, און זיין גערריקט פון אלע זייטען, נו, דאכט זיך א גוט געשעפט געמאכט? הא? ניין, דעם מגיד דעם נארישען גזלן איז דאס נאך וויניג, ער שלעפט נאך דעם ליטוואק דארטען אויך צו דער פמליא של מעלה, ער הייסט איהם אנטהאן יסורים גאר אהן רחמנות, אי דער ליטוואק האט דאך זיך גוט באווארענט? געשלאגען אלע יאהר כפרות, געמאכט וועקסענע ליכט, געגאנגען צו תשליך, נו, דאכט זיך יעדער יאהר גוט ארומגעריינינגט זיך פון עברות? דיא מיתה איז אויך מכפר, הא? א קדיש אויך געלאזט, און אפט טאקי עטליכע, און מען שווייגט ניט אין דעם, מען זאגט קדשים אויפ'ן פוד, מען האקט פרקים משניות וויא אין קרויט, מען שטעלט תפלה ליכט, מען מאכט „אל מלא רחמים'ס אלע מאנטאג און דאנערשטאג", נו, וואס נאך זאל מען טהאן? ניין, דער מגיד איז נאך דערפון ניט צופריעדען, ער איז נאך גוט אין כעס, ער וויל נאר מכבד זיין דעם בידנע ליטוואק טאקי מיט אזעלכע יסורים ער זאל איהם האבען צו גערענקען, למשל, גאר א קלייניגקייט, ער הייסט עפענען דאס מויל ביי איין ליטוואק א יוסטען בעל הבית, און אנשיטען אין איהם (גחלי רתמים) הייסע קוילען, פאר וואס? ער האט פאק זיך פערגעסען א מאהל, און האט געגעסען פלייש פון בשר חויז, אדער געזאגט א גלייך ווערטעל, נא האט איהר געהערט אזא רציחה? ער הייסט אונז לייגען אן אויער אונטער א זאוויעסע, און דיא טיהר זאל זיך דארטען דרעהען סף הכל זיעבען יאהר, פאר וואס? דער ליטוואק האט א מאל פערהערט א ברכה און ניט געזאגט אמן, אנטשעפען א שלאנג מיט זיבען קעפ אן דעם... פאר אן עבירה וואס איז ניט דערמאנט ניט אין דער תורה ניט אין דער גמרא.— נא וואלט ניט

געווען א יושר, אז ביי אזא מגיד זאל ארויס דיא צונג פונ'ם האלז נאך אויף דער וועלט? דארטען בין איך בטוח אז ער וועט האבען זיין פסק, ער וועט דארטען שטעהן נא אטשנאיא סטאוקע מיט אלעמען, וואס ער האט אויף זיי געמאכט בלבולים.

— פון אונזער פעטער עשו וועט ער זיך אויך ניט נארען, דערפאר וואס ער האט אויף איהם אויסגעטראכט אז אין דעם טאג וואס ער האט פערקויפט דיא בכורה, האט ער געהארגיט א מענשען, און געגעסען אהן נטילת ידים, ניט געבענטשט, ניט געקושט דיא מזוזה, און דעסגלייכען, נא למשל, אז ער וועט דאס איהם אלעס אויסווייזען, אז דאס איז דורך גאלע שקרים, וויא פיעל פעטש וועט ער קריעגען פון איהם, ער וועט איהם געבען טאקי וויא עשו קאן געבען— איהר מיינט, אז סיסרא איז שוין גאר אן אבגעשלאגענע הושענא, חלעבען, ער איז דאך פארט געווען א פעלד מארשאל, נא וואס איז דאס פאר א פנים צו זאגען אויף איהם א גאנצע געשיכטע מיט דער פרוי יעל, היינט טאקי פיר איהם איז עס אויך ניט אזוי פאסענד, און נאך מיט דער גוטער צאהל „זיעבען"— דער כלל איז, ער וועט האבען גענוג אויף זיין חלק, דיא אטשנע סטאוקעס וועלען זיך ציהען יאהרען לאנג, א שפאס וויא פיעל מענשען ער האט בעלייִדיגט? מען קען מאכען דערפון א גאנצען בוך, מען זאל אויסרעכענען אלע פערזאנען פון תנ"ך, וואס אויף יעדערן האט ער אויס געטראכט פשוט א ממזר בלבול.

— איך האב הנאה, אז איך שטעל מיר פאר, וואס פאר א פסק ער וועט האבען פון דעם גוטען המן, פאר וואס ער האט אויס געקלעהרט, אז בשעת ער איז געגאנגען פאר מרדכי היהודי און געשריען „ככה" האט זיין טאכטער אויף איהם ארויף געווארפען א דיישקע מיט.... אין אמת, וואס איז דאס פאר א שכל גלאט דערצעהלען זאבאבאנים? פאר וואס דערצעהלט אונז ניט די מגילה אזוינע נארישקייטען?

נאר וואס איז אבער דיא פעולה וואס שפעטער וועט זיין, דערווייל שרעקט ער דעם עולם מיט זיינע שטותים, און דער איד איז נעבאך צובראכען פון דחקות, פון דאגות, פון פערשיעדענע צרות, און פון דעם מגיד'ס שקרים.

— און ווער איז אין דעם אלעמען שולדיג? נאר דער גאון, דער שטאט רב, ער דארף קוקען אויף אלע פאראדקעס, ניט לאזען זאגען אזעלכע מגידים, וואס מאכען משוגע דעם עולם מיט אזעלכע דומהייטען.—

וואס זאגט איהר צו דעם, ליעבע לעזער! אפשר ווייסט איהר פון וואס פאר איין ענין זיינען מיר פערקראכען אין דעם שמועס? א הא? איך האב מיך שוין דערמאנט, פון דעם האבער! אין אמת האט מיר דאס געשעפט אזוי פיעל צו רודערט דעם מוח, אז איך בין גאר צומישט, איך האב שוין באלד פערגעסען וואו מיר האלטען, דיעזער אונגליק האט דאמאלס מיך אויך געטראפען, נאך עד היום שטעהט מיר דאס טייגעכץ פאר דיא אויגען, און איבער אלעמען, איז עס

עפּעס געװען אזוי געראָטען (נאָך אױף קורצע יאָהר) אַז עס טרעפט בײ א ליטװאַק מעהר ניט, אפשר װיא צװײ מאָהל אױף זײן גאַנצען לעבען, מיר האָט דאָס האַרץ דאַמאָלס געזאָגט, אַז עס װעט גלאַט ניט אָבגעהן, דאָס זעליגע טײגעכץ, איז געװען טאַקי צופיעל געראָטען, מחמת איך האָב טאַקי געהאַט כמעט א גאַנצע קװאָרט שמאַלץ, איך האָב דאַמאָלס זעהר גליקליך געשפּיעלט מיט דער הינדיטשקע, זיא (מײנע רײד זאָל איהר ניט שװער זײן) איז טאַקי געװען א מפורסמת אין דער הינדיטשקענער װעלט. קאַרג איז מײן װײב פון איהר פאַרפינסטערט געװאָרען, קאַרג האָט זיא אין איהר געשטאָפּט? איך האָב פײנט צו זאָגען, מײן װײב איז אַ גוטע קליפּה, איך האָב פון איהר קאַלטס און װאַרעמס, נאָר אין דיא זאכען איז זיא א בריה נפלאה, אלע שכנים האָבען אונז טאַקי מקנא געװען, אָט אַזוי איז טאַקי אױסגעגאַנגען א שלעכטער סוף, גע־האָרעװעט פאַר דיא חזרים, איך נאָך אַלעם מאַנספּערזאָן, האָב זיך פּאָרט װיא עס איז אַרױסגעשלאָגען אביסעל פון׳ם קאָפּ, חלעבען מען קומט צװישען מענ־שען, אָט פאַררעדט מען זיך אַביסעל און מען פערגעסט, אין מיטען איז מען דאָך א שטיקעל איד, ניט קײן עם האַרץ, קלעהרט מען אמאָהל, אַז עס דאַרף אפשר אזוי זײן, אָבער מײן װײב, בעשירעמט זאָל מען װערען, זיא האָט ניט געקאָנט איבערטראָגען דעם אונגליק, װיא מען האָט נאָר דאָס טײגעכץ אַרױס געטראָגען פון דער שטוב, האָט זיא זיך גלײך אַרײן געקליעבען אין בעט אַרײן, און האָט געקרעכצט, אַז עס האָט געריסען בײן האַרצען, װעדליג זיא זאָגט, האָט זיא אַרײן געהאַקט אינ׳ם טײגעכץ גוטע צװײ לעפעל שמאַלץ, נאָ פון קלעמעניש און האַרץ װײטאָג, האָט זיא מיך אױך מכבד געװען מיט עטליכע גוטע קללות, האָטש איך בין נעבאָך גאָר ניט שולדיג, אפשר האָב איך בעדאַרפט שטעהן א גאַנץ פּסח און היטען דעם ברונען? מײנט איהר אפשר אַז מײן קליפּה איז קראַנק אױפ׳ן שכל, און האָט ניט געװאוסט אַז איך בין אין דעם גאָר ניט שול־דיג? נײן, זי האָט דאָס זעהר גוט געװאוסט, נאָר צו װעמען דען װעט זי אױס־לאָזען איהר שװער האַרץ? װאָס איז געװען איהר טענה, צו װאָס האָב איך געדאַרפט דינגען א דירה נאָר אין דער גאַס? זעהט מען דאָך װיא אזוי דאָס אונגליק שלעפּט זיך נאָך מיר— מילא פון דעם טײגעכץ איז דאָך שױן גאָר קײן רעדע ניט, עס װילט זיך אָבער עסען, און דאָ חאָטש לאָפּנע מײ־נע שונאים, עס איז נישטאָ ממש װאָס אינ׳ם מױל צו נעהמען, נאָר א שטיקעל טרוקענע מצה.—

דיא פיר טעג חול המועד, איז מען גאָר אױס געגאַנגען כמעט פאַר הינגער, מען איז אים געגאַנגען פאַר שמאַכט, מע האָט נאָר געזעהען חאָטש דיא נשמה צו דער האַלטען, מיט א קאַרטאָפּעל, און מיט א שטיקעל מצה צובריהט אין זודיגע װאַסער. —

בקיצור, עס איז שױן ב״ה װײטער ערב יום טוב, אַלע װײבער אין דער יאַט־קע אַרײן, געחאַפּט צו דרײ פונט סטערװע, גאַלע בײנער, און גיט טהײער, ניט

מעהר וויא 20 קאפיקעס א פונט, פיש האט מען גאר ניט געקויפט, ווארום קרימטען האבען שוין אנגעהויבן צו קויפען אויף זייערע חגאות, פלוימען אויף צימעס האט מען אויך נישט געקויפט, וואס איז ? איבער א מעשה ! איין אידענע איז געקומען צום קרעמער קויפען פלוימען, האט זיא דערזעהן אז אין פעסעל צווישען די פלוימען, איז פארשיט געווארען הירש און רייז, האט זי אנגעמאכט א גרויס געפילדער, חמצדיגע פלוימען פארקויפט איהר ? און איז געלאפען תיכף צום רב מיט דער שאלה, האט דער רב געזאגט עס איז אפילו על פי דין נישקשה, נאר ווייל דער קרעמער איז פון דעם אפיקורום לייט, ער איז שוין אויך אביסעל געהאפט געווארען, האב איך מורא אז דער קל האט דאס געטאהן בכוונה, לכן פון א גדר וועגען איז בעסער מחמיר צו זיין, באגעהט זיך אהן פלוימען צימעס.—

נא עס איז שוין לייכט צו פערשטעהן, וואס דא איז געוועזן צו עסען, דיא אנדערע טעג יום טוב „שביעי של פסח" האט דער עולם גוט געהונגערט, ביז צוויי דעם זייגער נאך האלבען טאג, פארהער יעדערער אין זיין שולכען, און דערנאך אין דער גרויסער שוהל הערען דעם חזן, קוים זיך פערשלעפט אהיים. געמאכט קידוש איבער מצה, געגעסען דאס ערשטע געריכט איין איי מיט ציבעלע, און דיא גוטע יויך מיט מצה פארפעל, געבענטשט, און צו געלייגט זיך אביסעל שלאפען, איבערגעדרימעלט אביסעל, געטרונקען נאכ'ן שלאף א גלעזעל וויין, טפוא, וואס זאג איך ? איך בין גאר משוגע, איך מיין א גלאז לאקריץ, איינס און טאקי דאס צווייטע, נישט געזשאלעוועט פארט יום טוב ! אויף אלעמען א צייט, מען האט זיך אנגעטרונקען, און הענדאם פענדאם, אין גרויסען בית המדרש אריין, הערען דעם מגיד, חלעבען מען האט שוין לאנג ניט געהערט, נא מהיכא תיתי, עס ווילט זיך פארט וויסען פאדראבנע דיא מעשה מיט קריעת ים סוף.—

דער בית המדרש איז געפאקט, אז עס איז נישטא א שפילקע קעפעל וויא אריינצושטעקען, דער מגיד פארלירט ניט זיין מוטה, ער שטאלצירט טאג טעגליך אין זיינע דרשות, מיט דעם געלד וואס אידען האבען זיך אנגעזאמעלט אין מצרים און אויפ'ן ים, אי, פון יענעם געלד איז דאך שוין נישטא אפילו א פערטעל קאפיקע ? נבוכדנצר און טיטוס האבען שוין ביי אונז אפילו אונזערע אייגענע בעביכעס אויך צו גענומען ? ניין, דער מגיד ווייזט גאר א פלאן אז דאס איז גאר אונזער טובה, און דערצו האט ער געפיהרט א גאנץ לאנגען משל מיט א בן יחיד וואס איז ארויס לתרבות רעה, און האט דאס אריינגערוקט מיט גרוים מאטערניש אין דיא פסוקים „אחות לנו קטנה ושדים אין לה" עס הייסט : מיר זיינען יעצט בבחינת קליין שוועסטעריל, און מיר האבען ניט קיין שדים, מיר האבען ניט קיין יניקה פון פרנסה, נאר אין אמת, איז דאס אונזער גליק, דורך דעם דחקות לערנען מיר דיא תורה מעהר, און דאס איז דער פשט „אני חומה ושדי כמגדלות" איך האב ניט קיין שדים פון פרנסה, אבער פון תורה און פון

הלכה, בין איך וויא איין מויער — אזוי האָט זיך דער מגיד געשוויצט און גע־וואָרפען מיט אַלע אברים, ביז ער איז דורך געקראָכען דיא איבריגע פסוקים, און אַלעס נאָר אויסווייזען, אז דאָס גרויסע עניות און דאָס שפלות, איז גאָר דאָס גרעסטע גליק פאַר אונז. (אַזאַ יאָהר זאָל ער האָבען).

דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען זיך נוקם זיין אָן דיא מצריים, גאָר אויף אנאנדערען אופן, ער האָט דערצעהלט געשיכטען פון דיא עשר מכות, אז עס איז געווען א פרייד צו הערען. מען האָט טאַקי אביסעל געלאַכט אויך, ווארום דער מגיד איז געווען אגב אורחא א שטיקעל ליץ אויך, ער האָט למשל פאַרגע־שטעלט, וויא דיא צפרדעים האָבען שפּאַצירט ביי דיא מצרים אונטער דיא הויזען, און דעסטגלייכען.

דער כלל, ער האָט דערצעהלט וואונדערליכע מעשות, וואָס דער עולם האָט פון זיי שטאַרק הנאה געהאַט, אין אמת. האָט דער מגיד פיעל מעהר געטהאָן דיא מצריים וויא משה רבינו, איבער אַלעמען איז ער עפּעס א ווילדער בעל עצה, ער האָט געגעבען דיא אידען איין עצה, אז אין דיא דריי טעג וואָס עס איז געווען פינסטער זאָלען זיי געהן אין דיא הייזער פון דיא מצריים, און אויסקר־קען וואו עס שטעהען זייערע זילבערנע און גאָלדענע כלים, כדי אז דער נאָך בשעת ארויסגאַנג פון מצרים, אז זיי האָבען געבעטען עפּעס לייען כלים און טכשיטים אופן וועג, און די מצריים האָבן זיך געפּריוווט פאר לייקענען אז זיי האָבען גאָר נישט, האָט מען זיי אויסגעשטאָכען די אויגען, און מען האָ זיי פאר געזאָגט וואו יעדע זאַך שטעהט איך זאָג אייך דעם אמת, איך וואָלט זיי אפשר נאָך בעסערע עצות געגעבען, נאָר וואָס ווערט דערפון, אבי יעצט האָבן מיר ניט א קאָפּיקע ביי דער נשמה, גלאַט קוויקען זיך מיט קאַלטען באָרשטש ? איין אמת מעג מען זאָגען, וועדליג דאָס דור המדבר האָט דערצעהלט, אז זיי זיינען דאָר־טען אין מצרים געזעסען „על סיר הבשר“ פיש געגעסען בחנם, א חוץ קאַוואָ־נעס, ציבאָלים, קנאָבעל, איז דאָרט נאָך אפשר בעסער געווען וויא אין דער ליטאָ, דער וויל וויא דיא מעשה איז געוועזען האָבען זיי דאָך געהאַט וואָס צו עסען, דאָ האָרעוועט מען אויך אָג און נאַכט וויא אין ליים און לבסוף עסט מען קדהות, קנעכט איז מען אויך ב״ה, און אז ניט ביי פּרעה'ן, איז שוין גוט ? וואָס פעהלט אונז, דער זבאָרשטשיק ? דער בעל טאַקסע ? דער רב מיט דיא דיינים ? דיא גבאים פון דיא שוהלען ? — פון דעסטוועגען נאָך דיא אַלע זאכען, איז דער מגיד ביי זיך שטאַרק פאררישען, ער קוויקט זיך אַלעס מיט דער מפּלה פון דיא מצריים, ער איז שטאַרק אין כעס, פאַר וואָס האָט בעדאַרפט זיינער איין עלטער זיידע (חאָטש עס קען זיין, אז ער האָט גאָר א טעות, זיין זיידע איז דאָרטען אפשער גאָר ניט געווען, ווארום ער קומט גאָר ארויס אפשר פון א גר) זיין א פעטשניק אין מצרים ? מילא דער נאָך אז ער האָט זיך שוין גוט נוקם געווען אָן זיי מיט דיא מכות, האָט ער אָנגעהויבען פיהרען א שמועס מכח קריעת ים סוף, ער איז ניט יוצא מיט דעם נס וואָס שטעהט אין דער תורה, דאָס

איז ביי איהם גאר איין קליינינקייט, ער האט גאר געמאכט א פלאן, אז דער ים סוף האט זיך געשפאלטען אויף 12 חלקים, און יעדער שבט איז געגאנגען דורך אנאנדער טהייל, דיא וועגט וואסער זיינען געווארען וויא בריליאנטען, צווישען זיי האט געוואקסען אלערליי פרוכטען, און דיא אידען דורכגייענדיג האבען זיך געקוויקט מיט זיי, עס איז מיר א פלא, פאר וואס האט ער ניט געזאגט, אז צווישען דיא וועגט זיינען געשטאנען שיסלען קרופניק, געדיכט מיט קארטאפעל? —

בקיצור, אט אויף אזא אופן האט ער געטומעלט א קאפ ביז מנחה, נא עס איז שוין נאך מנחה, דער עולם האט זיך אביסעל פאנאנדער געשמועסט פו: פארשידענע ענינים, און איך בין פארקראכען אונטערן אויווען, אפשר וועל איך טרעפען ווייטער אונזערע מענשען, און וועל הערען עפעס ווייטער א גוט ווארטחלעבען, יא, געטראפען, עס טהוט מיר הנאה, אט וועל איך עפעס הערען.—

17

דער לעצטער געשפרעך.

דיא אייגענע צוויי מענשען, אונזער ר' חיים און דער אפיקורוס אויך, זיצען צוזאמען און שמועסען, זייער רוהיג, טאקי איבער וואס וויכטיג איז, „הערט איהר ברודער!" האט זיך דער אפיקורוס אנגערופען, איהר ווייסט אז עס איז שוין נאך יום טוב, מיט דיא דרשות פון דעם מגיד, און מיט דעם „לא לנו" פון דעם חזן, קען מען קיין וועלט ניט פיהרען, דאס איז אלעס פוסטע געשעפטען, אט וואס איך וועל אייך זאגען, איך קלעהר גאר מיינע קינדער שוין מעהר ניט לאזען לערנען ביי דיא היזיגע מלמדים, מען זעהט ב"ה דעם גרויסען תכלית וואס עס ווערט פון דיא אלע קינדער וואס פערברענגען זייערע יונגע יאהרען אין די חדרים, און געהען אום דער נאך אין צרות, זוכען פרנסה אפט דורך פארברעכען, און אויך ניט אלע מאל גילט דער שווינדעל, אזעלכע מענשען זיינען גלאט אביונים, בטלנים, שנארערס, מיינט איהר אפשר אז זיי קאנען חאטש אביסעל לערנען? ניין, דאס רוב זיינען גאר פראסטאקים, דיא דאגות האבען זיי אזוי פיעל פארשלאגען דיא קעפ, אז זיי האבען גאר פארגעסען דאס ביסעל גמרא, אויף וואס זיי האבען פארבראכט זייער לעבען ביז 20 יאהר, תנ"ך האבען זיי גאר אין די אויגען ניט געזעהן, זיי זיינען ניט אימשטאנדע אפילו איין רעכטען בריעף צו שרייבען. —

אט דערפון זעהט מען וויא ריכטיג איז, דער מאמר פון אונזערע חכמים „כל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה" קוקט גוט, און בעטראכט די ווערטער, זיי זאגען ניט „אז די תורה וואס מיט איהר איז נישטא קיין מסחר, וועט דיא תורה בטל ווערען", ווארום אין אמת, איז מסחר א זאך וואס שטערט אין גאנצען דאס לערנען, דער מסחר איז מבלבל דעם מוח, און שטערט, אי פון תורה, אי פון מצות, גוט האט געזאגט איינער א חכם „המסחר הוא אבי השקר" דאס הייסט דער האנדעל איז דער פאטער פון בעטריגעריי, דער פסוק זאגט אויך

דאָס אייגענע, „כנען בידו מאזני מרמה לעשוק אהב“, זעהט אַ דבר פּלא, ער זאָגט ניט, אַז דער סוחר מוז זיין אַ גראַביטעל, נאָר נאָך ערגער, דער סוחר האָט גאָר ליעב גראַבעזש, אפילו בשעת ער האָט גאָר קיין נויט ניט צו דעם, ער קען לעבען אָרענטליך פון זיין געשעפט, ניין, ער ליעבט דעם שווינדעל, ער קריעגט שוין גאָר איין נאַטירליכע תשוקה צו רויבען, און דארום זאָגט דער פּסוק „לעשוק אהב“ ער ליעבט צו רויבען, דארום האָבען דיא תלמודיסטען געזאָגט, אַז דער וואָס לערנט ניט זיין קינד אַ מלאכה, איז אַקוראַט וויא ער וואָלט איהם געלערנט זיין אַ גזלן, ווארום אַז ער וועט ניט האָבען אין זיך איין זיכערען פּראָפעסיאָן, פון וואָס צו פאַרדינען, און וועט נאָר זוכען פּרנסה פון דעם מסחר, איז ער דאָך אַ גזלן, אין יעדער גראָשען ליגט פרעמדע בלוט, פרעמדע מיהע, און דאָס איז נאָך אַלעס געשמועסט, אַז ער קריעגט חאָטש דאָס קערבעל, אוי ווייא געשריען! וויא פיעל מענשען וואָלטען גערען געוועזן עפּעס מאַכען אַ שווינדעל, איין אָנזעץ, אָבער עס געהט ניט. —

איך האָב הנאה צו הערען אַ שמועה פון משוגעים „עט! מען דארף גאָר ניט קענען, וועמען עס איז בעשערט צו זיין אַ נגיד, הלעבען מעג ער אפילו זיין חתימה אויך ניט קענען מאַכען, פון דעסטוועגן פיהרט ער געשעפטען, אָט למשל וואָס פעהלט „דעם, און דעם“, אַ שאַרפער פּיסמעניק? קען ניט מאַכען אַ צלם פאַר איין אלף, פון דעסטוועגן איז ער גאָר אַ קאַרגער עושר? און וויא פיעל שרייבערס, האָב איך געזעהן אָנם געהן אָהן שטיוועל?“ —

אָט דאָס איז דער שמועס פון בלינדע מענשען, זיי קוקען נאָר אויף דעם וואָס דאָס מזל האָט איהם גראַדע געטראָפען און איז פון׳ם מסחר איין עושר געוואָרען, געוואַלד! פאַר וואָס זאָל מען אָבער ניט קוקען אויף דיא 95 פּראָצענט וואָס שטאַרבען ממש פון הונגער, זיי האָבען ניט פון וואַנען אַ טאָג איבער צו קומען? און ווידער האָבען דיא נאַרישע מענשען מעהר ניט קיין בעגריעף, נאָר אָדער פון אַ שוסטער, אָדער פון אַ שרייבער, זיי האָבען קיין שום ידיעה ניט, וואָס הייסט „מלאכה“, אָדער וואָס הייסט „וויסענשאַפט“ איין שוסטער אָדער אַ שניידער, הייסט ביי דעם אונגעבילדעטען אידען אַ בעל מלאכה, אַ שרייבער איז ביי איהם איין געלערנטער, איהר ווייסט ליעבע ברידער, איהר זיינט ניט געוועזן אין דער גרויסער וועלט, איהר לעזט קיין ביכער ניט, איהר ווייסט ניט וויא הויך געשעצט איז דיא מלאכה יעצט אין דער וועלט, איהר וואָלט נאָר געזעהן בעלי מלאכות, קינצלער, מאַשיניסטען, וואָס דיא מלאכה האָט זיי רייך געמאַכט, און וואָס פעהלט טאַקי אַ גוטען בעל מלאכה פון דעם סאָרט מלאכות? אַ גוטער שוסטער האָט דען קיין ברויט ניט? אַ רעכטער שניידער ווערט דען ניט באַוואַקסען? זיי ווערען דען ניט קיין עשירים מיט אייגענע הייזער? זעהט נאָר אין דיא גרויסע שטעדט. —

וויטער ברידער וואָלט איהר זיך ערקונדיגט, אַז אַ שרייבער וויא איהר מיינט איז גאָר ניט קיין געלערנטער, איין געלערנטער מענש ווערט אָנגערופען

וואָס בעזיצט וויסענשאַפטען, מאַטעמאַטיק, פיזיק, מעכאַניק, כעמי, מעדיצין, און נאָך אַזעלכע פרעדמעטען וואָס מאַכען גליקליך דעם מענשען, איהר ווייסט אַז דיא אַלע ענינים, הן פון מלאכה, הן פון וויסענשאַפט קען אַ מענש ביז 20 און העכסטענס ביז 25 יאָהר, דערגעהן ביז אין גרונד. —

נאָ זאָגט אַליין, זיינען מיר ניט רוצחים ? וואָס פיהרען מיר איבער אונזערע קינדער גאָר בחנם ? איך וויים גאַנץ גוט דעם תירוץ פון די שוטים : „נישקשה! מען האט געלעבט אָהן דיא אַלע קונצען, און מען וועט ווייטער אויך לעבען, אָט לאָמיר זיך ניט נאַרען, פון וואַנען לעבען מיר ? מיר זיינען ב״ה ניט קיין בעלי מלאכות, און ניט קיין אויסגעלאַקסירטע, ניט געגאַנגען אין דיא חאַלאַסען, און פון דעסטוועגען לעבט מען ווי עס איז, חלעבען פון הונגער איז נאָך קיינער ניט געשטאָרבען“, אָט אַזוי זיינען די טענות פון דיא בהמות, איהר פערשטעהט ברידער, אַז ביי איין ליטוואַק ווערט דאָס גערופען „געלעבט“ זיצען אין אַ דירה פון פיער איילען אויף פיער איילען, אין עפּוש, און סיראָסט, עסען קדחות, טאָג און נאַכט קריגען און שילטען זיך מיט׳ן ווייב, זיין אַן עבד לעבדים, אַ שפל ונבזה צוליעב איין גילדען, נאָ איז דאָס אַ לעבען ? אין אמת זיינען כמעט אַלע ליטוואַקעס אַזוי וויא טויטע.

איהר האָט שוין אפשר געהערט דערפון, אַז אונזער גוטער קיסר האָט מיט אונז געטהאָן חסד, און האָט אונז געגעבען איין אוקאַז, אַז געבילדעטע, און בעלי מלאכות מעגען זיצען אין גאַנץ רוסלאַנד ? נאָ צו וואָס זאָלען מיר זיך צונאַנד קוועטשען אַלע אין איינעם, אין דיא טרוקענע און דאַרע שטעדט ? אפשר איז אַ שאַדע אָבצולאָזען דעם מגיד, מיט דעם חזן, וואָס דאָס איז דער גאַנצער נחת פון דער ליטאָ ? מעהר דאַכט מיר איז נישטאָ נאָך וואָס צו בענקען, אַ וואַהרער געבילדעטער מענש, און איין גוטער בעל מלאכה קען יאָ אַמאָל עסען אַ שטי־קעל ברויט, וואָס איז ניט געקנעטען אויף פרעמדען שוויים, וואָס קיינער זיפצט ניט און קרעכצט ניט אויף זיי „אָט אַזאַ מענש לעבט טאַקי, ער האָט הנאה פון זיין וועלט, אויף איהם קען מען זאָגען אַז ער איז זיכער מיט זיין „פרנסה“, ער קען זיכער נעהמען אַ ווייב, און זיא זאָל איהם זיין טאַקי אַ הילף, ניט וויא דיא ליטוואַטשקעס נעבאַך, וואָס קענען זיך ניט פערלאָזען אויף זייערע באַנק קוועטשערס, און מוזען נאָך אַליין אויך האָרעווען, מבזה זיין זיך מיט גאַס־פרנסות, זיין טענדלערינס, סעדעכעס, פאַר בריינגען גאַנצע טעג אין קללות, און אין פאַלשע שבועות, אומגעהן שוואַרץ, און חושך, פאַרשלומפּערט, פער־שמאַכט, איבער געגריזעטע, צוקאָכטע און צובראָטענע, פון קנאה, און פון שנאה, וואס עס מאַכט טאַקי איין איינדרוק אויפ׳ן מאַן אויך.—

איז דען מעגליך אַז ביי אזא מאַן און ווייב, זאָלען זיך אויסהאָדעווען אָרינ־טליכע קינדער ? קאַרג קללות הערען זיי זיך אָן שטענדיג ? קאַרג הערען זיי טאָג וויא נאַכט, וויא איינער דעם אנדערן רופט אוים וואס אין דער קאָרט ? נו וואס פאר אַ פנים קענען שוין האָבען דיא עלטערן ביי דיא קינדער ? וויא

קענען זיי שוין דרך ארץ האָבען פאר אזוינע שמוציגע עלטערן? ווייניג שווינדלעריי און שקרים זעהען זיי טאָג טעגליך, אין דעם געשעפט פון זייערע עלטערן? און וואס מאַכט דאס אלעס? נאָר דער דוחק פון דער פרנסה, הונדערט אידען אין איין שטעדטעל האָבען איין געשעפט, מוז מען דאך טהאָן כל הפסלנות, און ערשט איז נישטאָ פון וואנען צו לעבען, נו קריעגט מען זיך, שילט מען זיך, גריזעט איינער דעם אנדערן אָב דיא הויט פון דיא דארע ביינער.—

דיא גמרא ברייננט א גוט ווערטעל „כד מישלם שערא מכדא, נקיט ואתא תיגרא בביתא" עס הייסט: „אז עס קאָנטשין זיך שוין דיא גערשטין פון פאס, הויבט זיך אָן א מחלוקת אין שטוב". עס איז טאַקע ריכטיג, ביי אונז ליטוואקעס איז ב"ה דאָס פאס שטענדיג פוסט, און דערפאר איז דיא שטוב פול געפאקט מיט קללות, ניט צום אויסהאַלטען. —

על כן, איז ביי מיר געבליבען בהסכם, אז איך מוז מיין עלטערן זוהן אָבגעבען תיכף נאָך יום טוב פאר א בעל מלאכה, און דעם אינגערן לאָזען שטודירען, דאָ וועל איך געווינען אין צווייען, ערשטענס: וועל איך זיי מאַכען פאר מענשען, פאר זיי וועט שוין זיין דיא וועלט אָפען און פריי צו זיצען וואו בעקוועמער עס וועט זיין צו דער פרנסה, זיי ווע‍לען פאר שפּאָרען זיך בעשעפטיגען מיט דיא פוסטע עסקים, אַ שטייגער: שדכנות, מלמדות, מעקלעריי, א קרעמער און א פינף אָדער זעקס מאָהל אָנזעצען, ער און דאס ווייב בעזונדער, אַ שענקער ארויס קוקען אויף שיכורים, און צו נעהמען א גנבה'על‌ע אויף דער וויל, אום פאָרין מיט א כתב פון א נשרף, קלייבען חתימות אויף איין עלטער זיידענס אַ ספר, און דערנאָך ניט דרוקען, אָדער גלאט אַ שנאָרער. דאס זיינען אלע אזוינע פרנסות וואס בעשטעהען נאָר פון בעטרוג און שווינדעל, און העכער ווי א 50 פראָצענט גילטען אפילו דיא דאָזיגע פרנסות אויך נישט, בלייבען זיי גלאַט בעטלער'ס, בטלנים, תהילים זאָגער, מקבלים, שנאָרער,— צווייטענס, אז מען מאַכט קינדער פאר מענשען, קען מען חאָטש האָפען, אז מען זאָל פון זיי ווען עס איז לויז ווערען ניט טראָגען זיי אויף דיא דארע פלייצעס, ביז אין טויט, אַ קינד מיט אַ טאַלאַנט דארף ניט קאָסטען קיין נדן, קיין קליידער, קיין קעסט, ער קוקט שוין ניט ארויס אויפ'ן טאַטענס געלד, ער פיהרט שוין א הוצאה פון כמה יאָהר נאָך פאר דער חתונה.

געוואלד געשריען! מיר זיינען דאָך באמת משוגעים און מטורפים, מיר ציטערן דאָך פאר איין מאַמר פון דער גמרא, וואס נאָר איינער האָט זיך ארויס גערעדט איז דאס באַלד געבליעבען א דין, און גלייך דאס אריין געצויגען אין שלחן ערוך אריין און כן יקום.— נו פאר וואס זשע ווילען מיר זיי ניט פאָלגען מכיה קינדער ערציהונג? דיא חכמי הגמרא קלעהרען עפעס, וויא לאַנג איז דער פאָטער מחויב אויסהאַלטען זיינע קינדער, וואס ער דארף זיי לערנען זעהט מען דאך דיא גרויסע שטותים פון אונז, אז מען לאָזט אומגעהן ליידיג גרויסע

קינדער און מען גיט זיי עסען, און מען מאכט זיי נאך חתונה, און דער נאך גיט מען זיי ווייטער קעסט, נו איז א חידוש אז מען דארף טהאן אלע פסלנות אין דער וועלט ? א שפאס א פוסטער מענש, אהן א שום טאלאנט, אהן א שום זיכערער פרנסה, זאל גאר וועלען זיין א פאדראטשיק מפרנס זיין א גאנצע פאמיליע, קינדער מיט אייניקלעך, גרושות מיט חליצות, אין וואס איז מיט איהם דאס תקיפות ? אדרבה פרעגט איהם ?

אט פרעגט למשל אונזער ר' שמערלן וואס איז זיין תקיפות ? ער איז א קרעמער, ער האט ערשט בסך הכל צוויי מאהל באנקראטירט, ער אליין פארט שוין ניט נאך סחורה, ער שיקט שוין דאס ווייב, ער מאטערט זיך ביז ער זאל חתונה מאכען דעם מוזיניק, און אבגעבען איהם דיא קעסט, דאמאלס וועט ער שוין מאכען דעם לעצטען אנזעץ, פאר קויפען זיין שטוב (וואס זיא איז שוין פון כמה יאהר אויף איין פרעמדען נאמען) און ארויס פאהרען קיין ארץ ישראל, שוין אראפ וואַרפען פון זיך דיא נארישע וועלט, וויא פיעל איז דער שיעור צו הארעווען ? חלעבען דיא קינדער זיינען שוין ב"ה לייטען גלייך, דעם עלטערן האט ער איבערגעגעבען די קלייט, מיט דעם נשאר אין די חובות, זיין ביסל געלד וועט ער אויך צולייגען, וועט ער קענען פיהרען די קלייט, ווייטער וועט ער דאך אויך שכל האבען אלע מאהל באנקראטירען, ביי איהם וועט שוין דאס זיין א אב מלאכה.— דער אנדערער זוהן איז אויך ב"ה פארזארגט, ער איז א שטיקעל מעקלער, מישט זיך אריין אפט מאל אין איין שידוך, א גבאי אין צוויי חברות, און דערצו זיצט זיין ווייב מיט א טישעל אויך.— דיא איידעמס אויך זייער לייטעשע, פיינע בעלי קריאות, קענען גוט שרייבען סופרעש, איינער איז גאר א יודע נגן, און א רעכטער בעל תפלה, דער כלל, זיי זיינען מושלמים בכל המעלות, מוהלים, שופר בלאזער, פלעכטין בייטאליך צו הדסים, אבשרייבען דאס קדחות, חלעבען זיי וועלען שוין פון הונגער ניט שטארבען, זיי וועלען זיך שוין דורכשלאגען וויא עס איז דיא נארישע וועלט, און ווייטער קען מען עפעס אלעס פערזארגען ? מען איז מעהר ניט מחויב נאר געבען א ווייב א יודין, און דער נאך וויא דאס גליק טראגט אוים.

נו אזא איד וואס האט שוין כמעט זיין וועלט אויסגעפיהרט שעהן און פיין, חלעבען וויל טאקי ניט שטארבען אין חוץ לארץ, נאך וואס טויג איהם, אז ווערים זאלען איהם עסען ? ער האט חשק ליגען וויא א פירשט קרוגאם אין ארץ ישראל ערד, וואס דען ? עס איז אין אמת א תכלית ליגען אין דער ליטא נאר בעטרעסעט מיט'ן נארישען ביסעל ערד פון צפת ? ערשטענס, איז דאס ביסעל ערד גלאט קאי און שפאי, צווייטענס, זאל מיר גאט ניט שטראפען פאר דיא רייד, איך בין גאר א קנאפער מאמין אין דעם ביסעל ערד וואס דיא ארץ ישראל משולחים בריינגען פון דארטען, ווער ווייסט ? אפשר איז דאס גאר סטאמבלער ערד ? קליינע שווינדלער זיינען זיי ? נו פאר לאז דיך אויף דעם, און חוץ דעם איז דען (גלגול מחילות) קאטשען זיך דורך דיא היילין, עפעס א גוט עסק ? —

ערשטענס, דאס קאטשען זיך אליין איז גאר ניט געשמאק, קאטשע זיך אזא מרחק, אזש פון סלוצק קיין חברון? א שפאס וויא פיעל געזונד דאס דארף ארויסנעהמען? און אז מען גיט שוין דיא ווילקעליך, אז מען זאל זיך אויף זיי אנשפארען בשעת מען וועט זיך קאטשען, איז דאס עפעס א שארפע הילף? איהר פערשטעהט דאס תקיפות פון אזוינע ווילקעליך? גלאט ריטליך פון א בעזים! ניחאי וואלט מען האטש געגעבען שטאלענע, אדער טשיגונענע.

צווייטענס! איז עפעס א חילוק, דער וואס איז שוין אויפ'ן ארט, אט ווערט ער לעבעדיג, האפט ער זיך שוין צו, צו איין שטיקעל געשעפט, א שענקיל, א קלייטיל, דערשלאגט זיך צו א שטיקעל אייגענער דירה, איידער עס וועלען אנ־קומען אלע סלאנימער, מירער, ארשער, לידער, וואלאזיניער, סלוצקער, א שפאס דאמאלס א דירה אין ירושלים? חלעבען מען פיהרט איין א שטיקעל אכסניה, אט פאר בלאנזעט א מאהל א סוטה פון א שטעדטעל, א יולדת, א סך אנדערע וואס דארפען ברענגען קרבנות, א פרעמדער מענש וויים טאקע ניט וויא און וואס, אט ווערט א קאפיקע, צו איין אורח דערלייגט מען נישט, אבער דער וואס וועט זיך קאטשען, ביז ער וועט דער קריכען, ביז וואס ווען, צט ווערט צו קרא־כען דיא עטליכע גילדין. —

אי וועט איהר פרעגען? זאל שוין זיין אז ער איז גערעכט, אבער ווער איז מחויב איהם געבען געלד? מען זאל איהם שיקען מעמדות אהין? פאר וואס זאל איהם בעסער זיין וויא אלעמען? וואס פאר איין גליק וועט מען דא האבען, אז ער וועט זיך תיכף צושלאגען צו איין שענק, אדער א קלייטעל, און אפשר גאר צו איין אכסניה, און טאקי ארום דעם הר הבית? איך קען אייך מבטיח זיין, אז ער וועט דער נאך קיין ליטוואק אפילו אופ'ן שוועל ניט ארויף לאזען, מחמת ער ווייסט דאך וואס פאר קארגע לייט זיי זיינען, און אז מען קען פון זיי גאר נישט דער לעבען.—

בקיצור, נאך מיין שכל וואלט איך זיי טאקי א גראשען אויך ניט געגעבען, וואס ארט דאס מיך? וואס ביסט דוא דא פאר א יחסן? וואס ביסט דוא אזא זולל וסובא אויף ארץ ישראל ערד? נישקשה! דוא מעגסט אויך גלייך מיט אלע ליטוואקעס אומגעהן נע ונד, נאך דיא גלגול מחילות אין ירושלים, און זוכען פרנסה, איהר פערשטעהט א שכל? ער האט זיך אין דער היים בסך הכל נאר דריי מאהל באנקראטירט, געטהאן כל הפסלנות שבעולם, און לסוף וויל ער זיך נאך פארזארגען, אי אויפ'ן נאכ'ן טויט, אי, אויף נאך תחית המתים? א קרענק אין דיא ביינער! פאר וואס קומט דאס דיר?—

הערט נאר! ער האט מיר געטהאן א גרויסע טובה, ער האט חתונה גע־מאכט אלע קינדער? בודטא עס פעהלט ח"ו איינער צום מנין, און קיין גולם איז אויך נישטא צו בעקומען, האט ער אונז א טובה געטהאן אין א מענשען, אין אמת קען א מאהל אין דער ליטא טאקע זיין א דוחק אין מענשען, א שפאס אז אין דעם קלענסטען שטעדטעל געפינט זיך א ערך פון 20 בתי תפלות, א גרויסע

שוהל, בתי מדרשים, קלייזליך, שולכליך, שטיבליך, גלאַט מנינים, וואס איז ? יעדער וויל טאַקע נעבאך פאַרט האָבען איין עליה אלע שבת, און טאַקע א רעכ־טע, לכל הפחות אחרון, חלעבען נימער ערגער, עסען עסט מען אלע וויטיגין מיינע שונאים, דאגות איבער'ן קאָפּ, נו אז מען זאָל.נאָך ניט האָבען אלע שבת חאָטש איין עליה און טאַקי א פעטע, וואָלט מען שוין גאָר אויסגעגאַנגען פון דיא כוחות, דעריבער מוז מען מאַכען מנינים, איז טאַקי דא דאריבער א שטור־קעל דוחק אין מענשען, און דורך דעם, האָט טאַקי דער קרעמער פארדינט ביי דער שטאָדט דערמיט וואס ער האָט געזעהען קודם כל חתונה מאַכען אלע קינ־דער, אָט קומט צו איין אידעם, פאר וואס ניט ? דער וויל קינדעלט מען אונ־טער אפילו גאָר געשמאַק, אָט א יאָהר פאר א יאָהר, ווערען שוין דיא זכרים בעל מצוה, נו טויגען זיי שוין אויף צום מנין.—

לאַכען מעג מען, אָבער אין אמת איז דאס א האַרץ וויהטאָג, איהר מעגט מיך אפילו האַלטען פאר איין אפיקורס, איך זאָג אייך איך בין גאָר ניט צופרי־דען פון דיא פיעל בתי תפלות, עס וואָלט א סך גלייכער געווען, אז עס זאָל מעהר ניט זיין נאָר אייניגע היפשע בתי תפלות, פיין אופגעפוצטע, מיט איין אָרענטליכען חזן, וואס טויג צו זיין זאך, א רעכטער קורא בתורה, מיט איין אָרענטליכען מגיד, איין געבילדעטער מענש, און טאַקי געבען זיי רעכטע שכירות, ווארום דיא אלע הכנסות פון דיא קליינע שולכליך וואָלט דאָך זיך ארייגעקליעבען אין דיא אייניגע בתי תפלות, וואָלט דאָך טאַקי דיא זאך א פנים געהאַט, אי, איין עליה ? נישקשה ! על פי דין קען מען יוצא זיין אפילו אין 10 וואָכען א מאָהל מיט איין עליה, עסט נאָר א רעכט שטיקעל פלייש, און זייט זיך אביסעל מרחיק נאָר פון דעם קרופניק ימח שמו, וועט איהר זעהן וואס פאר א פנים איהר וועט האָבען, איך זאָג מיינס, א עליה איז איין עליה, וואס מאַכט עס אוים ? דאס שטיקעל תורה, אָדער יענעם שטיקעל תורה ? איך וואָלט גאָר מבטל געוועזען דעם גאַנצען יחוס פון שלישי, ששי, אחרון, מפטיר, איך וואָלט געמאַכט אז אין דער תורה זאָל גאָר קיין חילוק ניט זיין, אלע עליות זאָל זיין גלייך אין דער מדרגה, אָט דאָ וואָלט מען פטור געוואָרען פון דיא קלייזליך מיט דיא צעהאָוואָיע שולעכער, מען וואָלט זיך פארשפּאָרט פאַטשען פאר עליות 1) פּראָסטע און גראָבע מענשען וואָלטען ניט געווען אזוינע שטאַרקע קריכער צום עמוד, הלוואי זאָל זיי גאָט העלפען חאָטש פאר זיך וויא עס איז

---

*) איבערהויפּט אין דיא צעהאָוואָיע שוהלען, און אין מנינים טרעפט זיך אָפט און אָפט אזעלכע סצענעס, וואס עס איז גאָר איין חרפה פאַר'ן מויל צו ברייגגען, וויא פיעל מאָהל האָט זיך געטראָפען, אז איינער א שניידער וואס האָט שטאַרק גערעכענט אויף זיינע תקיפות, אז איהם געהערט נאָר ששי, און אן אַנדערע עליה וויל ער ממש אין האַנד ניט נעהמען, האָט עס גוט בעמערקט אז דער גבאַי א דאמסקער שניידער, וואס ער איז מיט איהם אין מחלוקת,

דורך קריכען דאס דאווענען, מילא א וואָכידיג דאוונען איז נאָך סיאק טאַק, פאָרט בעקאַנטע ווערטער, שטאַרק איינגעדאווינט, אָט געהט ער א גאנג, אָבער א שטייגער אום יום טוב, דאָס גרויסע שטיק מחזור פאַר דער קדושה, וואָס דאָרטען האָט זיך דער פייטן אין אמת פאַנאַנדער געלאָזען גאָר אָהן רחמנות, דאָרטען פערלירט א פראָסטער יוד טאַקי דיא כחות, אז עס איז טאַקי א צער בעלי חיים, עס פליהען טאַקי ממש דיא צייהן פון מויל, מען ווערט נעבאָך אָבגעגאָסען מיט שוויים, עס איז נישטאָ איין רעכט וואָרט, מען פליהט איבער שכם און איבער יוסף, דיא פיענע לויפט פון מויל, און דא איז נאָך א מרחק רב צו קדושה, דער גראם געהט שוין אפילו אלע מאָהל שטאַרקער (דאס איז א סימן

האָט גאָר ניט אין דער מחשבה איהם אויפרופען ששי, און איהם האָט דאָס אָבער גוט צוגעשפּארט האָטש לאָפּנע, ער מוז זיין ששי, טרעפט וואָס ער האָט געטהאָן? ארויפגעהן אויף דער בימה ניט קיין גערופענער, האָט ער מורא געהאַט, אז עס וועט תיכף ווערען א געפּאַטשעריי, און ער וועט ניט אויספיהרען, איז ער געפאלען אויף איין המצאה, א שכל וואס אַ שכל הייסט, ער איז ארויפגעקראָכען אויפ'ן באנק וואָס שטעהט לעבען דער בימה צו דער זייט פון ארון קודש, מיט'ן פנים צו דער טהיר, און האָט געעפענט דיא תורה פון דער לינקער זייט, און האָט שוין געמאַכט דיא ברכה, איהר פערשטעהט ליעבע לעזער! דאס איז געווען דווקא מיט חן, שטעלט אייך פאָר א גראָבער שניידער און איין הויכער, האַלב מבושם (נאָך פון נעכטען) שטעהט אויף אַ באנק מיט'ן אחור צום אָרון קודש, וויא א מגיד, און מאַכט א ברכה גאָר פון דער לינקער זייט, און דערווייל איז ארויף אויף דער בימה טאַקי דער דאָזיגער וואס דער גבאי האָט איהם מזכה געווען מיט'ן ששי, נו וואס טהוט מען? דער מאַכט פון דער זייט, און דער פון דער זייט? פיעל יונגע שניידערליך האָבען געוואָלט פון הינטען אראָב שלעפען דעם שכור פון באַנק, ער איז אָבער אויך קיין נאַרר ניט, ער האַלט זיך שטאַרק אָהן אין דיא עץ־חיים'ס, און שלעפט מיט זיך דיא תורה, אָט דאָ האָבען אָנגעהויבען פליהען פעטש פון אלע זייטען, ער האָט אויך געהאַט א שטאַרקען צד, מען איז פאַרפאָהרען דעם גבאי אונטער'ן אויער, אַ סך חייטים פון דיא אלטע, האָבען בעלעגערט דיא תורה, אז זיא זאָל ח"ו ניט אראָבפאלען אויף דער ערד, און אין שולכעל איז א רעש און א מהומה, עס פליהעט קולות און זידלעריי פון אלע זייטען, אלע טליתים זיינען צופליקט געוואָרן אויף שטיקער, סטענדערס צובראָכען, מיט דיא העסעס פון דיא הענגלייכטער האָט מען מלחמה געהאַלטען.— בקיצור, עס איז געווען פיין און אָרענטליך, אויפ'ן שעהנסטען גראד.

נאָך שבת, האָבען דיאביידע צדדים פארפיהרט א פראָצעס, געשטעלט פאלשע עדות, אויסגעבראכט א סך געלד, פארזעצט אלע כלי קודש, און עס איז געווען צו זינגען און צו זאָגען.—

אז דער פייטן אליין וויל זיך שוין אויך צו שלאָגען צו דער קדושה) וואס איז אָבער דיא פעולה? דער פיוט קעלבט זיך! אהא! דער חזן קאָכט שוין, אָט אָט טשוט לעבען משלשלים, און זיי נעבאך מוזען אין מיטען דער ארבייט מפסיק זיין און זאָגען קדושה, נו אַ שטייגער אז אזוינע מאַכערם פּאָפּאַדען זיך גאָר צום עמוד, איז עפּעס א חן הא?

אָט דעריבער, איז ביי מיר דער קרעמער גאָר קיין יחסן ניט, וואס ער האָט חתונה געמאַכט אלע קינדער, פון מיינעט וועגען האָבען נאָך געקענט א פּאָר בחורים זיצען נאָך עטליכע יאָהר, און ער זאָל טאַקע זיין אין דער ליטא, זאָלען איהם טאַקי עסען דיא ווערים נאָכ'ן טויט, זאָל ער זיך טאַקי קאַטשען, האָבען גלגול מחילות, איהר מיינט אפשר, אז אַ סך פון דיא לייט שטאַרבען ניט און חוץ לארץ? זיי קענען דען א פּנים איינזיצען דאָרטען? מען חאַפּט זיך אָפּט ארויס מאַכען א גראָשין, וואס איז? וואס ביסטו געקומען? א היישעריג איז אָנגעפאַלען, עס געהט ניט קיין רעגין דאָרטען, עס איז ערד ציטערניש, אי ווער האָט דיך געבעטען צו פאָהרען אהין? דער טערק קען זיך אָהן דיר ניט קראַצען? ניין! עס איז אָבער דאָרטען וואָלוועל באָקסערן, שמן זית, טייטלען, מיהלגראַ־מען, נו ביסט דוא גלאַט א נאַשער? וואָס זשע ווילסט דוא פון אונז האָבען? זיץ אין דער ליטא, קיין היישעריג איז ב"ה נישטאָ, וואסער איז דאָ לרוב, דיא ערד ציטערט ניט, און עס איז טאַקי ווייטער קרופּניק, קוויק זיך מיט עפּעל קוואס, אָדער גאָר מיט דייזע קוואס, אי וואס? דוא ווילסט אפשר גאָר איינרייי־דען, אז דוא מיינסט גאָר טהאָן א טובה דעם כלל ישראל, דוא וועסט זיך פּיעס־טען פאר'ן כותל מערבי, זיך מיהען אז מען זאָל דעם טערק ארויסוואַרפען פון ירושלים, אָט דאס קען איך טאַקי דיר גלויבען, מען זעהט ברוך השם, און מען הערט, אין אלע צייטונגען דיא גוטע פאראדקעס פון ירושלים, עס איז פּשוט א חרפּה צו הערען, עס איז דאָרטען גאָר פּשוט גראַבעזש, יעדער קלעהרט אויס אן אנדער שקר אבי אוים מאַנטען דיא עטליכע גילדין פון חוץ לארץ 1).—

אפשר דארף מען העלפען דעם אָנזעצער צו פאָהרען קיין ארץ ישראל, כדי

---

*1) ווער שמיעסט פון דער וואָלינער חברה, דיא חסידישע ארץ ישראל יודען, דאָרט איז גאָר א צרה, גאָר רציחות, דיא גבאים דיא גוטע יודען מיט זייערע פאַמאָטשניקעס וואס נעהמען צונויף דאָס געלד אין חוץ לארץ, זיי גנבענען אראָפּ דערפון 90 פּראָצענט, דיא 10 פּראָצענט וואס בלייבט פון זיי, שיקט מען דאס ערשט צו, צו דעם גבאי הכולל דער געוויסער גרויסער סאדיגערער חסיד אין ירושלים, ער האָט ב"ה אויך שכל, ער נעהמט זיך אליין אראָפּ פון דיא 10 פּראָצענט 9 און המותר ווערט פארטהיילט דעם גאנצען עולם, נו וויא פערשטעהט איהר, וואָס דאָרט ווערט פאר אמין געוואלד, פאר א גראַ־בעזש? פּשו איינער וויל פון דעם אנדערנס מויל אויסרייסען, וואָס דען זאָל ער טהאָן? הלעבען עס איז טאַקי כדאי צו פאָהרען קיין א"י!—

ער זאל היטען דארט דאס ביסעל אימושטשעסטווא, וואס האט זיך אונז אבגעשטעלט פון דיא אלטע צייטען, דאס איז דער כותל מערבי, אויף אונזערע שונאים געזאגט געווארען אזא ירושה! דעריבער הערט איהר ברידער וואס איך וועל אייך זאגען, השי"ת זאל אונז היטען פון אזעלכע תכלתים, פון אזוינע פלאנען צום לעבען, נאר אזעלכע פוסטע מענשען וויא מיר זיינען, זיינען מיר נאך ניט בעווארענט, פון זיין ארץ ישראל יודען אויף דער עלטער.

דארום וויל איך מיט גאטעס הילף, חאטש מיינע קינדער מציל זיין פון אזוינע פאסקודנע געשעפטען, פון אזא ברודנעם לעבען, איך בין ניט מקנא אפילו דעם רייכען וואס לעבט פון גאלע שווינדעל, ער ווייסט אויך ניט פון קיין טאג און קיין נאכט, און בפרט דיא פוסטע שווינדלער, דיא אביונים, דיא קבצנים, פליהען אום וויא דיא רוחות מיט פארדרעהטע קעפ, עסען ניט, און האבען טאקי ניט וואס צו עסען, טאג און נאכט איז הא הא, מען קריגט זיך מען שילט זיך, מען שווינדעלט, מען אבמאנעוועט, מען רייסט פון טויט און פון לעבעדיג, יעדער גראשין פארלויפט מיט בלוט, נו דאס ווערט אויך אנגערופען געלעבט? פון אזא פיהרונג האט מען ניט דיא וועלט, ניט יענע וועלט, נאר כפרה, פון אונז קען שוין קיין בעסערער תכלית ניט זיין. —

אבער לאזען אונזערע קינדער אויף הפקר, איז געוויס א גרויסע רציחה, און וואס האב איך מורא? וואס קען מען מיר טהאן? אפשר ניט אויפרופען צו דער תורה? אדער אריין רוקען מיר איין הוספה, איינס פאר אהרון? הא, טאקע גאנץ שלעכט! עס איז טאקי כדאי חלעבען צוליעב אזוינע פוסטע שמאכטעס איבער פיהרען קינדער פוןביידע וועלטען, אי אי ברידער! זיינען מיר דאס ביסעל רודפי כבוד? און נאך אזא נארישען כבוד, וואס איז, זוכען דווקא ששי אדער אחרון, וויא געפעלען אייך אזוינע שטותים? מען זעהט דאך טאקע וויא ריכטיג און פיין עס ווערט אבגעקלעהרט אויף דער בימה, ועמען מען האט דא מכבד געווען מיט דעם ששי? א קאטאוועס איין איש יקר? א גנב, א גזלן, א רוצח, א בלוט זויגער, אט דאס איז דער ששי.

באמת איז נאר א הארץ ווייטאג צו קוקען דיא פאראדקעס פון דיא בתי תפלות, עס איז נאך וויניג דער שווינדעל און דער שקר אין גאס און אין שטוב, ווערט דאס נאך פראקטיקירט אין שוהל, אין בית המדרש אויך, דער כלל עס איז נישטא וואו זיך צו בעהאלטען, אז מען זאל זיך קענען פארגעסען דיא נידערטרעכטיגע גענג, וויא אהין מען קומט איז דער ווינד אין פנים, מען ווערט טאקי אזוי פערדארבען, אז מען פיהלט שוין גאר ניט קיין פונק פון יושר, פון אמת, נאר הוילע הניפה, בעטרוג און שקר.

דיא גרעסטע שנאה און קנאה און אונרוהיגקייט, איז נאר אין דיא בתי תפלות, דארטען זעהט יעדער גאנץ קלאהר, אז נאר דער רוביל שפיהלט דיא ראלע, דער אביון ליגט אין דער ערד אפילו אין היכל הקודש, איהם גיבט מען איין הוספה, און איין מאהל אין 10 וואכען, מען רוקט איהם אריין א מאהל גאר

דיא תוכחה, ווער רעדט פון א הוצאה אָדער א הגבהה, איז ער נעבאַך גאָר זשעדנע, אז ער ווייסט גאָר ניט דעם טעם דערפון, היינט וואו איז זיין אָרט? נעבען דער טהיר, אונטערן אויוועז, אָט דאָרטען פערשטעהט ער ערשט וואס פאַר איין אונגליקליכער מענש ער איז, אַ, טראכט ער זיך וויא אַזוי קריגט מען דאס ביסעל מינץ? אָט יענער, און יענער, ווער קען נאָך איהם אזוי גוט וויא איך, איין עם הארץ, א גראָבער ברודער, א מערדער, האָט געקראָגען אביסעל מזומן דורך אָבמאַן, דורך גנבות, שטעהט ער שוין אין מזרח, חאַפט דיא בעסטע עליות, א הוצאה א הגבהה, נו למשל אז דיעזען אביון זאָל זיך מאַכען א סלוטשאַי בעקומען עפּעס איין אַפּותיקא וויא מיינט איהר? וואָלט ער ניט אָבגעטהאָן כל הפסלנות? יעדער מענש וויל דאָך ניט זיין אזא נרדף, ניט בעקומען קיין טרייסט אפילו אין גאָטעס הויזע. —

און וואס איז דיא וואהרע סבה דערפון? נאָר דיא פיעל שוליכליך, מען מוז דאָך האָבען הכנסה, האָט מען געמאַכט פון אלע הייליגע שוהל מנהגים כבודים, און מען פערקויפט דאָס אַלעס וויא לונג און לעבער, אַבי אויסקריגען דאָס קערביל ביי דעם גראָבען יונג דעם גביר, אָבער אז עס וואָלט נאָר געוועזן למשל אין א שטאָדט צוויי גרויסאַרטיגע בתי תפלות, דיא הוצאה זאָל זיין ניט פון יחידים, נאָר עפּעס פון א קופת הקהל, נו וואָלט מען שוין פאַרשפּאָרט שמייכלען אזוינע פאַדלע מענשען, דארטען האָט מען שוין געקענט גאָר מבטל זיין אלע כבודים, אלע עליות זאָלען האָבען איין ווערט, הוצאה, הכנסה, הגבהה, דארף מען גאָר ניט מכבד זיין א פּריוואַט מענשען, דאָס אַלעס דארף טהאָן דער חזן, דער קורא, אין אזוינע בתי תפלות וואָלט מקוים געוואָרען דער פסוק „קטן וגדול שם הוא, ועבד חפשי מאדוניו“ דאָס הייסט: קליין און גרויס זיינען גלייך, מחמת אין א מקום קדוש ברויכט צו זיין איין אמתע וועלט, אַנקעגין גאָט זיינען אלע גלייך, און אין גאָטעס הויז גיבט ניט קיין יחוס, געלד, קיין תקיפות, קיין חכמות, דאָרט דארף חאָטש אויף א קליינער צייט דער שקר נעהמען איין עק.....

ליידער אָבער ביי אונז איז ניט אזוי, מען דארף שוין ניט הייליגער און סטראָגער, וויא ביי אונז יודען איז ראש השנה און יום כפור, מען שטייט דאָך אין איין מורא און אין איין ציטערניש, ניחאַ וואָלט שוין דאמאלס חאָטש דער אביון האָבען א גוטע שעה, פארגעסען אָן זיינע עניות, שפלות, דחקות, ניחאַ וואָלט חאָטש אין דיא טעג ניט רעגירט דער שקר דיא חנופה, דאָס עזות, דער פאַלשער כבוד, נקימה, נטירה, און נאָך אַזעלכע מדות רעות, וואָס זיינען דערמאָהנט אין דעם „אשמנו“ און אין „על חטא“ ניין! ער זעהט נעבאָך וואָס פאַר א פנים ער האָט דאָ, ער שטייט א גאנצען טאָג נעבאָך אין געהאַקטע וואונדען, ער זעהט דיא כבודים וואס מען איז מכבד, טאָ דעם טאָ יענעם, צו יעדער תפלה טראנספּאָרטירט דער שמש בידיעת הגבאי, טאָ יענעם, וואס האָט בעקומען אביסעל געלד, חאָטש מען האָט איהם געחאַפּט פיעל מאָהל ביי גנבות

און אַבמאַן, טא יענעם, וואס האָט שוין דריי מאָהל באַנקראָטירט, און וועט טאַקי תיכף נאָך ימים טובים ווייטער אָנזעצען, נו וויא קרענקט דאס צו קוקען אויף אזא פאראדאָק אין אזוינע טעג, און נאָך אין א מקום קדוש, דער גבאַי שרייט און שלאָגט זיך אין הארצען „בגדנו, זדנו, טפלנו, שקר, יעצנו רע, כזבנו“ נו אדרבא דוא האָסט חרטה ? זעה טאַקי אָט היינט גופא, וויא דוא טהוסט דיא אַלע עבירות אויף וועלכע דוא זאָגסט ווידוי, דאָס אַלעס זעהט מען קלאָהר פון דיין פאראדאָק מכח דיא כבודים.

היינט וואָס פאַר א צוקאָכעניש עס טהוט זיך צווישען דיא מכובדים, מכח דיא פתיחה'ס פון „לאל עורך דין“ און דיא אנדערע, וואס פאר א קנאה שנאה און חנופה עס ווערט דארטען, נו וואס זאָגט איהר צו אזוינע ליעבע מנהגים ? טאַקי א פערגעניגען צו געהן אין אזא מקום קדוש, און זעהן אזעלכע פאָראדקעס, און נאָך אין היילינען יום הדין, אין אמת, קען נאָר זיין צוזאמען מיט זיי, אָדער א צבוע, א פאָדלער כאראַקטער, אָדער גאָר א שוטה וואס האָט גאָר קיין שום הרגשה ניט פון דער גרויסער וועלט, וועלכער וואָלט גאָר כמעט ניט גערע־כענט אז עס זיינען דאָ נאָך שטעדט א חוץ זיין פארשימעלט שטעדטיל, ווען ער וואָלט ניט געהערט אָפטע הספדים אויף רבנים פון אַנדערע שטעט, ביי אזאַ טפש איז גאָר קיין שום ספק ניט, אז נאָך אין דער מדבר האָט זיך אזוי גע־פיהרט, אזוי וויא אין זיין שטעדטיל, און געוויס האָט מען אויך משה רבינו מכבד געווען מיט דער פתיחה פון „לאל עורך דין“ (כאָטש דער פיוט איז נאָך דאמאָלס גאָר ניט בעשאַפען געוואָרען) און קרח דעם נגיד מיט דער פתיחה פון „וכל מאמינים שהוא“ וואס איז אויך ניט קיין שלעכטע פתיחה, איך האָב פיינד צו זאָגען עס זאָל נאָר זיין פרעהליך אויפ'ן הארצען, קען מען שוין מיט אזא פתיחה אויך אביסעל שטאָלצירען.—

בקיצור, עס איז נאָך דא פיעל וואס צו ריידען, נאָר עס איז שוין צייט באלד מעריב צו דאוונען, נאָר דאס זאָלט איהר וויסען, אז מיין פלאן וועגען מיינע קינדער איז שוין ביי מיר פעסט בעשלאָסען, עס מעג שוין זיין וואָס עס איז, עס וועט שוין אנדערש ניט זיין, בעטראכט נאָר דאס גוט ליעבע ברידער ! איהר האָט אויך קינדער, זעהט עפעס מאכען פון זיי א תכלית, וועלען זיי אייך דאנקען, און איהר וועט פארשפאָרען פערשווארצט צו ווערען פון זיי. —

אין דעם וויא זיי האָבען געשמועסט, האָט א יונגער מאַן א בלייכער בלוט און מילך, א פרישער א געזונדער, א זאָג געטהאָן „ברכו את ה' המבורך“ מיט אזא זיס קול, אז מען האָט איהם פשוט געמעגט דיא ביינער צוברעכען, נאָך מעריב אלע בעלי בתים און שכנים אהיים, אין שטוב איז ליכטיג, דיא ווייבער קאָכען וועטשערע, עס איז דאָך פאָרט יום טוב, קיין גרויסען פאראד מאכט מען ניט, מחמת מען האָט דאך געגעסען א גוטען ווארמעס, נאָר לכבוד יום טוב מוז מען דאך קאָכען, דער עולם האָט זיך אביסעל אונטער געפאקט, און געלייגט זיך שלאָפען.

.18

אחרון של פסח

גאנץ פריה זיינען אלע ווייבער אויפגעשטאנען, גענומען זיך תיכף צום קאכען, צוגעשטעלט דיא יויך, דאס צימעס, געמאכט א טייגעכץ, חרעמזליך אויף כבוד, געשאלטען געזידעלט איינע דיא אנדערע, וויא געהעריג איז, ח"ו ניט פארשוויגען אפילו אויף א האר, געענטפערט א פסוק אום א פסוק, מען דארף דאך היינט מזכיר נשמות זיין.—

אלע אוועק אין דיא בתי מדרשים, נאכ'ן דאוונען, איז דער גאנצער עולם פון אלע בתי תפלות געגאנגען אין דער גרויסער שוהל הערען דעם חזן, דער חזן האט דאמאלס געארבייט מעשים, ארויסגעגעבען אלע זיינע קונסטען, ער האט דעם עולם שטארק צו פלאכטען, ער האט דעם עולם געמוטשעט ביז דריי א זייגער, דער עולם איז שוין געווען טויט הונגעריג, זיי האבען זיך קוים אהיים געשלעפט, געגעסען וויא נאך א קרענק, גוט אנגעפאקט זיך, און צוגע־לייגט זיך אביסעל אברוהען. מען האט זיך איבער גערדרעמעלט. דער גאנצער עולם איז שוין אויף געשטאנען, אין דיא גאסען עס שוויבעלט און גריבעלט, מען געהט איינער צום אנדערן צו גאסט, יעדער מאן און ווייב מיט דיא קינ־דערליך שלעפען זיך ארום, דער צו א מחותן, דער צו א שוואגער, דער, צו א גליעד געשוועסטער קינד, מען עסט חרעמזליך מען טרינקט מעד, (פון א האל־בען גילדען א קווארט), ניט א סך געזאמט זיך אויף איין ארט, מען מוז נאך צו דער אלטער מומע אויך אריין געהן, חלעבען מען דארף יוצא זיין, זיא איז דאך איין אלט מענש, עס איז ניט כדאי זאטשעפען מיט איהר, זיא איז אויף דעם א גרויסער מקפיד, מען זאל ח"ו ביי איהר ניט זיין, קען מען זיך שוין פון איהר ניט אבוואשין מיט 10 וואסערן, הערט איהר, ניט געשטראפט זאל מען ווערן פאר דיא רייד, דיא אלטע מענשען זיינען גאר עובר בטל.—

דער כלל איז, מען איז געפלויגען געשווינד פון שטוב צו שטוב, אקוראט וויא דיא פורים שפיעלער, אלע זיינען געגאנגען שטארק פאר חרעהזילט גאר אויף אנאנדער אופן, אביסעל מבושם פון דעם מעד, מיט גרוים קוראזש זיינען אלע געקומען אהיים, יעדער שטארק אויפגעראמט, ביי זיך, א שפאס! זיך גוט אנגעטרונקען, א טייגעכץ איז נאך אויך דא, דיא ווייבער האבען אויך געוויזען דאמאלס א גוטע מינע, איז מען זיך געזעסען אין איינעם, און אביסעל ארום גערעדט ארום דיא כבודים פון יעדערין.—

„עפעס אזוי א קארגע צויג וויא דיא סאסיע איז, האב איך נאך אין מיין לעבען ניט געזעהען" האט א זאג געטהאן אונזער זאגערין, איך בין דאך אויך ניט פון דיא שטארקע פאר שווענדערינס, חלעבען, וואס זאל איך דא מיך נארען, איך ווייס אז מען האלט מיך פאר א קארגע, נאר מען דארף דאך וויסען וואו איין וואו אויס, פאר זיך, וויא עס וויל זיך, אבער אנקעגין לייט מוז מען זיך טאקי שטעלען וויא א מענש, קאסט דער פסח אזוי פיעל, קאסט נאך א

האלבע קווארט מעד, פאר 7 גראשין, מען טרינקט דען? מען דארף דאך מעהר ניט וויא דעם אנשטעל, יעדער נעהמט דאך מעהר ניט וויא צו דיא ליפען, אט פון מיין האלבע קווארט מעד איז נאך דא כמעט מעהר וויא העלפט, עס וועט נאך זיין אויף הבדלה אויך, און דאס איז עפעס א פראסטע חזיר, זי האט אפילו גאר מורא געהאט אויפ'ן טיש אנידער שטעלען, זיא מיינט אז מען האט זיך שטארק אויסגעקראצט אויף איהר מעד, אזוי לאנג זאלען שוין מיינע שונאים קריינקען, וויא לאנג איך וועל שוין צו דעם דבר אחר ניט געהן צו גאסט, עס געהט דאך מיר ניט אום דעם מעד, איך טרינק דען מעד? זאל שוין אזוי ניט זיין קיין סם אין מיין מויל, וויא איך וויים ניט דעם טעם פון מעד, עס איז מיר ב"ה געשמאק אהן מעד, נאר דא געהט דאך אום כבוד, וואס מאכסט דוא חוזק פון מענשען?

„און וואס זאגט איהר צו דער גימפליכען" האט זיך אנגערופען דיא אנ־דער שכנה, וויא געפעהלט אייך דער אויפציג? מעד, וויינשעל, און עפיל קוואס, דאס איז אביסעל א בעלן אנצוגרייטען גאר אזעלכע זאכען אויף פסח? דערצו דארף מען דאך עפעס האבען א קלאהרען קאפ און א שארפע קעשענע, ביי לייטען איז טאקי עפעס מזל און ברכה, טאקי אליהו הנביא איז צו איהר ארייגגע־קראכען אין בייטעלע, אלעס פון דיא 10 גרילען (גילדען) א וואך וואס דער מאן נעהמט אין דער טאקסע? מילא דיא חרעמזליך, איז גראדע קיין קשיא ניט, שמאלץ קאסט איהר ניט, א יאטקע הונד, יעדער קצב מוז איהר ארויסווארפען א פעטין ביין, אבער דער מעד? איהר ווייסט אז עס איז געוועןאפשר א גאנצע קווארט מעד, און וויא איך בין ניט גאר א שטארקער מבין, איז דאס געוויס פון 10 קאפיקעס א קווארט, איך וויים ניט, מיט וואס קען מען שוין מעהר מכבד זיין אפילו ביי דיא גרויסע גבירים? איהר מיינט אפשר אז איך בין זיא שטארק מקנא, אסור חזיר! חלעבען, פון וויערנע פראצע קען מען זיך אזוי ניט פיהרען, איהר האט פארדראס אויף „סאסקען" פאר איהר קארגשאפט מען קען ניט וויסען ווען דער שוך קוועטשט, א קאטאוועס איהר הוצאה? מען האלט דאך צוויי איידעמס אויף קעסט? וויייניג קאסט דאס אב? אמת, עס איז אנגעלייגט דיא פראצע, אלע אידישע טעכטער מעגען זיך ווינשען האבען אזוינע מאנען וויא איהרע איידעמס, דער עלטערער איז גאר א תכשיט א בעל קורא, וואס עס איז נישטא ממש זיין גלייכען ארום און ארום, ער האט דא היינטיגען פורים נאכ'ן תענית אבגעלייענט דיא מגילה אין 25 מינוט אויפ'ן זייגער, און וואס פאר איין קונסט שטיק עס שטעקט אין זיין זאגען דיא עשרת בני המן אין איין אטהעם? ער פארדינט שוין אויך, לערינט נאר מיט צוויי קינדער, און האפט דערפאר 20 רובל מזומן א זמן, זיא בעדארף שוין מיט איהם ניט זארגען, דיא קצבים ווילען איהם געבען פאר דעם ער זאל ביי זוי לייענען א רובל א חודש, חוץ האלב מגילה געלד, און א קערה ערב יום כפור.

דער אנדערער איידעם איז אויך א מושלם. א שרייבער איך זאג אייך

חדושים, ער שרייבט אייך תנאים, שטרי חובות, שיר המעלותי'ן, היינט זיין זאגען גראמען? איהר האט איהם בעדארפט זעהן הינטיגען פורים אין אחשורוש שפיל פארשטעלט וויא המן, איז דאך גאר ניט געווען צו דערקענען, אקוראט המן מיט דיאביינער (א כפרה זאל ער ווערען פאר זיין מינדסטען נאגיל), זעהט איהר אט אזוינער וועט שוין געוויס ניט פאר פאלען ווערען, פרום איז ער אפילו ניט אזוי שטארק, ניט וויא דער עלטערער, קודא? נאר ברויט וועט ער געבען דעם וייב מיט'ן פולען מויל, מען זאגט אפילו, אז סוף כל סוף וועט ער זיך צושלאגען צו דיא כלי זמרים, זיין בעזעצען א כלה איז דאך אין דער אמת קיין שפאס, דאס מויל פערילט, איך האב פון איהם מעהר הנאה וויא פון דעם אלטען מגיד, ער זאגט אויך אלעם פון פסוקים, און פון ספרים, ער צונעהמט מיך אזוי שטארק, אז איך וואלט זיך ניט שעהמען פאר מענשען, וואלט איך איהם צוקושט יעדעס גליעד, יעדעס אבר, היינט זיין משמח זיין חתן וכלה? ער קען מאכען, אז איין האלבער פנים זאל לאכען, און דער אנדערער זאל וויינען, ער קען ציהען שטענגעס פון דער נאז, שלח מנות פון דער פאטילניצע ער קען נאך מאכען דיא קולות פון אלע חיות און עופות, ווי א קאטץ, וויא א האהן, און גאר וויא א חזיר, וויא א הונד, ער קען זיך פארשטעלען פאר א חסידישען רבי, ער מאכט איהם נאך אקוראט, זאגט נאך זיינע נארישע תורה, מאכט נאך זיינע שטוטשקעס ביים שלש סעודות, און ביין נעהמען פדיונות וויא אזוי ער לייגט ארויף טאקי ביידע הענד אויף דיא יונגע עקרות און בענשט זיי. ער האט א בארד מיט איין הארב, און א שבר, און ער ווערט אלעם וואס ער וויל.—

מען זאגט אפילו, עס איז ניט כדי איבער צו ריידען, נאר צווישען אונז זאל דאס בלייבען, אז ער קען גאר דיא שווארצע קונסט, נאר איך גלויב דאס ניט, שונאים ריידען דאס אויס קנאה, אי ך האב פיינט צו לייקענען, איך האב עס געהערט פון א זיכערן מענשען, וואס ער איז סאסקען דווקא קיין שונא ניט, וואס איז? אז ער האט פאק גאר פערקויפט זיין נשמה צו דיא ניט גוטע, און דורך דעם איז ביי איהם דאס מויל אביסעל קרימלעך, עס איז טאקי אזוי, נאר סאסקע זאגט, אז עס איז איהם געקומען פון א לופט, אוודאי אויב עס איז ח"ו אמת, בין איך זיא געוויס ניט מקנא, איהר ווייסט אזעלכער וועט מיט זיין טויט ניט שטארבען, קיין קינדער וועט ער אויך ניט האבען א חוץ וואס ער וועט נאך אויסגעריסען ווערען נאכ'ן טויט, איך ווייס ניט, נאר ווערליג מען זאגט, מן הסתם איז דאך איין אמת, איז דער עונש פון אזוינע מענשען גאר שרעקליך, מען זאגט פאק אז זיי האבען גאר קיין תקומה ניט.—

איך האב ניט איין מאל געזאגט סאסקען זי זאל איהם ניט לאזן זיין א מחותן מיט דיא כלי זמרים, און איבערהויפט מיט דעם פויקער, זעהט איהר, אויפ'ן פויקער וועל איך אייך שווערען, אז ער איז א פראדאנע שקורע, ער געפעהלט מיר ניט, ער איז דאך גאר א קאסוי, איהר מיינט אז ער איז אזוי געבארין גע־ווארען, ניין, דאס האבען איהם געמאכט דיא וואס ניט אין שטוב געדאכט, דיא

אלע וואס האנדלען מיט דיא לייט, מוזען בלייבען קאַליקעס, וואס דען ? וויא ארום מאַכט ער אין אמת זיינע קונסטען ?—

אין אמת, איז א רחמנות אויף דער סאַסיע, וויניג האָט ער זיא געקאָסט ? איך האָב אפילו פיינד צו זאָגען, א בריה איז ער, טויג צו אלעם וואס אין דער וועלט, נאָר ער איז שלעכט פארקראָכען, פע! דער פויקער האָט איהם מיאוס פאַרפיהרט אין אַלדע רוחות, אַ גוטען סוף זאָל ער האָבען. אין גרונד איז דאָס ווייב זיינע אויך ניט בעסער, גאָט איז טאַקי א מזווג זיווגים, סאַסיע איז דאָך פּאָרט פון שעהנע עלטערן, פאַסט עפּעס פאר איהר א איידעם א בדחן ? נאָר כפּרה! וויא זאָגט מען עפּעס, אז מען האָט קינדער אין דיא וויגען, דארפען לאָזען לייטען צופריעדען, נאָר אז מען רעדט, איז מען דאָך מעהר ניט וויא א זינדיגער מענש, איך האָב טאַקי שטענדיג חרטה אויף דעם געהן, מען קומט דערפון צו רכילות און לשון הרע, נאָר פון איין יום טוב ביז דעם אַנדערן פאַר געסט מען.

אין אזעלכע שמוציגע שמועסין האָט מען פארבראכט אייניגע שעות, ארומגערעדט דיא גאַנצע שטאָדט פון עק ביז עק, יעדען בעליידיגט, מבזה גע־מאַכט, דערצעהלט ווילדע מעשיות פון מכשפים און מכשפות, פון זנאַכאַרעס, בעלי שמות, פון שדים און לצים, מכח פאַרשאָלטענע, שטראשידלעס, זמיען, בייזע ווינטען, פאַר האַפּענעש, פון דרייעהן אַ קאָלטענע, קליפּות און דבוקים, פון גוטע יודען, פון טאַטערין און ציגיינער, קאָרטען וואַרפערינס, מכח עלוים, בעזדעטניצים, פאַרשאָלטענע אוצרות, פון מלך דומה, חיבוט הקבר, ארץ ישראל משולחים, מכח א גולם, קפיצת הדרך, פון גלגולים, פון עולם התוהו, גיהנם און גן עדן, ביז עס איז געוואָרען גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט.—

דיא מענער האָבען אָבגעדאַווענט מעריב, און געמאַכט הבדלה, איבער דעם רעשטע מעד, און מען האָט זיך תיכף גענומען צו דעם טייגעכץ. געגוג סבות און צרות איז מען איבער געקומען ביז מען האָט זיך קאָם דערשלאָגען עסען דאס שטיקעל טייגעכץ, אז מען לעבט דערלעבט מען פּאָרט, ער איז אפילו ניט גע־ווען וויא דאָס ערשטע טייגעכץ, זאָל עס זיין אַ גוטער מליץ, קודא! יענעם איז נאָך געמאַכט געוואָרען פון דער פולער האַנד, עס איז נאָך געווען ביי יעדען אַ רעכט ביסעל שמאַלץ פון דער האַלבער הינדיטשקע עליה השלום, אָט האָט מען געהוליעט, חלעבען אז עס איז דא אין שטוב, לעבט מען טאַקי פּאָרט אַביסעל ראַשקאָשנער, אָט מען געהט צום טעפּיל שמאַלץ און מען נעהמט, אָבער עס נעהמט זיך אוים ביסלעכוויים, נישטאָ היינט דיא פארצייטיגע נסים, וואס מען פלעגט שיינקען פון א קליינעם פעסעלע מעד א גאַנץ יאָהר, עס איז געווען מזל און ברכה, היינט ב"ה אז מען גיסט ניט צו קיין פרישען געהט עס טאַקי אוים, נו איז טאַקי אָהן בושה דאס אנדערע טייגעכץ געווען במחילה געמאַכט טאַנ־דעט, נאָר כלומערשט אונטער געשמירט מיט פעטס, מחמת מען האָט שטאַרק מורא געהאַט, אז עס וועט פון גרוים עקשנות ניט וועלען זיך ריהרען פון טעפּיל,

אָבער דאָך קען מען מיט דער האנד דאָס ניט אוועקמאַכען, פאַרט א פנים פון א טייגעכץ!

אין דער ליטא קוקט מען אויפן פנים, מעהר ווי אויפ'ן גרונד פון דער זאך, זיי נאַרען זיך אליין אָב, חאָטש זיי עסען נעבאך קדחות, און האָבען טאַקי קיין כח ניט דיא פיס נאָך צו שלעפען, דיא גמרא ברענגט אויך אַ גלייך ווערטעל „דוק בכרי ותשכח בנגרי“ (שבת קנ"ב) עס הייסט: רייב גוט מיט דיא צייהן וועסטו געפינען כח אין די פיס, איהר מיינט אז נור אין עסען האָט ליטא אַ נאַטור זיך אָבצונאַרען? ניין, אין אַלע געשעפטען איז אַזוי, — אין דער ליטא אז מען זאָגט אויף איינעם „ער איז אַ שרייבער“ איז ניט דער פשט ער קען דיא שפּראך, וואס דען? ער האָט א פיינע האַנדשריפט, ער קען מאַכען זיין חתימה מיט א ציק, אז מען זאָל ניט קענען איבער לעזען, א רוסישער שרייבער, ווערט גערופען דער, וואָס קען שרייבען אַדרעסען (חאָטש מיט 50 גרייזען אָבי רוסישע אותיות), א שוסטער הייסט דער וואס מאַכט פון פעל אזא זאך וואס מען קען אין דעם אריין שטעקען דיא פיס, און אזוי איז דער שניידער, דער זייגער מאַכער, דער שמיעד, דער סטאָליער, דער מאַליער דער כלל קיינער פערשטייט ניט זיין זאך אין גראד, נאָר לפנים אָבגענאַרט, כלומערשט א בעל מלאכה, אזוי האָט ער שוין חתונה, אזוי ווערט ער א מטופל הערט שוין אויך מגידים, זאָגט מבינות אויף חזנים, שלאָגט זיך פאר עליות, און עסט אויף אלע וויטאַקין, מחמת ער קען גאָר דיא מלאכה ניט, א רעכטער מענש וויל גאָר ביי איהם קיין ארבייט ניט לאָזען מאַכען, ער וועט בעסער זיך פאר שאַפען זיינע נעהטיגע זאכען פון דיא גרויסע איירָאָפּעאישע שטעדט, וואס דאָרטען איז יעדער בעל מלאכה איין קינסטלער אין זיי'ן זאך.— דארום זיינען בעלי מלאכות ביי אונז שפל ונבזה, דארום וויל א יוד ניט מאַכען זיין קינד פאר א בעל מלאכה, מחמת ער זעהט ניט אַז א בעל מלאכה זאָל האָבען שיינע פרנסה, נאָר וואס ווערט פון דיא רייד? עס איז נאָר א האַרץ ווייטאָג אז מען נעהמט דאָס גוט אויפ'ן מוח.—

איך בין אויך אַ ליטוואק, איך האָב זיי באמת ליעב וויא מיין לעבען, זיי זיינען פאַרט דאס רוב איידעלע מענשען, זיי זיינען פאַרט ניט אזוי עקשנים, און פארגרעבטע קעפ וויא דיא פּוילישע, א ליטוואק קען מעהרער אָדער ווענִיגער לערנען, מען קען איהם אויפווייזען פון דער גמרא, וואָס איז ביי איהם זעהר חשוב, אז דיא חכמים פון דער גמרא זיינען געוועזען בעלי מלאכות, און האָבען געקענט א סך שפּראַכען, און אז דיא גמרא אליין הייסט לערנען א מלאכה און שפּראכען, עס איז פאָרט גרינגער אויפקלעהרען אז ער זאָל פאָרט זעהען מאַכען א תכלית מיט זיינע קינדער, און אליין אויך אויפהערען זיין א שטאַרקער שוטה, אָבער צו דיא פּוילישע איז כמעט גאָר קיין רפואה נישטאָ, אז זיי ווייסען גאָר ניט פון דאנען אהין, זיי זיינען זייער גראָב, און דארום איז געווען זעהר גרינג דיא פאַלשע צדיקים אריין פיהרען אַזעלכע פראָסטאַקעס אין

דעם פינסטערן חסידיזמוס, דער וויטערין זיי פון חכמה, פון מלאכה, געמאכט זיי פאר שוטים, און טפשים, פאר בטלנים־שכורים, עזי פנים הפקר מענשען, אזעלכע לייט העלפט גאר קיין רייד, א פסוק א גמרא איז פאר איהם גאר קיין עסק ניט, ער וויל גאר דערפון ניט וויסען, ער ווייסט מעהר ניט נאר זיין צדיק, ער קוקט איהם אין די צייהן, און וואס ער זאגט איז קודש קדשים, דער רבי איז דיא תורה, דיא גמרא, און טאקי שוין גאט אליין, שמועסט איהר נאר מיט א פוילישען חסיד, און פרעגט איהם, היתכן פון וועמען האלסטו דא ? און וועמען גלייבסטו ? און מען ווייזט איהם זייערע בעטריגערייע, זייערע שווינדלען, מענשען וואס קוקען ניט אן קיין ספר, און קענען טאקי ניט, זייער גאנצע תורה איז נאר א הימלשע תורה, נאך וואס דער מלאך האט מיט זיי געלערענט אין דער מוטערס בויך, און דער מלאך האט מורא זיך צו צוריהרען צו אזעלכע הייליגע נפשות, גיט ער זיי קיין שנעל ניט בשעת ארוים גאנג אויף דער וועלט, אט דיא פינסטערע תורה בלייבט ביי זיי אבער מעהר ניט, זיי גיבען זיך אב טאג און נאכט נאר אוים נארען געלד, פרעסען, זויפען, און פלאדען זיך וויא דיא צפרדע אין מצרים, טהיילען זיך צו אין איינעם מיט זייערע ווייבער, כל תענוגי עולם הזה, שעהן געהן, שעהן אוספאהרען, שעהן באזיצין, נאר אזוי וויא דיא פירשטין, פאר דעם כלל ישראל זארגען זיי קיין מאהל ניט? זיי האבען דאס גאר נישט אין זין, אבי זיי איז גוט, אבי זיי זאלען קענען וואהנען וואו זיי ווילען, ווייזט מיר, וועלכער פון זיי, האט נאך געזארגט פאר דיא ארימע קינדער, יעדער חאטש פון זיין שטעדטיל אליין, ער זאל דארט מאכען א תלמוד תורה ? אדער וועלכעס אבגעבען צו א בעל מלאכה? דאס ארימע קינד נעבאך זאל זיך קענען פארדינען זין שטיקעל ברויט, וועלכר גוטער יוד! האט נאך געמאכט אין זיין שטעדטיל א „בית החולים“ „איין הקדש“ וויא זיי רופען עס, פיר ארימע שלאפע וועגען? זיי סטרויען פאר זיך שטענדיג קעניגליכע פאלאצען, און אלעס פאר פרעמד בלוט, פרעמדע הארעוואניע, און דעם ארעם מאן ווילען זיי גארניט אפילו אנקוקען, ביי דער טהיר שטעלט מען אנידער א „גחזי“ א מערדער ביי וועמען ער קען גראבעווען נעמען א גוטע מטבע לאזט ער איהם ארייז צום צדיק, און דעם ארימאן לאזט ער גאר ניט צו צו זיי. —

נא אז דער חסיד שוטה הערט אוים דיא אלע שאלות, און בלייבט שטעהן, ער האט טאקי גאר ניט וואס צו ענטפערן, האט ער גאר אן אנדערן תירוץ, און זאגט דוא ביזט טאקי גערעכט, עס איז אלעס אמת, נאר אזוי וויא מען טאר אויף גאט קיין שאלות ניט פרעגען, אזוי טאר מען אויף דיא רביים אויך ניט פרעגען, מסתמא ווייסען זיי וואס זיי טהוען, (איך ווייס אויך, וואס זיי טהוען ? !) נו איז דאס נישט א תירוץ מספיק אויף אלעמען ? הייגט פארשטעהט איהר שוין מיט וועמען מען האט דא וואס צו טאהן, מיט חמורים, מיט פערד, אזוי וויא איינער פון די צדיקים האט זיך אליין אויסגערעדט אין א גלייך ווערטעל, און האט געזאגט : „מיין טאטע האט מיר איבערגעלאזט א סך א בעסערע

ירושה, וויא גינזבורג וועט לאָזען זיינע קינדער" מיין טאַטע האָט מיר געלאָזט הונדערט טויזענד פערד וואָס וועלען זיך ניט אויסלאָזען, און וועלען שטענדיג האָרעווען אויף מיר. דיא צדיקים אליין לאַכען פון דיא חסידים. זיי ווייסען מיט ווען זיי האָבען צו טאָהן . . .

דעריבער ליעבער לעזער ! וואָלט איך מיט'ן גאַנצען הארצען גערן געוועז, טאָהן אַ טובה מיינע ברידער, דארום בין איך אַזוי פיעל מאריך אין יעדען הינזיכט, וויא איך בעקום אַ געלעגענהייט, אָרום ריידען אַ פעהלער, אַ חסרון, אַ שטות, אָבער עס איז פאָרט פאַר מיר קיין תכלית ניט, איך מוז דאָך פאָרט ענדיגען מיין ספּור, האַ ? נאָך אַ מאָל, וואו האַלט איך ? יאָ, יאָ, איך ווייס שוין, איך האַלט שוין אחרון של פסח ביי נאַכט, און מען עסט שוין דעם טייגעכץ.

בקיצור, מען האָט דעם פאַלשען טייגעכץ וויא עס איז אריין געריבען, אלע ווייבער זיינען געגאַנגען שלאָפען, דיא מענער האָבען פערוויכערט דיא ליולקעס, און האָבען פערברייטערט אַ שמועס, ביז מען איז אריין אין הויכע דרכים.—

19

אַ מחלוקת לשם שמים.

אונזער שכן ר' חיים, נאָך דעם אַז ער האָט זיך אַביסעל פאַנאַנדער גערויבערט, און האָט אַביסעל מוטה בעקומען האָט אַזוי געזאָגט : „הערט איהר ר' נחום ! דאָ באַלד נאָך פסח וועלען מיר האָבען נייעס אין שטעטעל, אונזער אפּיקורוס גיט שוין אָב זיין אינגעל שטודירען אין דיא קלאַסען, „וואָס דען ?" האָט זיך אָנגערופען ר' נחום, גוטס וועט עפּעס ארויסקומען פון אַזוינע חקירות? זאַכט זיך אין פלוק האָט ער גאָר אָנגעהויבען מכה ארבעס, מכה כפּרות שלאָגען, מאַכען חוזק פון חד גדיא, און צום סוף איז דער בלאָטער גאָר אויסגעשפּרונגען געוואָרען, אָט דאָ זעהט מען טאַקי דעם דרך פון יצר הרע, ער פיהרט דעם מענשען ביסלעכווייז אין חדר אריין, דער רב זאָל לעבען איז גערעכט געוועזן אַז ער האָט געזאָגט אַז מען איז אויף איהם קיין מבינים ניט, נישקשה, ער איז אַ גוטער סם פאַר דער שטאָט, הלוואי זאָל איך ליגען זאָגען, דאָס איז שוין איין אַנשטעקענדע קראַנקהייט.—

„שאַ ! וואָס פאַר אַ שטאַרקע סכנה זעהט איהר דאָ אין דעם ? ר' נחום ?" האָט אַ זאָג געטאָהן ר' חיים, „וואָס מיינט איהר לערנט מען דען אין דיא שקאָלעס? אַז די שקאָלעס וואָלטען ניט געוועזן, פון וואַנען וואָלטען מיר גיהאַט דאָקטוירים ? פון בית המדרש קאָנען קיין דאָקטוירים ניט אַרויס בשם אופן, דיא הייליגע גמרא זאָגט דאָך, אַז אַ מענש טאָר ניט זיצען אין אַ שטאָדט וואו קיין דאָקטאָר איז ניטאָ, אַ סך פון דיא גרויסע תלמודיסטען זיינען אויך געוועזן דאָקטוירים, ר' חנניא, אבא אומנא, שמואל ירחינה, און נאָך רון דעם שמואל ווייסען מיר אידען מעהר ניט, נאָר וואָס ער ווערט געבראַכט אין דער גמרא, אי אין מדרשים, זעהט אָבער וואָס מען שרייבט וועגען איהם אין פרעמדע שפּראַ־

כען, איינער א געוויסער שרייבער איין אמעריקאנער מיט'ן נאמען „דרעפער" וואס זיין בוך איז שוין יעצט איבערגעזעצט אין רוסיש, רעדט ער פון אונזער שמואל ירחינאה, און דערצעהלט, אז נאך היינט געפינט זיך א וואסערל צו אויגען, וואס עס ווערט אנגערופען מיט'ן נאמען „סאמועל" ער שרייבט פיעל פון דעם אבא אומנא, וואס וועדליג רש"י מאכט אין (תענית דף כ"א) איז ער גיוועזן א פראסטער צירולניק, ער אבער ברייננט פון איהם פיעל ביכער אין דער מעדיצין אויף אזיאטישע שפראכען, ער דערצעהלט פון איהם, אז ער איז גיוועזן דער ערשטער וואס האט איינגעפיהרט אז דאקטוירים זאלען אייניגע שעות אין טאג אומזיסט געבען רעצעפטען פאר קראנקע פיר ארעמע מענשען, און דורך דעם פערשטעהט מען גוט ווארום דיא גמרא דערצעהלט דארטען, אז ער האט געהאט א גרעסערען זכות אויפ'ן הימעל, וויא דער גרויסער תלמודיסט אביי, זעהט מען שוין קלאהר וויא א דאקטאר איז גרוים גיוועזן ביי אונזערע חכמים, און מן הסתם האט דאך דער מלאך גבריאל ניט אויסגעלערנט זיי דיא חכמה פון דער מעדיצין אין איין נאכט, נאר וואס דען ? זיי האבען טאקי אין דעם גישטודירט, און אלע ביכער פון דער מעדיצין געלערנט, ביז זיי זיינען דאקטוירים געווארען ווארום „לא יגעתי ומצאתי אל תאמין" זאגט אונז דער תנא, דאס הייסט: אז איינער בעריהמט זיך אז ער האט זיך גאר ניט געמאטערט אויף עפעס א חכמה און קאן זיא פארט, זאלסטו איהם ניט גלויבען, דער רמב"ם וואס ער איז אויך גיוועזן א בעריהמטער דאקטאר ביים קעניג פון מצרים איז קלאהר געוועזן (וויא מען זעהט פון זיי ספר „פרקי משה") אין אללע ביכער פון דעם גרויסען דאקטאר גאלינוס, נאך פיעל גאונים אין דיא פאריגע צייטען וואס זיינען גיוועזן גרויסע דאקטוירים, האבען אויך דיא חכמה געשטודירט פון פעמדע שפראכען, זעהט אין „שבילי אמונה" פון ר' מאיר אלדבאי דעם רא"ש אייניקעל, וויא פיעל רפואות ער ברענגט, נאר פון פרעמדע ביכער.

„נא ר' נחום ?" פאר וואס זעהט דאס אוים אזוי קרום און שלעכט אין אייערע אויגען ? וואס ער וויל געבען שטודירען זיין קינד, ער זאל אויך ארויסקומען א דאקטאר ? מהיכא תיתי, ער וועט אליין לעבען בכבוד, און ער וועט בוודאי אויך העלפען אזעלכע קראנקע וואס פערמאגען ניט זיך צו קורירען פאר געלד — און דאס וואס ער וויל דעם אנדערן זוהן אבגעבען צו איין בעל מלאכה איז אפשר אויך אן עולה ? פאר וואס געפינט מען פיעל פון אונזערע חכמי הגמרא וואס זיינען געוועזן בעלי מלאכות, איינער א שוסטער, דער אנדערער א שמיד, וואס דען ? דאס איז א תכלית, פארלאזען זיך אויף הפקר ? לעבען אין צרות און אין דחקות ?—

„הערט איהר, ר' חיים !" האט ר' נחום זיך אנגערופען, דיא נארישע וועלט איז גאר ניט ווערט מען זאל זיך אזוי שארק זארגען פאר איהר, מיר זיינען דאך אין דער וועלט מעהר ניט וויא גרים, בירגער זיינען מיר גאר אין יענער וועלט, דיא וועלט אבער, איז דאך טאקי מעהר ניט וויא א פארהויז פארן זאאל, דאר־

פען מיר גאר ניט אזוי פיעל זיך בעווארענען מיט פרנסה, אט מען וועט וויא עס איז איבערשטופען דיא נארישע וועלט.

„אט דערפון זעה איך בחוש" האט ר' חיים גיזאגט מיט א שמייכעל „אז איהר זיינט גאר ניט פראקטיש" זאל שוין זיין אז דיא וועלט איז מעהר ניט נאר וויא אן אכסניא, מען דארף דא נאר אביסעל פארברייגגען, ביז מען וועט ווייטער פאהרען, נא אין איין אכסניא וואס דער אורח דארף שטעהן איניגע וואכען, זעהט ער אויך ער זאל האבען זיין בעטעל, זיין עסען און טרינקען, און בפרט איין אכסניא פון 70 יאהר, עס איז טאקי שווער איבערקומען אין צרות אפילו איין יאהר.

און ווער וועט בעצאהלען שכר פאר דעם ליידען? פון וואנען ווייסען מיר, אז גאט וויל אז מען זאל פעשווארצט ווערען אויף דער וועלט? מיר דאכט, אז מען זעהט פן דער תורה אז גאט וויל אז מען זאל הנאה האבען פון זיין וועלט, והא ראיה, וואס זאגט ער אונז צו, אויב מיר ווילען זיין גוט און פרום? ווילען מיר האבען ברכה און הצלחה, א גוט לאנד מיט גוטע פרוכטען, מיט פיעל גאלד און זילבער, אלעס וואס דער מענש האט דערפון פערגעניגען, זעהט מען דאך, אז דיא וועלט האט דאך אויך עפעס א ווערטה, גאט מאכט פון איהר אויך עפעס איין עסק, ווארום אין אמת, האט דאך גאט דיא וועלט אויך אזוי בעשאפען אקוראט וויא יענע וועלט, נא פון וואנען ווייסען מיר צו מאכען חילוף פון דער ביז יענע וועלט? דער כלל וואו מען איז, דארף מען דערווייל זעהען מען זאל קאנען עקזיסטירען וויא עס גיהער צו זיין.

דערום דארף יעדער מענש נאך זיין שטאנד, זעהען פארזארגען זיינע קינדער, זיי זאלען האבען פון וואנען צו לעבען אין נחת, און ניט אין צער חלילה, א גביר קאן זיך טראכטען, אז ער וועט געבען זיין קינד איניגע טויזענד רובעל נדן, וועט ער זיין א סוהר; מהיכא תיתי, אויך א שטיקעל פלאן, אבער א איד א קבצן, וואס טראכט ער זיך? ער זעהט דאך וויא ער לעבט אין צרות, צו וואס זאל ער ווילען אז זיין קינד זאל אויך כל ימיו זיין א ביטערער אביון, אומגעהן הונגעריג און אבגעריסען,איהר מיינט אז פון דעם שטודירען קאן מען נאר ארויס דאקטאר? עס זיינען נאך דא פיעלע געגענשטענדע וואס מען קען פון זיי לעבען בכבוד, א שטייגער, איינער איז פעהיג צו מאטהעמאטיק און מעכאניקע קאן ער ערפינדען נייע מאשינען, איינער איז גאר פעהיג צו דער חכמה פון יורי, קאן ער ארויס א בעריהמטער אדוואקאט, א חוץ וואס דאס קענטניס אליין איז

---

1) ער איז געוועזן א גרויסער דאקטאר, און מיט די געלד וואס ער האט פערדינט פון זיין פראקטיק, האט ער אונז אויסגעקארמעט צוויי שעהנע אייניקלעך: ר' יעקב בעל מחבר ספר משכנות יעקב וקהלת יעקב, און זיין ברודער ר' יצחק מחבר ספר קרן אורה, ביידע גאונים און רבנים אין קארלין איינער נאך דעם אנדערן, נאט אייך ליעבע ברידער א בעווייז וויא אמת'ע חכמה שאט דער תורה.

אַ פאַרגעניגען פאַר דעם מענשען, מען זעהט דאָך אַז דער ווילנער גאון ז"ל, וואָס ער האָט געוויס ניט געוואָלט מאַכען פון זיין חכמה קיין פרנסה, האָט אויך גיהאַט אַ ידיעה אין דיא אַלע זאַכען, ער האָט נאָך גיבעטען דעם ר' ברוך שקלאָווער ז"ל 1), וואָס ער איז גיוועזן אַ גרויסער געלערטער, ער זאָל איבערזעצען אין לשון קודש חכמה ספרים, דעם ספר „אקלידוס" און דערנאָך האָט דער גאון ז"ל אַליין געמאַכט זיין ספר „איל משולש" אויף געאָמעטריע, ער האָט גאָר געזאָגט: אַז וויא פיעל עס פעהלט דעם מענשען קענטניס אין דיא זייטיגע חכמות: אַזוי פיעל פעהלט איהם קענטניס אין דער תורה, איהר פאַרשטעהט ר' נחום וואָס דאָס בעדייט?—

אַי איהר וועט אפשר זאָגען: אַז דיא חכמות זיינען אָפט מאָהל אַ סבה אַראָב צו פיהרען דעם מענשען פון דרך הישר, נאַ פרעג איך אייך, און וואָס זיינען דיא מענשען וואָס וויסען גאָר ניט פון קיין שום חכמה, זייען זיי אַ פנים פרום? ווער רעדט עהרליך? געוויס ניט „דלות מאַכט פסלנות" זאָגט דער עולם, עס איז אָבער גאַנץ ריכטיג, וועגען פרומקייט קענען מיר גאָר ניט פערזאָרגען, דאָס הענגט אָב פונ'ם קאַראַקטער, אַ חוץ דעם דאַרף מען נאָך וויסען, וואָס הייסט אין אמת פרום? און וואָס הייסט ניט פרום?—

איך האָב שוין דעם ענין גוט אַרומגעקלערט, דיא הייליגע משנה זאָגט אַז אַ מענש דאַרף זיין אַ „רואה את הנולד" בעטראַכטען פאַר אויס דעם סוף פון יעדער זאַך, מען זאָל נאָך דעם קיין חרטה ניט האָבען אויף דעם וואָס מען האָט גיטאָהן, שלמה המלך זאָגט אויך „עובד אדמתו ישבע לחם, ומרדף ריקים ישבע ריש" דאָס הייסט: איין אַרבייטער איז זאַט מיט ברויט, און אַ פוסטע פאַסניק איז זאַט מיט אָרעמקייט, נאַ ר' נחום! שלמה המלך איז דאָך געוויס גיוועזן פרום ווי איהר, האָט אויך מאמין געוועזן אין השגחה, אַז עס ווענדט זיך אַלעס נור אָן דעם ווילען פון גאָט, פון דעסטוועגען האָט ער מבטיח גיוועזן, אַז דער וואָס פאַרלאָזט זיך אויפן ווינד, וועט געוויס זיין אַ קבצן, אָבער דער מענש וואָס אַרבייט, וועט געוויס זיין פערזאָרגט מיט'ן לעבענסמיטעל, נאַ שלמה המלך האָט אפשר אויך געהאַלטען דיא וועלט פאַר אַ פאָרהויז, פון דעסטוועגען האָט ער אָנגעזאָגט אַלע מענשען, אַז מען זאָל זיך ניט פערלאָזען אויף פוסטע ניסים.—

דערום וועל איך אייך ר' נחום, מגלה זיין אַ סוד, אַז איך וועל מיין איציקלען אויך אָבגעבען אין גימנאַזיע, איך האָב אין איהם געפונען גרויסע פעהיגקייטען צום רעכנען, איך האָב מיט איהם אַמאָהל גילערענט דיא „ערוגה" בין איך נשתומם גיוואָרען צו זעהען וויא גיך און געשווינד ער האָט פערשטאַנען אַזעלכע ענינים, איך בין כמעט זיכער, אַז פון איהם וועט זיין גאָר אַ גרויסער און אַ וויכטיגער מענש, איך וויים אפילו, אַז עס וועט מיט מיר זיין דיא שטאָט אויף, נאָר וואָס האָב איך מורא? מען וועט מיך פון מיין קבצנות אַראָב זעצען? איך בין אַ קבצן יעצט, און ערגער וויא שלעכט קאָן שוין ניט זיין, אפילו דאָס שטיקעל פרנסה וואָס מען האָט, ווערט אויך ערגער פון טאָג צו טאָג, איך זעה

באַלד ניט פון וואַנען מען קאָן שוין אַ גראָשען פערדיענען, נו דענק איך, אפשר
וועל איך מצליח זיין מיט מיין זוהן, וועט ער מיר קאָנען העלפען אין דיא על־
טערע יאָהרען.—

איך בין מיך שטאַרק מכין צו אַ מלחמה מיט מיין ארורה, זיא איז דאָך
אויך אַ גוטע זאָגערן, זיא שלעפּט תמיד מאמרים פון דעם „צאינה וראינה“,
פינ'ם „נחלת צבי“ אויך פונ'ם מנורת המאור, זיא איז כמעט אַ מגיד, נאָ נאָ,
דאָ וועט זיך אַביסעל טאָהן, אַז זיא וועט דערזעהן איציקלען געהן אין אַ סורדיט
מיט מעשענע קנעפּלעך, נאַר עס מעג שוין זיין וואָס עס וויל זיך, צו קללות זיי־
נען מיר ב"ה דאָך שוין געוואוינט, נישקשה, זיא וועט זיך ביסלעכווייז אויך צו־
געוויינען און עס וועט מוזען זיין רעכט, נאָ עס בלייבּט אַזוי, עס וועט שוין
אַנדערש ניט זיין.—

„הערט איהר ר' חיים!“ האָט ר' נחום גיזאָגט מיט אַ טיעפען זיפץ, מילא
צו געבען אַ זוהן שטודירען בין איך ניט אזוי שטאַרק מסכים, נאַר וועגען מלאכה
זענט איהר זעהר גערעכט, איך געפין אין מיין קינד אַ גרויס פעהיגקייט צו קריי־
צעריי און שניצעריי, איהר מיינט אפשר וויא בערל דער חתימה קריצער, וואָס
נעהמט 20 קאָפּיקעס פאַר אַ חתימה, דאָס קען מיין זוהן שוין לאַנג פון זיך אליין,
אז ער זאָל זיך לערנען דיא אַרבייט ביי אַ רעכטען בעל מלאכה, קאָן ער אַרויס
קומען גאָר אַ קינסטלער, איהר קאָנט דאָ דעם קריסט דעם קריעצער ? ער איז
דאָך מאסף ממון, ער איז אַ רעכטער נגיד, איהר וואָלט זעהען וואָס פיר אַן אַר־
בייט ער מאַכט, וואָס פאַר הערבען, וואָס פאַר רעסונקעס, ער גיט אין דער
טיפּאָגראַפּיע ? וואָס ווייסט איהר, וואָס פאַר אַ געפיהל איך האָב געהאַט צו
דעם אין מיינע יונגע יאָהרען, איך וואָלט היינט געלעבט גליקליך, נאַר עס איז
שוין פערפאַלען, נאַר גוט וואָס איהר האָט מיך יעצט אויפמערקזאַם געמאַכט,
איך גיעב אָפּ מיין קינד צו דעם קריסט, ער וועט איהם צוחאַפּען אָהן אַ גראָשען
געלד, איך בין אויף איהם אַ מבין, מחמת איך פערשטעה דיא קונסט.—

„נאָ ר' נחום!“ האָט ר' חיים געזאָגט שטאַרק צופריעדען, איך רעד אייך
גאָר ניט אָן דווקא צום שטודיום, ביי מיר האָט אַ מלאכה איין ווערט מיט ווי־
סענשאַפט, נאַר אַבי ניט זיין אַ פּוסטער מענש, זעהט עס זאָל ניט פאַרזשאַ־
ווערט ווערען אין אייער קינד דער גלאַנץ פון זיין נאַטירליכע פעהיגקייט, אַזוי
וויא עס איז נישטאָזשעט געוואָרען אין אייך, איהר קענט געווים אייער קינד
גליקליך מאַכען, און דיא זאַך העננגט אָב נור אין אייער רצון.—

„וואָס גיט איהר אונז פאַר אַן עצה?“ האָבען אַזאָג געטאָהן צוויי שכנים,
מיט אַ ביטערן טאָ ן,מיר זעהען אייערע רייד זיינען גאַנץ ריכטיג און פּראַקטיש.
„אויב איהר ווילט צוהערען מיין עצה“ האָט געזאָגט ר' חיים, איז גאָר קורץ און
שאַרף, איינער פון אייך האָט אַ קינד מיט גוטע ספּאָסאָבנאָסטען, זאָל מען איהם
אָבגעבען תיכף שטודירען, און דער אַנדערער האָט אַ קינד וואָס איז נישט
צום שטודיום, זאָל מען איהם אַוועקגעבען צו אַ רעכטען בעל מלאכה, פיעל גליי־

כער צו א קריסט, גענוג שוין אומגעהן אין חלומות, עס זיינען שוין דאָ גענוג קרעמער און חלפנים, מעקלערם און מלמדים, שדכנים און נאמנים, גענוג מענשען וואלגערן זיך כעני בפתח, ביים גביר אויסוויינען אַ שטיקעל סלוזשבע פאַר 10 גילדען א וואָך.

ליעבע בריעדער! איהר וואָלט אַביסעל גערעדט, מיט דעם וואָס דיא שטאָט רופט איהם „אפיקורוס" וואָלט ער אייך אַביסעל קלאָהר געמאַכט, וואָס עס טהוט זיך שוין אין דיא גרויסע שטעדט, וויא פיעל מענשען האָבען שוין זייערע קינדער גליקליך געמאַכט, און זיי אליין האָבען אויך יעצט אַ רעכטע שטיצונג פון זייערע קינדער, טהוט א קוק אויף אונזער שטאָדט קיין עין הרע, א צאָהל פון איינִיגע טויזענד מענשען, וויא פיעל לעבען דאָ בלומרשט וויא מענשען? זעהר וועניג, איך וויים ניט אויב 10 פראָצענט, און דיא איבעריגע זיינען נעבאָך ביטערע קבצנים, דער טויט איז פאַר זיי בעסער וויא דאָס לעבען „עני חשוב כמת" אָרים הייסט גישטאָרבען, האָבען אונזערע חכמים געזאָגט ,זיי האָבען אזוי גוט געשפיערט דעם צער פון דעם אָרימאַן, אז זיי האָבען איהם פריי גי־מאַכט פונ'ם גיהנם, מיר דאַכט אַז גאַנץ ליטאַ וועט ניט זוכה זיין אָנצוקוקען דעם גיהנם, נאָך די רייד פון דער גמרא, אַ חוץ וואָס זיי האָבען דעם גיהנם אוי'ה דער וועלט פון זייערע ווייבער, וואָרים אַזוי וויא דיא מענער אליין זיינען ניט אימשטאַנד אליין צו פערדיענען, העלפען זיי זייערע ווייבער האָרעווען, און דערפאַר, פיהרען זיי זייערע מענער ביי דיא נעז, און טהוען זיי אָן צרות.—

לאָמיר ארויסגעהן וויא גבורים, מלחמה האַלטען מיט אונזערע ארורות, און מיט דיא שטאָדט שוטים, נישקשה, אין א קורצער צייט, וועלען זיי אונז מקנא זיין, זיי וועלען אונז נאָכטאָהן, עס געהט דער צו. „הלוואי זאָל גאָט זיין צו הילף" האָבען אַ זאָג געטאָהן מיט א צובראָכענעם הארץ דיא צוויי שכנים, „געוויס אָן גאָט טהוט זיך קיין זאַך ניט", האָט זיך אָנגערופען ר' נחום, „אַ גו־טע נאַכט, ליעבע בריעדער!" האָט גיזאָגט ר' חיים.—

אַלע זיינען געגאַנגען שלאָפען מיט צורודערטע קעפּלעך, פון דעם פרישען פלאַן, וואָס זיי פערשטעהען אַז דאָס וועט ניט אַזוי לייכט דורכגעזעצט ווערען, עס וועט זיין גענוג צו זינגען און צו זאָגען.....

.20

אסרו חג.

נאָר טאָג, איז דער גאַנצער עולם אויפגעשטאַנען אַבדאַוונען דעם ערשטען מנין, וואָס איז? מען דאַרף אַרויס טראַנספּאָרטירען דעם פסח פון דער שטוב, און אריין בריינגען דעם חמץ, טרעפט אדרבה וואָס פאַר א חמץ? איהר מיינט אפשר עפּעס עסענוואַרג? פע חלילה! פון וואַנען וועט מען עס אזוי גיך נע־מען? מען האָט הפנים עפּעס ארויסגעטראָגען? וואָס דען? מען דאַרף נאָר ארייַן נעהמען דיא חמצ'דיקע כלים.—

דער באָד גוי איז א פנים אויך שטאַרק געענגט אין מזומן, נאָ ער זאָל דע־

קען מיט זיינע פאפירען? וויא וועט מען זיי אבזעצען? אפשר אין דיא בענק פון באד? נישקשה, די בענק שוויצען אויך גאנץ גוט, מילא ער האט קיין מיטלען ניט, האט ער דיא שטאדט ארויסגעלאזט פון דעם קאנטראקט, אין אמת, האט איהם דער ב"ד שמש (זיין רעכטער בעל עצה אין געשעפט) גיגעבען צו פארשטעהן, אז עס טויג פאר איהם גאר ניט אזוי פיעל חמצ'דיגע כלים, עס זיינען אפילו גיוועז אזוינע כלים וואס זיינען טייערער גיוועז פון גאלד, א שטיינער, טשאלענט טעפלעך, און קוגעל טעפלעך אנטעקווארנע, נאך א ירושה פון עלטער עלטער באבעס, נאר פארן באד גוי זיינען זיי א קנאפע סחורה, ער וועט זיך דערמיט בעדארפען טענדלען א לאנגע צייט. ווארום קיין איד וועט שוין זיי ניט קויפען פון זיין האנד, און א גוי האט דאך טאקי פיינד אן אונריינע כלי א פארסמאלצעוועטע, זיי זיינען מקפיד אויף נקיות.—

בקיצור, דער עולם איז געבליעבען ביי זיין סחורה, און פון דעם מסחר האט זיך גאר נישט מיט נישט אויסגעלאזט, ביז האלבען טאג איז שוין אין שטוב פונ'ם פסח ניט געבליעבען קיין זכר, אלע ווייבער האבען אויסגעצעהלט דאס ביסעל מצה וואס האט זיך אבגעשטעלט, איבער געמאסטען דיא מצה פארפיל און דאס מצה מעל, גרויס קנאה איז געוועזן צווישען דיא ווייבער אויף דער וואס ביי איהר האט זיך מעהר אבגעשטעלט. עס איז דאך טאקי א חשבון, ביז שבועות וועט מען שוין פערשפארען מעהל אויף פארפיל און אויף קוגעל, כמה שבתים וועט מען שוין גאר קיין חלה באקען, דאס איז שוין פאר אן ארימען מאן א גאנצער עסק, עס געהט טאקי אראב א האלבע הוצאה,— דער כלל איז, דיא ערשטע עטליכע טעג נאך פסח, האט דער גאנצער עולם כמעט וויא געפאסט, עס פארשטעהט זיך, קיין גראשען איז ניטא ביי דער נשמה,אין שטוב איז פוסט ניטא קיין גרויפ, קיין קארטאפעל, קיין שמאלץ, קיין פוטער, עס איז נישטא ממש וואס צו נעהמען אין מויל אריין, עס איז גיקומען חאטש נעהם ארויס דיא ציין און צולייג זיי אויף דער פאליצע, מען האט זיך קוים קוים צו גישלאגען צום שבת וויא עס איז מיט גרויסע צרות, פארוקט א שטיקעל טשאלענט, און עס איז שוין ב"ה שבת קודש, ביי נאכט האט מען גימאכט קידוש איבער מצות, געזופט יויך מיט מצה פארפיל, און חאטש מען איז גיוועזן נאך שטארק הונגעריג, פון דעסטוועגען האט מען געבענטשט און גיזאגט „ואכלת ושבעת וברכת" ווארום לויט דעם דין איז מען מיט א כזית אויך יוצא און אפשר טאקי זאט....

שבת פריה אין דיא שולעכלעך נאכ'ן לייענען, האט דער חזן גיבענשט „בה"ב" טרעפט וואס דאס איז? עס הייסט: דער עולם זאל פאסטען „שני וחמישי ושני" „מאנטיג און דאנערשטאג" און ווייטער „מאנטאג" פאר וואס? וואס האט מען נעבאך צום עולם? וואס האט מען דא געטהאן אזעלכעם פאר א פערברעכען? און וויעדער וואו שטעהט דאס, אין דער תורה? דאכט זיך אז ניין, וואס דען? די גמרא אפשר האט דאס אויפגיטאהן? אויך ניט, נא ניט מעהר,

גלאַט פריש און געזונד און משוגע, דארען דריי טעג און מען ווייסט ניט וואָס און ווען!

וואָס זאָגען זיי? עס איז א „מנהג ותיקין" נאַ דיר נייע מנהגים, ווידער פרעג איך אייך, ווער איז דאָס דער „ותיקין?" גלאַט אָהן ווערטער „ותיקין" איך וויל אָבער וויסען, ווער? ווערמען? וויא גיפעהלט אייך אזא געשיכטע? נאָר לאָמיר זעהען עס מוז דאָך פאָרט עפּעס זיין? דער ותיקין האָט דאָך פאָרט געמוזט האָבען עפּעס א פּלאַן, אהאַ! עס איז דאָ, און חלעבען ניט קרום, (נאָר וויא א קאָטשערע) וואָס איז? עס שטעהט אין איוב (א' ד' ה') „והלכו בניו ועשו משתה בית איש יומו, ושלחו וקראו לשלשלת אחיותיהם לאכול ולשתות עמהם: ויהי כי היקיפו ימי המשתה וישלח איוב ויקדשם והשכים בבוקר והעלה עולות מספר כלם, כי אמר איוב אולי חטאו בני וברכו אלהים בלבבם, ככה יעשה איוב כל הימים" דאָס הייסט: איוב האָט מורא גיהאַט אַז אין דיא זיבען טאָג וואָס זיינע קינדער האָבען פערבראַכט אין עסען און טרינקען, האָבען זיי אפשר חוטא געווען געגען גאָט, דעריבער האָט ער מקריב געווען קרבנות, דעריבער האָט מען מתקן גיווען יעצט אויך דריי תעניתים צו מכפר זיין פיליכט האָט מען אפשר אין דיא 8 טעג יו"ט פון גרויס ראָשקאָש גיטאָהן עטוואָס וואָס ניט רעכט איז? נאָ מהיכא תיתי גוט באַוואָרענט, איך האָב פיינט צו זאָגען, מען זעהט דערפון וויא וויט דער ותיקין איז געלעגען אין טובת הכלל 1) פון

1) עוד הפעם לא אוכל להתאפק, נאָך אַ מאָל קאָן איך מיך ניט אויפהאַלטען פון צו זאָגען צו אַזעלכע בעלי טובות „השפעתם עלינו רוב טובה, אבל אין אנחנו יכולים לקבל" עס הייסט: איהר ווילט משפיע זיין אויף אונז א סך טובות, נאָר מיר האָבען שוין ניט קיין כוח זיי מקבל צו זיין, באמת פרעג איך דיא בעלי טובות, פאַר וואָס ווילט איהר זיין קליגער פון דער הייליגער תורה? פאַר וואָס האָט זיא אליין נישט געהייסען פאַסטען, פאַר שרעק, אפשר וועט מען פון גרויס שמחת יו"ט עפּעס טאָהן אַן עברה, מען זעהט דאָך וויא אונזער תורה האָט פיינד געהאַט תעניתים, אַז זיא האָט מעהר ניט געבאָטען נאָר איין תענית אין יאָהר, און ווייטער ווערט ניט דערמאָנט פון פאַסטען און פון סיגופים מיר זעהן א וואונדערליכע זאַך, אַז אידען אין דיא פאָריגע צייטען האָבען גאָר ניט געהאַט קיין בעגריעף, אַז מיט אַ תענית זאָל מען גיפעהלען גאָט, דאַרום שטייט ניט אין פסוק אַז אידען אין מצרים האָבען גוזר תענית גיווען, עס שטייט נאָר „ויאנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו, ותעל שועתם אל האלהים מן העבודה" (שמות ב' כ"ג) דאָס הייסט: זיי האָבען תפילה גיטאָהן צו גאָט. בשעת עמלק איז דאָס ערשטע מאָהל אָנגעפאַלען, האָט משה אויך ניט געהייסען גוזר תענית זיין, נאָר ער האָט געהייסען האַלטען מלחמה מיט איהם (שמות י"ז)— ביי דער מגפה אין דער מדבר האָט אהרון אויך ניט גוזר תענית געווען, ער האָט גיזוכט אַנערע תחבולות (במדבר י"ז).

דעססטוועגען ברויכט מען דאָך גוט בעטראַכטען דיא טובה, פיליכט מעגין מיר זאָגען, דאָס גלייך ווערטעל פון דער גמרא: „שקול טובתך ושדיא אחיזרא" (שבת ס"ג) דאָס הייסט: „נעהם זיך דיין טובה און וואַרף זיא אויף דערנער".

לאָמיר נאָר גוט בעקוקען צו מיר אידען זיינען גלייך אין דעם פאַך צו איוב'ס קינדער, מען קאָן זיך גוט פאָרשטעלען אז וועדליג איוב איז געווען א גרויסער גוטבעזיצער, געהאַט כל טוב, בהמות און אָקסען, געטריידע און פערשי־דענע פרוכטען, נאָ אַז מען האָט געמאַכט אשמחה זיעבען טאָג דורכאַנאַנד, האָט מען געווים ניט גיגעסען קיין הייסע וואַסער מיט מצה פארפיל, מען האָט ניט געקויפט אין יאַטקע 3 פונט פלייש סטערוואַ גאָלע ביינער 20 קאָפּיקעס א פונט, איוב איז ניט געגאַנגען צו זאַנוויל שענקער נעהמען אַ קוואַרט יין צמוקים פאַר 15 קאָפּיקעס, נאָר וואָס דען? מען האָט טאַקי געגעסען גוט פלייש, גוטען בראָ־טען אָהן אַ שיעור און אָהן אַן ערך, גיטרונקען דעם בעסטען גוטען וויין, וויא פיעל דאָס הארץ האָט געלוסט, נאָ ביי אַזאַ הוליאַנקע קאָן אפשר זיין, אז מען זאָל עפּעס טאָהן וואָס ניט רעכט איז.—

בקיצור, אין דער גאַנצער צייט פון משה און פון יהושע בן נון, זעהט מען ניט און מען הערט ניט קיין תעניתים, אויך אין דער צייט פון די שופטים, וואָס עס זיינען גיוועזן צרות אויפ'ן פוד, הערט מען ניט אַז מען האָט גיזוכט סגולות פון תעניתים, נאָר ערשט ביי דער מעשה פון פלגש בגבעה שטייט: „ויבאו בית אל ויבכו וישבו שם לפני ה' ויצומו ביום ההוא עד הערב (שופטים ב' כ"ו)" און אויף דעם קאָן מען שוין זאָגען „ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם" עס הייסט זיי האָבען זיך אָפּגעלערענט פון דיא גוים, וואָרום תעניתים ז נען א גוישע המצאה (איהר ווייסט אַז די זאַך פון תעניתים און סיגופים וואַקסט ארויס נאָר פון דיא געצען דיענער, ווער עס האָט גילעזען פון זייערע כהנים, וואָס פאַר א סיגופים זיי פלעגען זיך אָנטאָהן גרוילט אַזש דאָס לייב צו הערען, זייערע כהנים זיינען על פי רוב גיוועזן בעלי מומים, צו ביילטע, צו קיילטע, וואָס פלעגען זיך אַליין מאַכען פאַר קאַליקעס, דאַרום זאָגט דיא תורה אין ויקרא: „לא יקרחו קרחה בראשם, ופאת זקנם לא יגלחו, ובבשרם לא ישרטו שרטת" אַז כהנים טאָרען זיך ניט מאַכען פלעכעוואַטע,און זיי טאָרען ניט צו קראַצען זייער פלייש, און אום אויסצורייסען זייער פלאַן אַז גאָט האָט הנאה אַז זיינע דיע־נער טהוען זיך אָן יסורים, האָט דיא תורה גאָר פערבאָטען אַז א כהן א בעל מום טאָהר ניט מקריב זיין קיין קרבנות), מען זעהט א פאַקט, אַז אין „נינוה" בשעת יונה הנביא האָט זיי גיזאָגט אַז עס איז שלעכט מיט זיי, און זי זייען דאָך גיוועזן געצען דינער, האָבען זיי די ערשטע זאַך גוזר תענית גיוועזן, ניט נאָר אויף מענ־שען, אפילו אויף בהמות אויך,איהר פערשטעהט, וואָס א פאַנאַטיקער קען טאָן? אמת,זיי האָבען איינער דעם אַנדערן גזלות אויך אָבגעגעבען, אזוי ווי עס שטייט „ומן החמת אשר בכפיהם" נאָר צו וואָס האָט מען נאָך בעדאַרפט די תעניתים?

און וויעדער ער האט דאך ניט געהייסען פאסטען און דארען, ער האט גיבראכט קרבנות, רינדער האט ער גיהאט גענוג, און וואס פאר א ווערטה האבען דאמאלס געהאט עטליכע בהמות? און ווער וויים ניט אז דאס איז געווען א גוסט פון א פרומען געצענדיענער? (און צווייטענס איז דאך עפעס גאר א סברא אז דיא גאנצע געשיכטע מיט איוב'ן איז גאר ניט געווען נאטירליך, דאס איז גאר נאר א פארשטעל פון א שרייבער, עס געפינט זיך דאך גאר איינער טאקי אין דער גמרא וואס זאגט: „איוב לא היה ולא נברא אלא משל היה).

אבער וואס רעדט מען מכח אונז אידען? וואס האבען מיר דא גיגעסען? איך וויים ניט צו יעדער האט אויפגעגעס'ן איבערן גאנצען פסח א פונט פלייש? היינט דאס גרויסע שכרות וואס יעדער האט אריין געחאפט בוודאי א גאנצע קווארט זאנווילס וויין דורכ'ן גאנצען פסח? נא דורך דעם קאן מען אויך טאהן עבירות חלילה? אפשר פן דעם מעד מיט דיא חרעמזלעך פן אחרון של פסח? זעהט איהר דאס איז שוין א שטיקעל סברא.—

וואס שטעהט דערנאך: „וירא האלהים את מעשיהם כי שבו מדרכם הרעה" האט דיא גמרא גוט בעמערקט און זאגט: „את שקם ואת תעניתם לא נאמר, רק את מעשיהם כי שבו מדרכם הרעה" עס הייסט: גאט האט אויף זיי רחמנות גיהאט, פאר דעם וואס יעדער האט אפגעגעבען דעם גאנצען גראביעזש וואס עס האט זיך ביי איהם גיפונען, אבער ניט דערפאר וואס זיי האבען זיך אנגעטאהן אין זעק און גיפאסט, דאס האט גאר קיין ווערט ביי גאט. איהר פערשטעהט א טהייערע בעמערקונג פון דער הייליגער גמרא?—

זכריה הנביא האט ניט געזאגט פון גאט'ס וועגען: „כי צמתם וספוד בחמישי ובשביעי וזה שבעים שנה, הצום צמתני אני? וכי תאכלו וכי תשתו הלא אתם האכלים ואתם השתים (זכריה ז')" איהר הערט א שמועס וויא איינער רעדט! וואס אינטערעסירט מיך אייער עסען אדער אייער פאסטען? מיר געהט נאר אין דעם: „משפט אמת שפוטו, וחסד ורחמים עשו איש את אחיו, ואלמנה ויתום גר ועני אל תעשקו ורעת איש אחיו אל תחשבו בלבבכם" דאס הייסט: זייט נור עהרליכע לייט און טהוט קיינעם קיין בייז ניט, אט דאס פערלאנגט גאט פון אייך, דערפון זעהט מען אז דער גאנצער ענין פון תענתים וואקסט נאר פון דיא געצען דיענער, און ביסלעכווייז האט זיך דאס אריין גערוקט צו אידען.—

ישעיה און ירמיה. האבען שוין שטארק געקריטיקירט דעם ענין פון דיא תענתים, זיי האבען געזעהען וויא דיא וועלט איז פערנארישט, און רעדט זיך איין אז תענתים זיינען מכפר אויף אלע זינד, און דערמיט שמייכעלט מען זיך צו צו גאט, אזוי א שטייגער וויא זיי האבען געמיינט מיט דיא קרבנות, דארום האט ירמיה ביידע צוזאמען גינומען, און האט געשריען אויף דיא ביידע (ישעיה נ"ח ירמיה י"ד).

קאַרג איז מען פאַרשוואַרצט געוואָרען פיער וואָכען פאַר פסח, אים פסח אַליין, ב"ה אויך געגעסען קדחת מיינע שונאים, היינט נאַ דיר אַ צובייסונג תיכף נאָך יום טוב, דאַר נאָך דריי טעג אין תענית, עס האָט פאַק אַ שעהנעם נאָמען "בה"ב" וויא געפעהלט אייך אזא רציחה פון דעם ותיקין? אַז דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרען, האָבען אונזערע חכמים מעהר ניט מתקן געוועןן וויא איין תענית, אַי דאָס זאָגט דיא גמרא אין מגלה, „בקש רבי לעקור תשעה באב"רבי האָט געוואָלט דעם תשעה באב אויך מבטל זיין,און פאַר אַ פונט פלייש און אַ קוואָרט ראָזינקע ווייז אין אַכט טעג זאָל מען סאָחנען? זעהר אַ קלוגער מנהג? און נאָך דריי טעג! איינער איז נאָך ווענינ? דיא המצאה גיפעהלט מיר, אַז מען האָט שוין גאָר ניט וואָס צו זאָגען, זאָגט מען גלאַט, אַז דאָס איז אַ מנהג

„אחאָב" מלך ישראל וואָס ער איז געוועזן אַ רעכטער געצען דיענער, האָט אויך שטאַרק גיהאַלטען פון תענתים, און בפרט זיין ווייב „איזבל" וויא מען זעהט ביי דער נבלה פון דעם כרם נבות היזרעאלי, דיא ערשטע עצה מיט וואָס נעהמט מען דעם עולם, מי אַ תענית'ל, „קראו צום" (מלכים א' כ"א) אַז דוא וועסט נאָר אָפפאַסטען, ביסטו שוין גידעקט, וועסט שוין מעגען האַרגענען אַ מענשען. —

בקיצור, פון דיא אַלע רייד, זעהען דאָ מיר: אַז דיא תורה, און דיא נביאים אַליין האָבען מרחיק געוועזן אַלע תענתים, אַלע סיגופים, וואָס אַנדערע נאַצי־אָנען האָבען אין דעם עוסק געוועזן, און בעזאָנדערס זייערע כהנים, אַזוי וויא מען זעהט גאָר דייטליך ביי דיא כהנים פון אחאָב, אַז זיי האָבען געוואָלט פועל זיין ביי דעם בעל, אַז עס זאָל אַראָפ אַ פייער, שטעהט: „ויתגודדו כמשפטם בהרבות וברמחים עד־שפך־דם עליהם" (מלכים א' י"ח) און פון דעסטוועגען האָבען זיך דיא אַלע זאַכען איינגעוואָרצעלט ביי אונז אידען.—

דיא ספרי מוסר, און נאָך מעהר דיא מקובלים האָבען אויפגיגעבען דיא גוטע פלענער פון תעניתים, גאָר לרוב, פון שרעקליכע סיגופים, קאַטשען זיך אויף שנעה, שטעהן אויף רעטשקע, שלאָפען אויף שטיינער, חלעבען ניט קרום, זיך גוט אַרויף גישלאָגען! גוטע טובות האָבען אונז גיטאָהן אַזוינע נאַרישע מחברים, אַקוראַט וויא דיא שלעכטע מנהגים פון דיא געצען דיענעריי, גימאַכט תעניתים מיט פערשיעדענע נעמען, „10 טעג, ערב ראש חודש, מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, אַ מאָהל אַ הפסקה" היינט תעניתים מכח עבירות, וואָס האָבען גאָר קיין צאָהל, מספרים יקנה"ז פון תר"ם, אַזוינע ספרים קאָנען מאַכען משוגע מענשען.

אָט אַזוי איז דאָס אַז מען געהט אַראָב פון'ם דרך התורה, און מען וויל אויפטאָהן חדשות און טאָהן טובות מענשען, כדי זיי זאָלען זיין פאַרזאָרגט מיט עולם הבא, נאָר דער אמת איז, שומר נפשו ירחק מהם.

ותיקין? וואָס ותיקין? ווען ותיקין? איך וועל זיך גאָר ניט שעהמען, איך ווייס אפילו גאָר ניט דיא טייטש ניט פון דעם וואָרט „ותיקין" אז אָסור!—מילא וואָס העלפט דאָ דיא רייד, רייד יע, רייד ניט, דער עולם פאַסט „בה"ב", מען זאָגט סליחות, א סך זיינען צופריעדען אַז עס מאַכט זיך זיי עפּעס נאָר א תענית, עס איז בלא זה ניטאָ וואָס צו עסען, איז דאָך שוין גלייכער אז מען רעדט זיך איין אז מען הונגערט פון גאָט' וועגען, דערווייל הייסט מען טאַקי א פרומער איד אויך......

אָ, אָרימע און שמוציגע זומפּף ליטא! ווען וועלען שוין דיינע אונגליקליכע שטיפקינדער, דיא אידען, פטור ווערען דיינע בלאָטעס, בעזעצען זיך אין אנ־דערע ערטער פון דעם גרויסען רוסלאַנד, און זיין מענשען וויא מענשען דאַרפען זיין.

ע נ ד ע.